STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07927

MIT A DINEM SHTRIKH

Yemimah Tchernowitz-Avidar

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ימימה טשערנאָוויץ-אבידר



מיט אַ דינעם שטריק



קיום
35
שה פייגענבלום.

ימימה טשערנאָוויץ-אבידר

מיט אַ דינעם שטריך

איבערגעזעצט פון עברית:
זלמן הירשפעלד, משה שענדעריי, מ. גרובשטיין און י. אַדין

צייכענונגען:
י. ראַטנער-מירסקי

פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

בוענאָס-איירעס 1964 — ה'תשכ"ד

פאַרלאַג „קיום" דריקט אויס אַ האַרציקן
דאַנק די פאַרטרעטערשאַפטן פון
בנק לאומי לישראל ב. מ.
ישראל דיסקונט בנק לימיטעד
שווייץ־ישראל בנק
פאַר דערמעגלעכן דאָס דערשיינען פון
דאָזיקן בוך.



ניִשט
אויף קײן
זילבערנער טאַץ...

נישט אויף קיין זילבערנער טאַץ...

די מדינה איז אונדז נישט אונטערגעטראָגן געוואָרן אויף קיין זילבערנער טאַץ. אַ סך בלוט און שווייס איז פאַרגאָסן געוואָרן אויף דער ערד פון ישראל. נאָך ביז היינט צו טאָג באַוויינען די מאַמעס זייערע זין וואָס זענען געפאַלן, די זין וואָס זענען אַרויס קעגן שונא און זיך מער נישט צוריקגעקערט. עס זענען געפאַלן היים געליבטע זין, דער שטאָלץ פונעם פאָלק. דער ווייטיק איז אַ טיפער און ברענענדיקער. אָבער דער וואָס קומט היינט צו טאָג קיין מדינת ישראל, זעט אירע מענטשן, הערט דעם געלעכטער פון אירע גליקלעכע קינדער און הערט זיך צו צו די טע־נער פונעם געזאַנג פון אַרבעט און בוי מוז זיך אויך צו־הערן צו אַנדערע טענער, ער מוז געדענקען און זיך דער־מאָנען אָן די יעניקע וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס, כדי מדינת ישראל זאָל קענען זיין דאָס וואָס זי איז.

אין די קאַפּיטלען פונעם בוך געפינען זיך אויך איי־ניקע פאַרצייכענונגען פון די אויפקום־טעג פון דער מדינה, פון יענער תקופה ווען די מיטגלידער פון דער הגנה האָבן אין געהיים געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער מדינה.

אין די דאָזיקע פאַרצייכענונגען האָב איך געפּרוווט ברענגען צום אויסדרוק יענע ערשטע טעג, ווען מיר זענען געווען שיכור מיט „מדינה־שיכרות".

אפשר איצט, נאָך אַזויפיל יאָרן זעען די זאַכן אויס אַ ביסל איבערטריבן. אָבער אַזוי האָבן מיר געפילט דעמאָלט, אין יענע טעג און דעריבער זענען די געשעעניש אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל פאַרגעבראַכט געוואָרן אינעם נוסח פון: והגדת לבנך...

ערב יום־טוב

ווי אַ שווער סאַפּנדיקע זקנה איז דער אויטאָבוס געפֿאָרן באַרג־אַרויף. דער מאָטאָר האָט געקרעכצט און געשיפּעט ווי ער וואָלט זיך געראַנגלט מיט יעדן קילאָמעטער שאָסיי וואָס ער האָט באַדאַרפֿט דורכמאַכן. דאָס איז געווען דער לעצטער אויטאָבוס פֿון תל־אביב קיין ירושלים און אַלע פּאַסאַזשירן האָבן זיך געאײַלט אַהיים, כּדי צוצוגרייטן זיך אויפֿצונעמען דעם יום־טוב. די פּאַסאַזשירן האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַן אָפּשפּיגלונג בזעיר־אנפּין פֿון דער נײַער ישׂראל מיט איר גאַנצער פֿיל־געשטאַלטיקייט. דער אויטאָבוס איז געגליכן געווען צו אַן אויסטערלישן און טשיקאַווען קיבוץ־גלויות. אין איין ווינקל איז געזעסן אַ ייִד פֿון די אַטלאַס־בערג אײַנגעהילט אין אַ פֿילפֿאַרביקער פֿעלערינע, און נעבן אים גרויסע פּעק. אין אַ צווייטן ווינקל איז געזעסן אַ תּימנער. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ קליין סידורל פֿון וועלכן ער האָט אויף קיין איין רגע נישט אַוועקגענומען זײַנע אויגן און האָט אָן אויפֿהער געזאָגט תּפֿילת־הדרך. אַן אַמעריקאַנער טוריסט באַהאָנגען מיט פֿאָטאָגראַפֿישע אַפּאַראַטן איז געזעסן נעבן פֿענצטער און געקוקט אויף די פּייזאַזשן וועלכע זײַנען דורכגעלאָפֿן פֿאַר זײַנע אויגן. אַ יונגער סטודענט האָט אײַנגעחזרט זײַנע לעקציעס. ער האָט פֿון צײַט צו צײַט אָפּגעווענדט זײַנע אויגן פֿונעם בוך וואָס ער האָט געהאַלטן אויף די קני, באַמיִענדיק זיך, ווײַזט אויס, צו פֿאַרגעדענקען די זאַכן וואָס ער האָט געלייענט. אויפֿן ערשטן בליק האָט עס אויסגעזען צו זײַן אַן אויטאָבוס וואָס פֿאָרט פֿון תל־אביב קיין ירושלים, אָבער אין דער אמתן איז עס געווען אַ לעבעדיקער קערפּער וואָס פֿאַרמאָגט אַלע געזיכטער פֿון דער נײַער און וויברירנדיקער ישׂראל.

אויף אַ פּלאַץ נעבן פֿענצטער איז געזעסן אַ פֿרוי מיט זילבערנע האָר און מיט אויגן צוגעשמידטע צום שאָסיי, וואָס האָט זיך געשלענגלט פֿאַר איר בליק. ס׳איז קענטיק געווען, אַז די עלטער האָט זיך אַרויפֿגערוקט אויף איר פֿאַר דער צײַט און אַז זי האָט נישט געוואָלט אָדער נישט געקאָנט קעמפֿן מיט די שפּורן וואָס די עלטער האָט אויף

איר געלאָזט. הגם זי איז געזעסן צוזאַמען מיט אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר 12 האָט זיך געמערקט, אַז זי האַלט זיך אָפּגעזונדערט און אַז עס ווייעט פֿון איר מיט אַן איינזאַמקייט, ווי דאָס איז דער פֿאַל מיט מענטשן וואָס לעבן זייער אייגן לעבן און מישן זיך נישט אין דער געזעלשאַפֿט אין וועמענס מיט זיי געפֿינען זיך. די מערסטע פּאַסאַזשירן האָבן געפֿירט צווישן זיך אַ שמועס, בלויז די פֿרוי איז געזעסן אַליין און האָט גע־שוויגן דעם גאַנצן וועג.

דער מאָטאָר האָט געקרעכצט און געסאָפּעט און האָט מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט.

— דאָס טאַקע האָט געפֿעלט — האָט זיך געבייזערט דער שאָפֿער,

— ווייזט אויס, אַז אויך אַן אויטאָמאָביל באַדאַרף האָבן רו. נישטאָ קיין ברירה, מיר וועלן זיך דאָ פֿאַרהאַלטן אייניקע מינוטן און דאַן וועלן מיר פֿאָרזעצן אונדזער וועג.

— גראָד איצט, ערב יום־טוב, האָט עס געדאַרפֿט טרעפֿן, — האָבן זיך געערגערט די פּאַסאַזשירן, — מיר זאָלן חלילה נישט אַריינפֿאָרן אין ירושלים אין מיטן יום־טוב.

דער תימנער מיטן סידור אין האַנט איז געווען זייער באַזאָרגט.

— זאָרג זיך נישט, ייִדעשי, דו וועסט נאָך באַוויזן זיך איבערצו־טאָן און גיין אין שיל אַריין דאַווענען, — האָט אים געטרייסט דער שאָפֿער מיט אַ געמיטלעכקייט מיט וועלכער עס צייכענען זיך אויס די אויטאָבוסן־שאָפֿערן פֿון ירושלים וואָס האָבן אַליין דורכגעמאַכט די טעג פֿון שלאַכטן, באַלאַגערונג און מלחמה און האָבן קיינמאָל נישט אַרויסגעלאָזט דעם רודער פֿון זייערע הענט.

— אפֿשר קאָן מען אַראָפּגיין כאַפּן פֿרישע לופֿט? — האָט גע־פֿרעגט איינער פֿון די פּאַסאַזשירן און אַז ער האָט באַקומען די צו־שטימונג פֿונעם שאָפֿער, האָבן אויך די אַנדערע פּאַסאַזשירן אָנגעה־הויבן אַראָפּגיין פֿון אויטאָבוס און אויסגלייכן די גלידער וואָס זענען פֿאַרשטייפֿט געוואָרן במשך דער רייזע צווישן ירושלים און תל־אביב.

די פֿרוי מיט די זילבערנע האָר וואָס איז געזעסן נעבן פֿענצטער גלייכגילטיק צו אַלץ וואָס איז פֿאָרגעקומען אין עפֿנטלעכן אויטאָבוס, האָט די ערשטע זיך געאײַלט אַראָפּצוגיין.

— וווּהין אײַלסטו זיך אַזוי? האָסט אַ באַגעגעניש מיט עמעצן?

— האָט געפֿרעגט דער שאָפֿער מיט אַ טאָן פֿון הומאָר וואָס איז כאַ־ראַקטעריסטיש פֿאַר די ישראל־שאָפֿערן.

— יאָ, אַ באַגעגעניש — האָבן געפּליסטעװעט די ליפּן פון דער פרוי און ס׳האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט גערעדט מיט זיך אַליין.

די פּאַסאַזשירן זענען אַרויס פון אויטאָבוס און האָבן זיך אַרומגעקוקט וואָס עס טוט זיך אַרום. דאָס איז געווען דער אומקרייז נאָך שער הגיא, און פון ביידע זייטן אויטאָבוס האָבן זיך אויסגעשפּרייט שאָטנדיקע װעלדער וואָס האָבן באַצירט די פעלדזיקע בערג ווי מיט אַ גרינעם טעפּיך.

— זעט נאָר, זעט נאָר, פעלד-בלימעלעך, — האָט מיטאַמאָל אויסגערופן אַ יינגל וואָס איז געשטאַנען נעבן זיין מוטער אויפן ראַנד פון שאָסיי. ער האָט בשעת-מעשה אָנגעהויבן שנעל שפּרינגען און טאַנצן צווישן די פעלדזן און אָפּרייסן אַלץ וואָס איז אונטערגעקומען אונטער זיינע קליינע הענטלעך: קאָלירפולע בלומען, לאַנג-שטענגיקע דערנער און ווילדגראָז וואָס איז געוואַקסן אַרום, אויפן ראַנד פון וועג.

— אין תוך איז דאָס נישט קיין שלעכטער געדאַנק — האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די פּאַסאַזשירן און ער האָט זיך געלאָזט גיין נאָך דעם יינגל. און מיטאַמאָל, ווי אויף אַ באַפעל פון אויבן, האָבן די פּאַסאַזשירן זיך צעשפּרייט צווישן די פעלדזן און זיך אַ נעם-געטאָן צו רייסן די אויסטערלישע בלומען און דערנער.

— בלומען אַ היים לכבוד יום-טוב, — האָט געשמייכלט דער שאָפער, וואָס איז פאַרבליבן זיצן אין אויטאָמאָביל, אָנגעלענט אויפן רודער, געדרויכערט געמיטלעך אַ סיגאַרעט און געהאַט הנאה פון קורצן אָפּרו וואָס איז אים אונטערגעקומען אומגעריכט.

די זילבער-האָריקע פרוי האָט מיטאַמאָל אויך גענומען קלעטערן אויפן באַרג. געווען עפּעס אַ ווידערשפּרוך צווישן איר מיט קנייטשן צעאַקערט פּנים און אירע פלינקע און שנעלע טריט. זי האָט געקלעטערט דורך אַ באַהאַלטענער סטעזשקע, אָפּגעזונדערט פון דער גרופּע און באַלד איז זי צוריקגעקומען מיט אַ בוקעט פעלד-בלימעלעך, באַצירט מיט דערנער פון אַלע זייטן. אָבער אַנשטאָט צו גיין צום אָמניבוס, ווי דאָס האָבן געטאָן אַלע פּאַסאַזשירן, האָט זי זיך פאַרקירעװעט צום צווייטן זייט שאָסיי און איר אופן גיין איז געווען ווי פון אַ מענטשן וואָס גייט צו אַ פאָראויס באַשטימטער באַגעגעניש.

— העי, וווּ גייסטו, — האָט איר נאָכגעשריען דער שאָפער, אָבער די פרוי האָט זיין שטימע נישט געהערט. זי האָט זיך געלאָזט גיין

גלייך צום פאַרזשאַווערטן טענדער, וואָס איז געלעגן ביים זייט פון וועג.

— ווייזט אויס, אַז עמעצער פון איר משפחה איז געפאַלן אין די קאַראַוואַנען וואָס זענען געפאָרן קיין ירושלים, — האָט דער שאָפער אויפגעקלערט דעם טוריסט וואָס איז געזעסן הינטן און האָט נאָכגע־פאָלגט יעדע באַוועגונג פון דער פרוי.

— און וואָס איז עס פאַר אַ צעבראָכענער אויטאָ? — האָט גע־פרעגט דער טוריסט אין אַ צעקאַליעטשעטן העברעיִש, און איז גלייך דערנאָך אַנטשוויגן געוואָרן. ותיקים וואָס האָבן זיך געפונען אין אויטאָבוס האָבן אים דורכגעשטאָכן מיט זייערע בליקן אָנגעלאָדן מיט גרימצאָרן.

אָבער דער שאָפער האָט פאַרגעזעצט זיינע דערקלערונגען גע־לאַסן און באַזאָכט:

— דאָס זענען רעשטן פון די אויטאָמאָבילן וואָס זענען געפאָרן קיין ירושלים און זענען אַטאַקירט געוואָרן דורך אַראַבער; און כדי דער יונגער דור און טוריסטן ווי דו זאָלן קאָנען און געדענקען די יע־ניקע וואָס זענען געפאַלן, האָבן מיר דאָ איבערגעלאָזט די אויטאָמאָ־בילן אַלס געדעכעניש. — מיר האָבן איבערגעלאָזט — האָט ער גע־זאָגט, און פונעם אופן ווי ער האָט דאָס געזאָגט, איז קענטיק געווען, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין דער אויפגאַבע. ער האָט קוים פאַר־ענדיקט רעדן און האָט אָנגעהויבן אונטערזינגען דאָס ליד: „באב אל ועד, לנצח זכור נא את מתינו, שירות עלו בדרך אל העיר, בצדי הדרך מוטלים מתינו, שלד הפלדה...”.

ער האָט געזונגען שטיל און זיינע אויגן זענען געווען צוגעשמידט צום געשטאַלט פון דער פרוי, וואָס איז געזעסן אויפן פאַרזשאַווערטן טענדער און אירע הענט האָבן געצערטלט דעם קאַלטן אייזן. דעם בוקעט בלומען האָט זי אַריינגעוואָרפן דורכן אָפענעם פענצטערל. זיי זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן אינעם אינגעווייד פונעם אויטאָמאָביל, ווי זיי וואָלטן פאַרשלונגען געוואָרן דורך דעם מויל פון אַן אייזערנעם ריז.

די הענט פון דער פרוי האָבן געגלעט דאָס פאַרזשאַווערטע אייזן און אירע ליפן האָבן געפּליסטערט:

— דני מיינער, עס איז איצט ערב יום־טוב און אַלע קערן זיך אום צו זייערע היימען, צו זייערע קינדער, צו זייערע משפחות. דער

טאַטע וואַרט אויף מיר אין שטוב, אויך די אייניקלעך וועלן קומען. צוליב זייערטוועגן היטן מיר אָפּ דעם יום-טוב אין שטוב, פּראַוועון מיר דעם יום-טוב מיט דעם קליינוואַרג. זע, דני, אַט האָב איך דיר געבראַכט פעלד-בלימעלעך. דו געדענקסט, דני, ווי מיר האָבן ביידע געקלעטערט כדי צו רייסן פעלד-בלימעלעך. זינט דו האָסט אָנגעהויבן גיין פלעגסטו קלעטערן אויף די בערגלעך און רייסן בלומען. איז ווײַן נישט. דו האָסט דאָך מיר געזאָגט: „מאַמע, ווען איך בין געווען אַ קינד האָסטו מיך געלערנט צו באַהערשן דעם ווייטיק און נישט וויינען. אויב דו וועסט אומפאַלן, דני, זאָלסטו אויפשטיין און גיין פאָרויס”. אַזוי האָסטו מיר אָנגעזאָגט, מוטער, און אַ דערוואַקסענער שוין, האָב איך דיר געזאָגט: „אויב איך וועל פאַלן, שטיי אויף, מוטער, אָן טרערן און אָן געוויין”. איך האָב נישט געוויינט, דני מיינער, איך האָב נישט געוויינט די אַלע יאָרן זינט דו ביסט געפאַלן אין קאַראַוואַן וואָס איז געפאָרן קיין ירושלים. זון מיינער, זעסטו דאָס גוטע לעבן, פול מיט אינהאַלט און מיט גליק וואָס דו האָסט איבערגעלאָזט נאָך זיך? מיט דיין טויט האָסטו זיי פאַרזאָגט דאָס לעבן. זעסטו דאָך אַלץ? זעסטו די שטעט וואָס זענען אויפגעקומען אין מיטן מדבר, די שיפן מיט עולים וואָס קומען אָן, זעסטו ישראל וואָס אַנטפלעקט זיך מיט אַזויפיל געשטאַלטן? וועגן דעם האָסטו דאָך געחלומט, דני, און דיין חלום זעען מיר איצט אַלע פאַרווירקלעכט, מיר אַלע — אויסער דיר.

אירע ליפּן האָבן שטיל געפּליסטערט און אירע הענט האָבן געצערטלט דעם קאַלטן פאַרזשאַווערטן אייזן; און דאַן האָט מיטאַמאָל אַ טרער זיך אַראָפּגעקייקלט פון אירע אויגן. אַן איינאונאיינציקע טרער האָט אַראָפּגערונען אויפן ראַנד פון פענצטערל פון טענדער.

— ניין, האָט זי געזאָגט און האָט שנעל אָפּגעווישט די טרערן, — די מאַמע וויינט נישט, ניין! איך וויין נישט.

זי איז שנעל אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזט גיין גיך צום אויטאָבוס. אַלע פּאַסאַזשירן זענען שוין געזעסן אויף זייערע ערטער, אַלע האָבן גערעדט, זיך געהיצט און אונטערגעאיילט דעם שאָפער ער זאָל וואָס שנעלער אָנהייבן פאָרן. אָבער דער שאָפער איז געזעסן רויק און געוואַרט אויף דער פרוי. ווען זי איז אַריין אין אויטאָבוס, האָט ער זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן, איז איר אַנטקעגנגעגאַנגען, ווי מען איז זיך נוהג מיט אַ חשובן גאַסט און שווייגנדיק האָט ער זי באַגלייט ביז איר זיץ-פּלאַץ.

— גוט וואָס דו האָסט פון אונדז אַלעמען אים אַ גרוס געבראַכט, ס'איז דאָך היינט ערב יום־טוב, — האָט ער געזאָגט.

— יאָ, ערב יום־טוב, — האָט די פרוי אַ זאָג־געטאָן און האָט מיט אירע טיפע אויגן אַריינגעקוקט אין געזיכט פון שאָפער.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט איינע דעם אַנדערן און אַ שטומער דיאַ־לאָג, אַ פיל־זאָגנדיקער דיאַלאָג איז אָנגעגאַנגען צווישן רעדנדיקע אויגן.

— וואָס ווייסן זיי, — האָט זיך געדוכט ווי ס'וואָלטן געזאָגט די אויגן פון שאָפער, וואָס זענען געווען צוגעשמידט צום געזיכט פון דער פרוי.

אין דעם מאָמענט האָט דער שאָפער געלאָזט אין באַוועגונג דעם מאָטאָר און דער אויטאָבוס האָט גענומען קלעטערן באַרג־אַרויף.

— באב אל ועד לנצח זכור נא את מתינו, — האָט דער שאָפער געזונגען הויך אויף אַ קול.

אויפן ראַנד פון שאָסיי האָט געלויכטן דער פאַרזשאַווערטער טענדער און אַ טרער האָט געפינקלט אויף אים אין שיין פון דער פאַרגייענדיקער זון.

יידיש: מ. גרובשטיין

זי איז געשטאַנען און געוויינט...

ווען די הויכרעדערס האָבן זיך צעדונערט איבער די גאַסן פון דער שטאָט און ס'האָבן זיך צעהילכט פריילעכע געזאַנגען און די יובל־געשרייען פון דעם טאַנצנדיקן יִנוואַרג זענען אַריינגעדרונגען דורכן אָפענעם פענצטער, איז זי צו מיר אַריינגעקומען און מיר דער־ציילט, וואָס זי האָט מיר געהאַט צו דערציילן.

זי איז געווען איינע פון די פרויען, וואָס אין זייער זכות איז אפשר געשען אָט די גרויסע געשעעניש...

זי איז געווען איינע פון די פרויען, וואָס זייער בילד האָבן מיר קיינמאָל נישט געזען אין די צייטונגען, אַ פּשוטע, אַ באַשיידענע און זי האָט שטיל און רויִק געטראָגן אויף זיך דעם יאָך פון גראַנגל און ווי־דערשטאַנד, אויסגעפאָלגט אַלע אָנווייזונגען און באַפעלן פון אונ־זערע קאָמענדאַנטן; זי איז געווען איינע פון די מאַמעס, וואָס האָט אָן שום ציטער געשיקט איר זון צום קאַמף און איר מאַן — צו זיינע אויפגאַבעס; זי האָט קיינעם נישט דערציילט ווען איר שלאָפלאָזע נעכט, ווען זי האָט געציטערט איבערן גורל פון אירע ליבסטע; זי איז געווען איינע פון די פרויען, וועלכע האָט אויך שפּעטער מוטיק און ווירדיק געטראָגן דעם צנע־קאָשיקל און געשטאַנען געדולדיק אין די לאַנגע רייען און זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט; שטענדיק איז זי געווען אין שאָטן פון די געשעענישן און זי האָט אַליין אַפילו נישט געוווּסט, ווי גרויס און וויכטיק עס איז איר ראָלע און אָנטייל אין די געשעענישן.

באַשיידן איז זי געווען און זי האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן זיך און קיינעם נישט דערציילט וועגן אירע איבערלעבענישן.

אויף דאָסמאָל האָט זי נאָר גערעדט און דערציילט וועגן אַנדערע:

— כ'וועל דערציילן וועגן איינעם אַ טאָג, בעסער געזאָגט, נאָר וועגן איין ווײַלע אין דעם דאָזיקן טאָג.

איך בין געווען אַן עדות פון דעם, ווייל אויף אונדזער גאַס, אין אונדזער הויז איז עס געשען, און כ'האָב געהאַט די גרויסע זכיה מיט מיינע אויגן עס צו זען. דאָס איז געשען ביי מיין שכנה אין שטוב, ווו

עס האָט געוווּנט איינער פון די הגנה-קאָמענדאַנטן, און די שטוב האָט נישט איין מאָל צערודערט אונדזער אַלעמענס רויִקייט.

אין די יאָרן פון מאַנדאַט האָט מען דעם דאָזיקן מענטשן נישט איין מאָל אַרומגעזוכט... דער נאָמען אויף דער טיר האָט זיך שנעל געביטן און צווישן די שכנים פון הויז האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט אַ געהיימער רוף: — פון היינט אָן הייסט דער מענטש אַן אַנדער נאָמען; איר מוזט עס גוט געדענקען, טאָמער קומט די אויספאָרש-פּאָליציי.

— כ׳געדענק די נעכט, ווען מ׳האָט אַרומגערינגלט דאָס הויז און מיר, די שכנים, האָבן דעם מענטשן אַריבערגעפירט דורכן דאַך, פון שטוב צו שטוב, ביז ער איז געקומען אויף אַ זיכערן אָרט; כ׳געדענק נעכט פון מורא, ווען מיר זענען געשטאַנען אויפן באַלקאָן מיט דעם קאָמענדאַנטס ווייב און געוואַרט אויף עפּעס אַ ידיעה פון אים.

כ׳געדענק נעכט אין בונקער, ווען מיר האָבן געטראָגן אויף די הענט די קליינע קינדערלעך זיינע, ווייל זיין ווייב איז געווען איינע אַליין און ער — אין דער אַקציע. און נאָך געדענק איך די גרויסע באַ־לאַגערונג, ווען מיר האָבן געמוזט אַריבערפירן דעם קאָמענדאַנט פון איין געגנט אין אַ צווייטער; ווי מיר — אַ גרופּע פרויען מיט קינ־דער און קינדער-וועגעלעך האָבן „באַלאַגערט" איינעם פון די זשאַנ־דאַרן, ווי מיר האָבן אים פאַררעדט די ציין... און דער קאָמענדאַנט האָט זיך געגעבן אַ דריי-אַרויס און שנעל אַריין אין ערשטן בעסטן הויז, ווו ער איז שוין געווען באַשיצט און באַשירעמט.

— יאָ, אונדזער גאַס האָט מיטגעלעבט דאָס גאַנצע אונטערערד־לעבן, צוזאַמען מיטן קאָמענדאַנט און מיט זיין פרוי; אַ געוויסע צייט פלעגט ער זיך באַווייזן מיט גרויסע וואָנסעס, מיט ברילן און אָנגעטאָן אין פרעמדע בגדים, דאָן האָבן מיר, די שכנות, זיך אַפילו נישט אָפּגע־רעדט וועגן דעם, נאָר מיר האָבן געהיט די מינדסטע פאַרדעכטיקע באַוועגונג אין גאַס און תיכּף איבערגעגעבן פון מויל צו מויל:

— וואָרנט די משפחה! סאָלדאַטן דרייען זיך אַרום!...

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, ווי זי וואָלט וועלן צונויפנעמען כּו־חות, כּדי נאָך קלאָרער צו שילדערן און דערציילן; אַ ליבלעכער שמייכל האָט זיך אויסגעגאָסן אויף איר פּנים און זי האָט ווייטער דערציילט:

— געווען איז עס כ׳ תמוז. דו געדענקסט אַוודאי וויפל עמאָציעס און געפילן עס האָט ביים גאַנצן ישוב אַרויסגערופן די ערשטע אָפענע באַגעגעניש מיט אונדזער אַרמיי; איצט זענען מיר שוין צוגעוווינט צו

זען די אַפּצייכנס פון מיליטער — די איילבירט־ און פייגנבלעטלעך אויף די אַקסלען — ביז דעם טאָג האָבן מיר עם קיינמאָל נישט געזען. איצט האָבן מיר זיך שוין צוגעוווינט צו דעם, ווי מיר האָבן זיך שנעל צוגעוווינט צו אַלע נייע דערשיינונגען פון דער אויפגעקומענער מדינה, אַזוי ווי מיר וואָלטן שוין צוויי טויזנט יאָר געהאַט אַ מדינה, אַזוי ווי מיר וואָלטן גאָר קיינמאָל נישט געלעבט אָן אַ מדינה.

אין דעם פרימאָרגן האָב איך דערפילט עפּעס אַן אויסערגעוויינ־לעכע באַוועגונג אין מיין שכנהס הויז, מ׳איז געגאַנגען אַריין און אַרויס, אַרויף און אַראָפּ; ווען די שכנה איז צו מיר אַריינגעקומען, האָב איך זי געפרעגט וואָס דאָס באַטייט, און כ׳האָב באַמערקט, אַז איר פּנים איז צעפלאַמט און כ׳האָב דערקענט, אַז ס׳איז נישט צעפלאַמט פון דער תמוז־היץ...

— אַלע קאָמענדאַנטן זענען איצט ביי מיר אין שטוב, מען טוט אָן יעדן איינעם דעם אַפּצייכן פון זיין ראַנג — האָט זי מיר שנעל אָפּגעענטפערט און איז צוריק אַריין צו זיך אין שטוב, צו דער אויפ־נאַמע פון די געסט. כ׳האָב אַ ווײַלע אַריינגעקוקט אין זייער שטוב אַריין, כ׳האָב זיי אַלע געזען שטיין צוזאַמען און שמועסן צווישן זיך. עס זענען דאָרט געווען די אַלע קאָמענדאַנטן, וועלכע מיר פלעגן שפּע־טער אַזוי אָפט זען בעת מיליטערישע פּאַראַדן, אָדער זייערע בילדער אין די ציטונגען; אַלע זענען זיי געווען פאַרזאַמלט, יונג און אַלט און אין זייערע אויגן האָט געשיינט חידוש, פאַרוווּנדערונג, קוקנדיק אויף די אָפיצירישע אַפּצייכנס, די בלעטלעך אויף זייערע אַקסלען — און איינער העלפט דעם אַנדערן אָנטשעפּען, באַפעסטיקן די בלעטלעך... —מיטאַמאָל האָט מען דערהערט שווערע טריט פון מיליטערישע שיך אויף די שטיגן.

כ׳בין געוואָרן אויפגעציטערט... כ׳בין דאָך תמיד געוווינט גע־ווען אויפצוציטערן, ווי נאָר כ׳פלעג דערהערן מיליטערישע טריט, וואָס שפּאַנען צו מיין שכנהס דירה... וויפל פּחד אָט די טריט האָבן אונדז פאַרשאַפט במשך די יאָרן פון אונטערערדישן געראַנגל. מיין שכנה האָט זיך ליכטיק צעשמייכלט:

— ס׳איז טאַקע שווער זיך צוצוגעוווינען צו דעם, אַז דאָס זענען נישט קיין טריט — פון פרעמדע סאָלדאַטן, וואָס קומען מאַכן אַ רע־וויזיע.

— עס האָבן זיך תיכף באַוויזן אין דער טיר צוויי זשאַנדאַרן,

עלעגאַנטע, אויסגעפּוצטע און שיינענדיקע. זיי זענען מיט קרעפּ־טיקע, ריטמישע טריט צוגעקומען צום קאָמענדאַנט, זייערע מעכטיקע אָרעמס האָבן זיך אויפגעהויבן צום היטל און כ׳האָב דערהערט די שטימע פון איינעם פון זיי, וועלכע האָט אויסגערופן:

— מיין קאָמענדאַנט! דער אויטאָ וואַרט! און דאַן, דאַן האָב איך באַמערקט, ווי מיין שכנה לויפט שנעל אַרוים אויפן באַלקאָן, זי שפּאַרט זיך אָן אין שטיין... זי איז געשטאַנען און געוויינט...

— אַלע יאָרן פון אונטערערדישן קאַמף האָב איך זי קיינמאָל נישט געזען וויינענדיק, אָבער איצט האָט זי זיך נישט געשעמט מיט אירע טרערן, איך בין געשטאַנען לעבן איר, אויך מיין אויג איז געוואָרן פאַרטרערט און דורך דער טרער האָב איך געזען אונדזערע שכנים, ווי זיי שטייען אויף דער גאַס לעבן אונדזער הויז און זיי באַגלייטן אַרוים מיט וואַרעמע בליקן די הויכע קאָמענדאַנטן, וואָס גייען אַראָפּ פון די שטיגן. באַצירטע מיט די בלעטלעך פון זייער ראַנג. זיי גייען אַריין אין דעם דזשיפּ, וואָס וועט זיי ברענגען אויף יענעם פּלאַץ, ווו זיי וועלן זיך צוזאַמענטרעפן און מקבל־פּנים זיין די סאָלדאַטן פון צבא הגנה לישראל — — —

זי האָט פאַרענדיקט אירע רייד.

דורכן אָפענעם פענצטער זענען אַריינגעדרונגען קלאַנגען פון אַ האַרמאָשקע און אַ הייזעריק קול האָט געזונגען:

„לרובה, יד ביד נצמדת
עד יפוצו אויב וצר
אנו דרוכים במולדת
נהיה לה מגן ומבצר״.

יידיש: זלמן הירשפעלד

אלמנהשאַפֿט

מ'האָט אָפּגעפּייערט עטלעכע זאַלפּן, די פֿאָן האָט מען אַראָפּגע־לאָזן אויפֿן האַלבן מאַסט און דער עולם איז געשטאַנען ביי די קברים אין שטילשווייגן, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. זי האָט זיך האַסטיק אָפּ־געריסן פֿון אָרט און זיך געלאָזט לויפֿן באַרג־אַראָפּ.

מיטאַמאָל האָט זי דערפֿילט, אַז ס'איז איר דאָ ענג צווישן דעם פֿאַראַבלטן עולם און זי מוז איצט בלייבן מיט זיך אַליין, אַליין מיט איר ווייטיק. צוערשט האָט זי געוואָלט אַריינגיין אין איר חדר, נאָר אַז זי האָט זיך דערמאָנט אַז דער צימער איז ליידיק, אַז ס'איז אין אים קיינער נישטאָ, איז זי מיט אייליקע טריט אַוועק צום בית־הילדים. מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט זי געגעבן אַן עפֿן־אויף די פֿאָרטקע פֿון גערטנדל, ווו די צוויי־יעריקע קינדער זענען אַרומגעלאָפֿן. ווי זי איז נאָר אַריין אין גערטנדל, איז אַ קליין, קײלעכדיק, לאַכעדיק נפֿשל צו איר צוגעלאָפֿן און נאָכגעשלעפּט נאָך זיך אַ לאַנג שטריקל מיט אַ צו־געבונדן קאַטשקעלע אויף רעדלעך. דאָס קינד האָט אָפּגעלאָזט דאָס שטריקל: — „מאַמע!‟ — אַרויפֿגעשפּרונגען אויף איר, זי אַרומגענומען.

די מאַמע האָט עס געטוליעט אין אירע אָרעמס, ווי זי וואָלט גע־ציטערט מען זאָל דאָס קינד פֿון איר נישט אָפּרייסן. זי האָט זיך מיט איר זונדעלע געזעצט אויפֿן באַנק אין עק פֿון גאָרטן, האָט אים באַ־קוועם אַוועקגעזעצט אויף איר שויס, און ווען דאָס קינד האָט זיך צעפּלאַפּלט און צעפּלוידערט, האָט זי זיך באַרויִקט, אויפֿגעהערט צי־טערן און איר האַנט האָט געגלעט זיין געלאָקט קעפּעלע.

דעם קינד איז גיך נמאס געוואָרן אַזוי צו זיצן און גאָרנישט טאָן, — איז עס אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער ערד און אָנגעהויבן אַרומצו־האָפּען ווי אַ לייכט־פֿיסיק פֿעלדגרילעכל.

זי האָט מיט אירע בליקן באַגלייט יעדן ריר פֿון איר קינד, אָבער מיט די געדאַנקען איז זי געווען דאָרטן, אויפֿן בערגל... פֿון בערגל זענען צו איר דערגאַנגען אָפּקלאַנגען פֿון פֿאַרשיידענע שטימען, ווער־טער דורכן מיקראָפֿאָן און גערויש פֿון עולם.

— עמעצער האַלט דאָרט אַ רעדע — האָט זי געטראַכט — מסתּמא זאָגן זיי ווידער: זיי זענען געגאַנגען צום קאַמף מיט מסירת-נפש, מיט גבורה. זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט צענויפפּאָרן אין איר געדאַנק דאָס וואָרט „גבורה" מיט דעם מענטשן, וואָס האָט געלעבט אין איר זכרון דאָס גאַנצע לאַנגע יאָר פון איר אלמנהשאַפט. ער איז דאָך געווען אַזאַ פּשוטער, אַזוי ווייט פון העלדישן אָרעאָל!

ס'האָט אויפגעטויכט אין איר זכרון די לאַטע אויף זיין אַרבעט-בגד, זיין צעשמייכלט פּנים אין דער גרויקייט פון פרימאָרגן, ווען ער פלעגט אַרויסגיין צו דער אַרבעט. זיין פּנים און זיינע בגדים זענען געווען אַזוי גרוי, ווי דער הימל פאַר זון-אויפגאַנג:

— נו, וואָס, מע דאַרף גיין צו דער אַרבעט! — פלעגט ער זאָגן מיט אַ שלעפעריקן קול.

אין יענע טעג איז זיך אַלץ צוזאַמענגעפאַלן אינאיינעם: אָנהייב שוואַנגערשאַפט אין איר אינגעווייד און שפּראָצונג אין גערטנדל פון משק, דאָס געבורט פון קינד מיטן שניט אויף די פעלדער, דאָס וואַקסן פון קינד מיטן וווּקס פון משק, און זיי ביידע, זי און ער. פאָלגן נאָך מיט אַ ציטער דעם ריזיקן גאַנג פאָרויס.

יאָ! אַרום און אַרום אַ וועלט פון געבוי און באַשאַף — ביז צו יענער נאַכט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די צעשטערונג פון אַלץ מיט אַנאַנדער... פון דאַן אָן געדענקט זי מער גאָרנישט, אַזוי ווי עמעצער וואָלט דאָ און דאָרט האָבן אַדורכגעלויכטן אָפּריסן פון די בילדער, אי-מהדיקע טעג, נעכט פון קאַמף, קינדער אין די בונקערס אונטער דער ערד... די ערד, וואָס האָט תּמיד נאָר געטראָגן שפּראָצונג און פרוכט און איצט — האָט מען נאָר געזען אירע באַגראָבענע טיפענישן; אין די נעכט האָבן שראַפּנעלן אויפגעריסן, חברים זענען געפאַלן, פאַרוווּנ-דעטע זענען באַנדאַזשירט געוואָרן, קינדער האָבן געצאַפּלט, מידקייט, שלאָפלאָזיקייט, געשפּאַנטקייט האָט אַלעמען באַהערשט, אָפּגעטעמפּט זענען געוואָרן די חושים און קיינער האָט אויף קלאָר נישט געקאָנט באַנעמען, וואָס דאָ קומט פאָר.

זעקס טעג האָט אָנגעהאַלטן דער שווערער קאַמף, געציילטע ביקסן און אַ פּאָר באָמבעס קעגן טאַנקען און פאַנצער-וועגענער. אויפן זי-בעטן טאָג האָט מען מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, מ'האָט אַלץ איבערגעלאָזט און אַוועק, פאַרלאָזט דעם פּונקט און אויך די קברים אויפן בערגל און צווישן אַלע קברים אויך דעם קבר פון איר מאַן.

ער האָט גראָד געהאַלטן אין פֿאַרבינדן די ווּנד פֿון אַ חבר, אַזוי ווי ער פֿלעגט פֿאַרבינדן די ביימלעך אין ווייַנגאָרטן און אַזוי איז ער געפֿאַלן. אונטערן האָגל פֿון שראַפּנעלן האָט מען אים אויסגעגראָבן אַ קבר לעבן די קברים פֿון זייַנע חברים.

דעמאָלט האָט זי זיך אַפֿילו קיין איין רגע נישט געקאָנט מתיחד זייַן מיט זייַן קבר, ווייַל זי האָט תּיכּף געמוזט צוריקגיין אויף איר פּאָסטן, וווּ זי איז געשטאַנען טאָג און נאַכט מיטן ביקס אין האַנט. — „נישט געווען קיין צייַט!"... — אָט דער געדאַנק האָט איר אויף קיין איין מינוט נישט געלאָזט רוען במשך פֿון די לאַנגע חדשים, ווען זיי האָבן אָפּגעריכט גלות אין אַן אַנדער קיבוץ, פֿאַרוואָגלט פֿון זייער היים: נישט געווען קיין צייַט צו טרויערן, צו טראַכטן, נישט געווען קיין צייַט צו בלייַבן כאָטש איין רגע מיט זיך אַליין. טאָג און נאַכט איז זי געווען פֿאַרנומען מיט קליינע קינדערלעך, אַזוי, אַז אירע חושים זענען שוין לגמרי אָפּגעטעמפּט געוואָרן און זי האָט אַפֿילו איר ווייטיק נישט געשפּירט. נאָר איין געפֿיל האָט מיט אַ ברענענדיקן ווייטיק זי געהאַלטן אין איין קלעמען: די קברים, די קברים אויפֿן בערגל! עס האָט זיך איר רק אויסגעוויזן, אַז די געפֿאַלענע קאָנען קיין רו נישט געפֿינען אין זייערע קברים אַזוי לאַנג ווי זייער משק איז עלנט און פֿאַרלאָזן, כּל־זמן די גערטנער דאָרשטן נאָך אַ טראָפּן וואַסער, דער ווייַנגאָרטן — פֿאַרגעלט, די שטיבער חרוב ונחרב.

איין איינציקער פֿאַרלאַנג האָט זי נאָכאַנאַנד באַהערשט: אַהיים, זיך אומקערן אַהיים...

און אַז זיי זענען צוריקגעקומען אַהיים, איז איר לייַכטער געוואָרן אויפֿן האַרצן, הגם זי האָט איצט נאָך אויך נישט געהאַט קיין צייַט זיך מתיחד צו זייַן מיט איר טרויער. זי האָט זיך מיט לייַב און לעבן אַריינגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט, אַזוי, אַז זי האָט גאָרנישט געפֿילט. אַרבעטן! אויפֿבויען דאָס צעשטערטע! טאָג און נאַכט! וואָס שנעלער אָפּמעקן די שפּורן פֿון חורבן!

און איצט איז אַ יאָר שוין פֿאַרביי, די אַרבעט איז געענדיקט: ווידער גרינט דער ווייַנגאָרטן, ווידער שמייכלען די רויטע דאַך־שינדלען איבער די שטיבער, ווידער הערט מען ווי אַמאָל דאָס מרוקען פֿון דער קו אין שטאַל און די קולות פֿון די קינדער אין קינדערהיים. אויבן אויפֿן בערגל ביי די קברים איז שוין שטיל געוואָרן. זי דערפֿילט אַ מין דערלייַכטערונג, עפּעס ווי אַ געשפּאַנט־אָנגעצויגענער פּאָדים וואָלט זיך

אין איר האַרצן אָפּגעריסן. טרערן זענען געפלאָסן איבער אירע באַקן און אַראָפּגערונען אויף דער ערד, די ערשטע טרערן... אין די אַלע לאַנגע טעג און פינצטערע נעכט פון דעם יאָר אלמנהשאַפט האָט זי נישט געוויינט. ערשט איצט איז זי זיך צום ערשטן מאָל מתיחד מיט איר טרויער, זי פאַרדעקט דאָס פנים מיט די הענט און זי וויינט.

„מאַמע — קוקו!" — שרייט אוים דאָס קינד מיט פרייד און נעמט פאַוואָלינקע אַראָפּ דער מאַמעס הענט פון פנים. דורך טרערן האָט זי צום קינד געשמייכלט, און ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז נאָך עמיצער שמייכלט פון דאָרטן, פון בערגל אַראָפּ, צו איר, צום זונדעלע, צו די פעלדער וואָס האָבן זיך צעגרינט. זי האָט גענומען איר זון אויף די הענט און מיט מוטיקע טריט איז זי אַקעגנגעגאַנגען דעם עולם, וואָס האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַנאַנדערצוגיין נאָך דער פאַרענדיקטער אזכרה איבער די געפאַלענע גבורים.

ייִדיש: זלמן הירשפעלד

דער לאָקאָמאָטיוו-הייצער

אויף זיין פּאַרסאַזשעטער באַק האָט אַראָפּגענידערט אַ טרער. אַ טרער פון פרייד האָט אַראָפּגערונען פון אויג אויף די ליפּן, וואָס האָבן געשעפּטשעט: — „ווויל איז מיר, וואָס איך האָב עס דערלעבט, ווויל איז מיר, וואָס איך האָב זוכה געווען דערצו...״ ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דעם שווער-אָטעמענדיקן, סאַפּענדיקן לאָקאָמאָטיוו און האָט באַקוקט די געגנט אַרום. ווי אַ ווייטער חלום האָט דאָס אַלץ אויסגעזען אין זיינע אויגן: די פּלאַטפאָרם דעקאָרירט מיט פּענער, דער אָרקעסטער שאַלט, מיניסטאָרן און אַרמיי-אָפיצירן! שוין-זשע זענען זיי אַלע געקומען לכבוד אים? אים מקבל פּנים זיין? איז עס טאַקע זיין לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט זיך ווי אַ קאָקעטיש מיידל אויסגעצירט מיט בלוי-ווייסע פּענער און באַפּוצט מיט לאָרבער-קרענץ?

איז עס טאַקע דער זעלבער לאָקאָמאָטיוו, וועלכן ער האָט יאָר-איין יאָר-אויס געפירט דורך אַ ים פון שנאה איבער רעלסן און בעליקעם אָנגעלאָדענע מיט פּאַסטקעס און באַהאַלטענע באָמבעס? איז עס טאַקע זיין לאָקאָמאָטיוו, פאַר וועלכן ער פלעגט זיך תמיד אַראָפּרעדן פון האַרצן, דערציילן וועגן זיין שווערער האָרעוואַניע אונטערן בייטש פון פיינטלעכער הערשאַפט?

מיט זיין שוואַרצער האַנט האָט ער זיך אויסגעווישט די אויגן; ניין, עס איז נישט פאַרבלענדעניש, ס'איז נישט קיין כישוף, עס איז ווירקלעכקייט — מען איז טאַקע געקומען אים מקבל פּנים זיין דאָ אויף דער באַן-סטאַציע אין ירושלים, אויף דערזעלבער סטאַציע, וואָס איז יאָרן און יאָרן געשטאַנען וויסט און עלנט און איינגעהילט אין גרויל און פּחד. ווי ער וואָלט וועלן באַרויִקן זיין האַרץ-קלאַפּן, האָט ער איינגעשטילט און אָפּגעשטעלט זיין לאָקאָמאָטיוו.

דער צוג איז אָנגעקומען צו דער סטאַציע, ער האָט אים אַהערגעבראַכט! דאָס איז די ערשטע יידישע אייזנבאַן, וואָס וועט פאַרבינדן די מדינה מיט איר הויפּטשטאָט. איצט איז אים ווי אַ שטיין אַראָפּ פון האַרצן. איצט האָט ער געקאָנט רויִקער באַטראַכטן דעם יום-טובדיקן

עוֹלם און קלאָרער אויפנעמען די שטימעס פון די רעדנערס און באַגריסערס, בעסער זען דעם אַעראָפּלאַן, וואָס קרייזט אַרום פון אויבן.

— „מיר זענען דאָ, מיר זענען אָנגעקומען, ענדלעך אָנגעקומען״ — האָבן זיינע ליפּן געמורמלט און די שוואַרצע מאַשין אַן אָנגעזאַפּטע מיט שווייל און אייל האָט דאַכט זיך דערפילט זיין געמיט. ער האָט אַרויסגעשטעקט זיין פאַרסמאַזשעט פּנים דורכן פענצטערל און זיין געהילף, אַ יונג בחורל איז געשטאַנען לעבן אים און אָבסערווירט נייגעריק אַלץ וואָס עס קומט דאָ פאָר:

צי קען ער דען וויסן, צי קען דען עמיצער וויסן וויפל וואַנדערונגען דער הייצער האָט אַדורכגעמאַכט אויף די רעלסן, איבער די פאַרוואָרלאָזטע וועגן באַוואַקסענע מיט מאָך ווי לאַנג נישט געגאָלטע באַקן? צי ווייס דען עמיצער, אַז יעדער דאָרן, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפן וועג האָט אים געברענט און געשטאָכן, אַזוי ווי ער וואָלט אין זיין נשמה געוואַקסן?

צי קען דען דער יום־טובדיקער יובלדיקער עולם פילן זיין בענקעניש צו הערן דעם שאַרפן פייף פון לאָקאָמאָטיוו, וואָס איז פאַרשטומט געוואָרן אין די אַלע יאָרן פון בונט און גערנאַנגל?

צי קענען זיי דען אַלע פילן זיין ווייטיק, ווען ער האָט געזען, אַז זיין מאַשין, וואָס איז געווינט געווען צו טראָגן דעם יאָך און שלעפּן נאָך זיך די באַן, שטייט יאָרן־לאַנג ווי אַן אומנוצלעכע כּלי, וואָס קיינער דאַרף זי נישט און דער זשאַווער פרעסט זי אויף?

ניין, זיי אַלע האָבן דאָס נישט געוווּסט, דעריבער האָבן זיי נישט געקאָנט באַגרייפן זיין פרייד, ווען ער האָט איצט געפירט זיין לאָקאָמאָטיוו לענגאויס די רעלסן, וואָס זענען יאָרן־לאַנג געווען אָנגעלאָדן מיט לויערנדיקע סכנות, און איצט איז דער וועג רויִק און זיכער. ער זעט די בחורים, וואָס באַגלייטן זיין באַן אין די דזשיפּן מיט אַ שמייכל אויף די פּנימער.

אָט איז דער קליינער דזשיפּ, וויפל זיכערקייט און קראַפט איז פאַראַן אין זיינע רעדער! ער דערקענט זיי גוט, די בחורים, זיי זענען געווען באַרימט מיט זייערע דרייסטע אַקציעס און אויפטוען... איצט האָבן זיי באַגלייט די באַן אויף איר ערשטער פרייער נסיעה און זייערע פאַרברוינטע פּנימער שיינען און גלאַנצן אונטער דער זון.

ווען ער האָט זיי דערזען ווי זיי פליִען אויף די זייטן פון וועג נאָך

זיין באַן. ווי זיי גייען אין אַ וועט-געיעג מיט זיין לאַקאָמאָטיוו. האָט ער דערפילט אין זיך אַ מין גרענעצלאָזע זיכערקייט און רויִקייט.

— „זענען מיר, הייסט עס, אָנגעקומען?" — האָט ער פּלוצים דערהערט קולות לעבן אים; דאָס זענען דיזעלביקע בחורים, די פוקסן פון שמשון! זייערע אויסטראַלישע הוטן מיט די ברייטע ראַנדן האָבן אַראָפּגעשיינט פון די באַזילבערטע קעפּ פון די מיניסטאָרן און מנהי־גים פון דער יונגער מדינה.

די שראַמען און בראַנדווונדן אויף זייערע פּנימער — די צייכנס פון שלאַכטן זענען נאָך נישט פאַרהיילט, אָבער זייערע בלאַנקע ציי־נער לאַכן אַנטקעגן זיין פאַרסאַזשעטן פּנים.

— „יאָ, מיר זענען אָנגעקומען" — האָט דער לאַקאָמאָטיוו-חיי־צער געשעפּטשעט און פּלוצים האָט זיך אים פאַרגלוסט, ווי יענער דאַרפישער צדיק, אַ שטאַרקן פייף טאָן, אַ פייף וואָס זאָל דערגיין אַזש צו די הימלען און צו אַלע מענטשן אויף דער ערד, אַז זיי זאָלן הערן און וויסן, וואָס אין זיין האַרצן טוט זיך.

אין דעם מאָמענט האָבן זיך צעהילכט אין דער לופטן די קלאַנגען פון „התקוה" — פון טויזנטער מיילער האָבן געשאַלט די ווערטער:
„ארץ ציון וירושלים."

יידיש: זלמן הירשפעלד

אַ פּאַטריאָטישער קוש

— זיי אַזוי גוט, מיידל, אפשר האָסטו אַ שוועבעלע?

עס איז אייגנטלעך נישט אַזאַ גערעכטפֿערטיקטער אויסרייד צו בעטן פֿייער, ווען מען האַלט אַ שאַכטל שוועבעלעך אין האַנט, אָבער דאָס זענען שוין אַזעלכע אויסגעדראָשענע, פֿאַרעלטערטע מאַניעוורעס נאָך פֿון 19טן יאָרהונדערט: אַ נאָזטיכל פֿאַלט אַראָפּ און מ׳הייבט עס אויף, מ׳דאַרף עס נישט... און נאָך אַזעלכע זאַכעניש, וואָס אונדזערע עלטער-באָבעס האָבן זיי אַרויסגעלייענט פֿון די ראָמאַנען... און איך קען דיר זאָגן פּראָסט-פּשוט, אַז כ׳וויל מיך צוזעצן צו דיר... מ׳קען? זאָג מיר נישט אָפּ, ווייל עס וועט דיר סיי-ווי נישט העלפֿן; איך בין קיינמאָל נישט שוה-בשוה מיט דער דיסציפּלין און כ׳האָב שוין נישט איינמאָל געהאַט צו טאָן מיט מיינע קאָמענדאַנטן צוליב דעם; ניין, אַ דאַנק, כ׳וויל נישט טרינקען, כ׳האָב מיך שוין גענוג אָנגעזשליאָקעט מיט די „טייערע" געטראַנקען, וואָס מען דערלאַנגט דאָ, אין דעם קאַפֿע.

שוין אַ שפּאַר שטיקל צייט, ווי איך קוק אויף דיר און דו — דערציילט מיר נישט קיין מעשיות, אַז דו פּילסט עס נישט; האָסט זיך טאַקע פֿאַרדעקט מיט דער אילוסטרירטער ביילאַגע, אָבער האָסט אַלע ווײַלע געכאַפּט בגנבה אַ קוק צו מיר... כ׳האָב געזונטע „קוקערס" און כ׳זע גוט די לאַנדשאַפֿט... ביי זיך אין האַרצן האָסטו אַוודאי געקלערט וועגן מיר: „אָט אַ חוצפּהדיק"! — נאָר מיך אַרט עס נישט, דער טיטל חוצפּהניק האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיר נאָך אין קינדער-גאָרטן, אָבער דאַמאָלט איז ער נישט באַרעכטיקט, ווייל כ׳האָב אַ רעכט אויף דיר צו קוקן וויפֿל כ׳וויל, ווייל מיר ביידע האָבן אַ בשותּפֿותדיקע פֿאַרגאַנגענהייט! יאָ יאָ, איך בין דיר גאָר אַ נאָענטער קרוב, נישט קיין פֿעטער און נישט קיין קוזין, און דאָך, ביסטו מיר זייער נאָענט זינט... זינט יענעם קוש!

וואָס ביסטו רויט געוואָרן? קיינער הערט דאָך נישט... אָבער

דאָס ענדערט נישט דעם פאַקט: **איך האָב דיר געגעבן אַ קוש**, און דעם טעם פיל איך נאָך איצט!

געדענקסט נישט? אַנו, קוק זיך נאָך גוט צו צו מיר! גיב צו צו מיין איצטיקן פּרצוף נאָך אַ צוויי ציין, אַ צעפּאַלטע טשופּרינע, צעפלאַמטע באַקן נאָך אַ פייערדיקער הוירא, בגילופנדיקע געשרייען און געוואַלדן — וועסטו באַקומען אַ פולשטענדיק בילד! — געדענקסט נאָך אַלץ נישט? און איך, דעם אמת, געזאָגט, קען דיך נאָך פון פריִער, נאָך פאַרן קוש...

שרעק זיך נישט, כ'וועל דיר נישט נעמען רעציטירן סטעפאַן צוויגס „בריוו פון אַן אומבאַקאַנטער"... כ'בין דיר קיינמאָל נישט נאָכגעקראָכן, כ'האָב צוליב דיר קיינמאָל נישט געזיפצט און נישט געהאַט קיין האַרץ-קלעמעניש איבער דיר — דאָס נישט!

אונדזערס איינער האָט נישט קיין צייט אויף דעם... אָבער נישט איינמאָל האָב איך דיך געזען אַרומגיין איינע אַליין און כ'האָב מיך תמיד געחידושט: אַזאַ שיין מיידל זאָל תמיד אַרומגיין באַגלייט פון איר איינזאַמקייט...

נישט איין מאָל האָב איך געוואָלט צוגיין צו דיר און דיר פאַרלייגן, דו זאָלסט זיך אַ ביסל אַראָפּכאַפּן צו אונדזער חברה, אַלץ אַזעלכע פאַרשוינען ווי איך, אָבער דו האָסט געהאַט אין זיך עפּעס אַזוינס, אַז אַפילו אַזאַ „העלד" ווי איך, האָב אויך נישט געוואָגט... און אַז כ'האָב מיך שוין איין מאָל יאָ אָנגענומען מיט מוט, האָט מיר דאָס האַרץ אָנגעהויבן צו זעצן ווי פאַר אַן אָפּענסיווע...

איך זע, אַז דו ווערסט אומגעדולדיק, כ'האָב דיך שוין פאַרנודיעט מיט מיינע דיבורים, וועל איך דיר טאַקע דערציילן וועגן דעם קוש.

פרעג מיך נישט ווי איך הייס, ווייל דעמאָלט האָב איך מיך אויך פאַר דיר נישט פאַרגעשטעלט; ס'איז נישט וויכטיק צי כ'הייס מאָטקע, צי מויש, צי גדעון, וויכטיק איז, אַז דאָס איז געווען, אַ... **נאַציאָנאַלער, אַ פּאַטריאָטישער קוש!**

דערמאָנסט זיך נאָך אַלץ נישט? אַבי איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס; אויב אַזוי, וועל איך דיר דערמאָנען איין דאַטע: 29סטער נאָוועמבער!

אַהאַ! איצט זע איך, עפּעס בלינצלט שוין אויף אין דיינע ליכטיקע „קוקערס", מיין שלאָפנדיקע פרינצעסין... געדענקסט שוין? די גאַסן רוישן, די שטאָט איז בגילופין, ווי זי וואָלט אַריינגעזויפט מי

יעדע וויפל פעסער וויין; אַזאַ מין שיכרות האָבן מיר שוין צוויי טויזנט יאָר נישט געהאַט! אַזוי האָבן די צייטונגען באַשריבן.

און אונדזער חברה, יאָטן פון „הגנה", איי, האָבן מיר געטאַנצט אַ הוירא אין יענער נאַכט!

עס זענען געווען חברים, וואָס דאָס איז שוין געווען זייער לעצטער טאַנץ... מיט אַ פּאָר טעג, וואָכן, חדשים שפּעטער זענען אַ סך פון זיי געפאַלן אין גוש־עציון, אין ירושלים און אויף אַנדערע פראָנטן... אָבער אין יענער נאַכט האָבן זיי נישט געהערט, ווי עס רוישן איבער זיי די פליגלען פון טויט און זיי האָבן געטאַנצט, פאַרשיכורט פון דער בשורה און באַרוישט פון זייער יוגנט! מען דרייט זיך אין ראָד אויפן גרויסן פּלאַץ און מען שרייט מיט קולי־קולות צו די הימלען און שטערן:

„מדינה עברית"!

„עליה חפשית"!

דעמאָלט האָבן מיר אַפילו נישט געאַנט, אַז די ווערטער מיינען בלוט, גרויל און קרבנות אָן אַ שיעור; מיר האָבן געמיינט: אָט מאָרגן וועלן מיר אַרויסגיין צעאַקערן די פעלדער פון אונדזער לאַנד... און מיר האָבן נישט געוווּסט, אַז פאַרטאָג וועלן מיר שוין דאַרפן אַקערן גאָר אַנדערע בייטן...

זע נאָר, ווי כ'האָב מיך דאָ אוועקגעשטעלט פּרעדיקן „ציוניזם" אינמיטן דערינען... כ'האָב דאָך דיר געוואָלט דערציילן וועגן קוש.

נו, דרייען מיר זיך אַזוי אין קאַראַהאָד און מיר געוואַלדעווען, האַנט אויף אַקסל, לעבן מיר דני, וואָס דאָס איז שוין געווען דער לעצטער האַרבסט־חודש פון זיין לעבן... און אָט — האָב איך דיך דערזען נישט ווייט פון מיר, איינע אַליין ביסטו געשטאַנען, אין אַ קליידל — בלוי ווי דער הימל. אויפן פּנים — אַזאַ גוט שמייכעלע, און כ'האָב דערפילט, אַז צווישן מיר און דיר איז שוין מער נישטאָ דאָס...

...דאָס קאָקעטישע וואָרט, וואָס איז תמיד געשטאַנען צווישן דיר און אַלע אַנדערע, ווי רופט מען עס? „דיסטאַנץ" אויף פראַנצויזיש, אָדער אויף אַנדערע אינטעליגענטע לשונות...

בין איך אַרויס פון ראָד, דאָס העמד צעכראַסטעט, די האָר — ווי אַ בעזים אין אַ זאַווערוכע; כ'בין נענטער צוגעקומען צו דיר און מיט אַ פלוצימדיקן מאַניעווער האָב איך דיר אַ קוש־געטאָן אין די ליפּן אַריין, מיטן גאַנצן פייער פון מיין האַרצן, וואָס האָט געפלאַקערט פון „פּאַטריאָטיזם" און פון יוגנט!

— דו ביסט משוגע געוואָרן"?! האָסטו אויסגערופן, כלומרשט אין כעס און... האָסט דערביי געשמייכלט...

— היינט מעג מען! האָב איך אָפּגעענטפערט, און כדי אויסצו־מיידן מיספאַרשטענדענישן בין איך ווידער אַריין אין קאַראַהאָד... און דו ביסט געבליבן שטיין מיט מיין קוש אויף די ליפּן אַ צעטומלטע.

...און איך — ווי אַ פייער וואָלט זיך אין מיר צעפלאַקערט פון דעם קוש, האָב אויפגעהויבן די רגלים און געטאַנצט, געטאַנצט, ביזן פאַרלירן די חושים, ביז... כ'האָב מיך געפונען אין דנים צימער, און דער מאָרגנשטערן קוקט אַריין אין פענצטער...

און פון דעמאָלט אָן טראָג איך אין מיין האַרצן דיך און דעם קוש; כ'האָב אייך געטראָגן אויף אַלע פראָנטן, ווו כ'בין מגולגל געוואָרן און —כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, איך זע נישט איין, צו וואָס מיר דאַרפן וואַרטן ביז די פאַראייניקטע פעלקער וועלן ווידער אַמאָל אינ־מערוועניִרן וועגן אַ צווייטן קוש...

ווי מיינסטו? אפשר זאָלן מיר בעסער נעמען די איניציאַטיווע אין אונדזערע אייגענע הענט?!

ייִדיש: זלמן הירשפעלד

אַ מיליטערישער פּאַראַד

— אַלזאָ, יחיה, מאַרש פּאָרויס! און פאַרשעם נישט דיין אוני־פאָרם!

אורים שטימע האָט געקלונגען פריילעך און דערצו אַ ביסל אָפּ־לאַכעריש, אָבער יחיה איז שוין געווען צוגעוווינט צו דעם קלאַנג און האָט אים תמיד גערן געהאַט צו הערן; די לעצטע באַפעלן האָבן אָפּ־געהילכט אין דער לופט און דער פּאַראַד־מאַרש האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן פּאָרויס; מען זאָגט, אַז מען וועט דאַרפן מאַרשירן פיר קי־לאָמעטער, די גאַנצע לענג פון דער שטאָט, און יחיהס האַרץ איז גע־וואַקסן פון פרייד און עס האָט גלייכצייטיק געציטערט; ער איז שטאָלץ געווען, וואָס מען האָט אים אויסגעקליבן צו מאַרשירן אין דעם פּאַראַד נאָך אַזאַ קורצער צייט פון מיליטערישע איבונגען און ער האָט גע־ציטערט טאָמער וועט ער חלילה געשטרויכלט; מען זאָגט, אַז עס איז שווער אַזאַ לאַנגע שטרעקע צו מאַרשירן; פּאַראַיאָרן האָבן אַ פּאָר סאָלדאַטן געחלשט בעתן מאַרש און ער וואָלט זייער וועלן מען זאָל אים זען, אים — יחיה דעם תימנער, — ווי ער מאַרשירט אין אוני־פאָרם פון צבא הגנה לישראל. אין דעם שטאָלענעם העלם אַ באַוואָ־פנטן און אויסגעפּוצטן זאָלן אים אַלע זען, די טויזנטער מענטשן, און דער עיקר וויל ער, אַז זיין משפחה זאָל אים זען! ער האָט זיי בפירוש אָנגעזאָגט: „קומט קיין חיפה צום פּאַראַד־מאַרש!" — זיי האָבן צו־געזאָגט, אַז זיי וועלן אַלע קומען אים זען, די קליינע שוועסטערלעך זיינע אויך, און די מאַמע אויך; נאָר די באָבע האָט געזאָגט: „אַז איך וועל אַוועקגיין, טאָ ווער וועט אָפּהיטן די שטוב? ירחם השם, כ'וויל נישט זען קיין סאָלדאַטן". און זי וועט שוין זיכער בלייבן אין הויף. זי וועט זיך דאָרט בייזערן אויף דער ציג און וועט אָפּשפּרעכן עין־הרעס קעגן כלערליי שדים און רוחות.

— זע סאַראַ געשמאַק מיידעלע ס'שמייכלט צו דיר פון טראָטואַר

— האָט ער ווידער געהערט די שטימע פון אורי, וועלכער האָט גע־שפּאַנט נעבן אים, האַנט ביי האַנט.

ווי ער וואָלט דערוואַכט פון אַ ווייטן חלום, האָט יחיה ערשט איצט דערזען די רוישיקע גאַסן, די טויזנטער מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אויף די טראָטואַרן לענגאויס דעם וועג און האָבן אַפּלאָדירט די סאָלדאַטן, וואָס מאַרשירן ריטמיש אונטערן קלאַנג פון דעם אָרקעסטער. יחיה האָט אויפגעהויבן די אויגן און האָט געקוקט אין דער ריכטונג, ווו אורי האָט אים אָנגעוויזן: אמת טאַקע, אַ מיידל איז דאָרט געשטאַנען און געפּאָכעט מיט אַ רויטן טיכל צו די מאַרשירנדיקע סאָלדאַטן; דאָס באַגריסט זי מסתמא אים, אורין, אַזוי פריינטלעך; אורי איז אַ געזונטער קרעפטיקער סאַברע, אַ פריילעכער, אַלע ביידלעך קלעפּן צו אים ווי פליגן צו האָניק; ער, יחיה, שעמט זיך אַפילו צו רעדן מיט זיי; עס פעלט אים פשוט רגילות צו דעם; אין זיין יוגנט, ווען ער איז געווען אַ יינגל, איז אַלץ אַנדערש געווען — — —

און מיטאַמאָל, מיטן ריטם פון דעם מיליטערישן אָרקעסטער איז אים אויפגעשווומען אין זכרון אַן אָרעם שטיבעלע און אומענדלעכע פליינען אין גליענדיקער זון, אָרעמקייט און נויט, און דער טאַטע זיצט איינגעבויגן איבער דער אַרבעט. ער שמעלצט און לייט, פאַרהאָרעוועט, און ער, יחיה, אַ באָרוועסער, אַן אָפּגעשוואַכטער, תמיד אַ הונגעריקער, זיצט ער גאַנצע נעכט נעבן זיין טאַטן און לערנט פון די דיקע, פיל-בלעטערדיקע ספרים... זיינע קינדער-יאָרן... וויפל צער און ליידן איז אין זיי געווען...

— העי, יחיה, וואָס חלומסטו דאָרטן ביים דעם שריט... — ווידער איז אורים קול אים איצט געקומען צו הילף. יחיה האָט פלינק געביטן דעם שריט און ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך: איצט זענען זיי שוין כמעט אין סאַמע צענטער פון שטאָט; אָט-אָט וועלן זיי פאַרבייגיין נעבן דער עסטראַדע פון די איינגעלאַדענע. ווי ציטערט ער פאַר דעם דאָזיקן מאָמענט! טאָמער וועט אים גראָד איצט אַרויספליען פון קאָפּ די גאַנצע תורה, וואָס זיינע קאָמענדאַנטן האָבן אין אים אַריינגעבראָכט וואָכן-לאַנג?

און פאַרוואָס שוועבן גראָד איצט פאַרביי אין זיין זכרון, ווי אין אַ פאַראַד-מאַרש, די בילדער פון פאַרגאַנגענע טעג? אָט איז דער וועג פון ישראל, די וואַנדערונגען און וואָגלענישן און דער גרויסער וווּנדער-פויגל, פאַר וועלכן די באָבע זיינע האָט אַזוי שטאַרק געציטערט... און דאָ, פון אָנהייב דער פינצטערער, קאַלטער געצעלט, שפּעטער דאָס בלעכענע, גלאַנציקע הייזקעלע, — און איצט — דאָס בלענדיק-ווייסע

שטיבעלע אין דעם אַרבעטס־דאָרף, די ציג, די הון, די שוועסטערלעך, וואָס גייען יעדן פרימאָרגן אין שול אַריין, ריינינקע, שוין אָן טראַכאַמע אין די אויגן. אַט די טראַכאָמע, וואָס האָט אים אַזוי געפּייניקט און דערגאַנגען אים זיינע קינדערשע יאָרן.

— יחיה! יאָ, יחיה! — הערט ער פּלוצים אַ קלאָרע, קלינגענדיקע שטימע. אַט דאָס איז זי, זיין שוועסטער. זי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און זי האָט אויסגעשריִען הויך, אויף אַ קול. מיט איר אויסגעשריי האָט זי גערופן די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנצן המון אַרום...

אַט שטייען זיי אַלע אויפן טראָטואַר. זיי זענען געקומען פאַרטאָג און דאָ פאַרכאַפּט די בעסטע פּלעצער; די מאַמע, אַלט און איינגעשרומפּן, נישט לויט אירע יאָרן, און דער טאַטע — זיינע ליפּן שעפּטשען אַ תפילה און אין זיינע אויגן גלאַנצן טרערן.

— העי, יאָ, יחיה! דיין גאַנצע משפחה איז דאָך דאָ! — אַזוי רעדט צו אים אורים קול, זיין קול קלינגט מיט אַזוי פיל גוטסקייט, מיט אַזוי פיל דערמוטיקונג. און ער, יחיה, גלייכט אוים די פּלייצע און ער ווערט, דאַכט זיך, העכער פון אַלעמען, אַזוי אויסגעצויגן, שלאַנק און מיט אַ שמייכל מאַרשירט ער פאַרביי זיין משפחה. און ווען ער גייט פאַרביי זיין פאָטער, דאַכט זיך אים אוים, אַז ער האָט דערהערט דאָס וואָרט „שהחיינו" — און ס'קאָן זיין, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות, ווייל דער אָרקעסטער האָט זיך הילכיקער צעשאַלט און אַלץ פאַרטויבט.

יידיש: זלמן הירשפעלד

אלף־בית

חדר קטן צר ואפל
ואל הכירה אש,
שם הרבי לתלמידיו
מורה אלף־בית.

אויפן פריפעטשיק ברענט אַ פייערל
און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי מיט די קינדערלעך
לערנט אלף־בית.

אַזוי האָט זיך דער אַלטער ניגון געזונגען אין מיין זכרון, ווען איך בין געזעסן, צוזאַמען מיט די תלמידים אין דעם חדר, וואָס איז לגמרי נישט געווען פינצטער, דושנע און ענג, נאָר אדרבא, זיינע ווענט אין זיין גאַנצער אויסזען זענען גיכער געווען ענלעך צו אַ פּרעכטיקן פּאַ־לאַץ, און דער רבי, וואָס איז פאַר מיר געשטאַנען, האָט נישט געהאַט קיין באָרד און פּיאות און קיין קאַנטשיק האָט ער אויך אין האַנט נישט געהאַלטן... ניין, דער „מלמד” איז געווען אַ יונג מיידל, בלאָנד און חנעוודיק, וואָס האָט געלערנט און געחזרט דעם שיעור מיט אירע תלמידים... און אירע תלמידים זענען אויך נישט געווען די „משהלעך און שלמהלעך” פון ביאַליקס שיר, נאָר סאָלדאַטן, אָנגעקומענע אַהער־צו פון 22 גלות־לענדער, זענען זיי דאָ געזעסן אויף די פּשוטע בענק און פלייסיק געלערנט; נישט מער ווי 18 טעג דאַרפן דאָ די זעלנער פאַרבלייבן אין דעם לאַגער — אין אָט דעם שיינעם, פּרעכטיקן הויז; נישט מער ווי 18 טעג וועלן זיי דאָ אַזוי באַהעפטן אַן אות צו אַן אות, אַ זאַץ צו אַ זאַץ — און ווונדער איבער ווונדער! ווען זיי קומען אַן אַהערצו, שטאַמלען זיי, קוים וואָס זיי עפענען אַ מויל אַ וואָרט אַרויס־צוברענגען, וויפל פון זיי האַלטן צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן אַ בלייער אָדער פּאַפּיר און פעדער אין האַנט? און נאָך די אַכצן טעג גייען

זיי אַרוים פון דאַנען מיט אַ לעבעדיקן העברעיִשן לשון אין מויל און זיי שרייבן שוין אַפילו אָן אַ בריוול (וואָס אַן אמת, מיט אַ קינדערישן כתב) צו זייערע מדריכים און צו זייער לערערקע, און אין דעם בריוול דריקן זיי שוין אויס גאַנץ לייטיש דאָס, וואָס זיי ווילן זאָגן.

דאָ, צווישן די ווענט פון דעם הויז לערנען זיי זיך אויך אויס דאָס ישראלדיקע געזאַנג, און זייערע פיס קענען שוין פריי טאַנצן די ישראל־דיקע פאָלקס־טענץ — און פון דאַנען גייען זיי אין מיליטערישן לאַ־גער, צו די איבונגען און זיי נעמען פון דאַנען מיט אַ לייכטנדיקן, פינ־קלדיקן ניצוץ פון יִדישקייט.

וויפל פון זיי האָבן ערשט דאָ, צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן געהערט עפּעס רעדן וועגן געשיכטע פון יִדישן פאָלק, וועגן קענטע־ניש פון דעם לאַנד!... און וויפל פון זיי האָבן ערשט דאָ, צווישן די ווענט פון אָט־דעם פּאַלאַץ, צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן אַריינגע־קוקט אין אַ העברעיִשער צייטונג און פון איר אַרויסגעלייענט וועגן דעם אַלעם, וואָס עס קומט פאָר אין דעם לאַנד, ווו זיי לעבן!... עפּעס ווי אַ מין כישוף וואָלט מען זיי דאָ, אין דעם הויז אָפּגעטון!

אָבער די געוואַלדיקע ענדערונג, וואָס קומט פאָר ביי אָט די סאָל־דאַטן פון זייער אַריינקומען ביז זייער פאַרלאָזן דאָס הויז — קומט גאָרנישט אָן אַזוי לייכט...

מיר זענען אַריין אין אַ קלאַס, ווו עס זענען געזעסן עלף תלמידים און געמאַכט זייערע אויפגאַבעס; אָט די עלף שילער זענען געווען עולים, געקומענע פון צען פאַרשיידענע לענדער! טונקל־הויטיקע, פּעך־שוואַרצהאָריקע זענען געזעסן לעבן העל־בלאָנדע און נאָכגעצייכנט, נאָכגעמאָלן די יִדישע אותיות; מען האָט תיכף געקענט דערקענען לויט דעם, ווי די נישט געניטע, אומגעשיקטע האַנט פון דעם אַנאַל־פאַבעט פאָרט אַראָפּ און אַרויף אויפן פּאַפּיר, אַז זיי טוען אָט די שווערע מלאכה צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן... און זייט ביי זייט מיט זיי זענען געזעסן אַבסאָלווענטן פון גימנאַזיעס און אוניווערסי־טעטן און נאָכגעשריבן די יִדישע אותיות מיט זייערע הענט, געניטע און פּראַקטישע, צוגעוווינט צו שרייבן אין אַלע שפּראַכן פון דער וועלט.

אַן ערנסטע ברודערשאַפט פון לערנען נעמט אַלע אַרום און אַ לי־בער געמיט שוועבט איבערן הויז; און אַ יונג מיידל, אַ געבוירענע דאָ אין לאַנד, זי איז די לערערקע; אָט דערנענטערט זי זיך צו איינעם, אָט

דערמוטיקט זי אַ צווייטן: — אין דבר, ס׳מאַכט נישט אויס, מאָרגן וועט עס גיין בעסער! אַט קלאַפּט זי איבער דער פּלייצע איינעם, וואָס איז ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אָנגעקומען פון איראַק:

— אָבער די אותיות זענען נישט אַרויסגעקומען שיין — טענהט דער סאָלדאַט מיט צער — זיי זעען אויס ווי שיכור, די אותיות, גיט ער צו מיט אַ פאַרשולדיקטן שמייכל, אָבער זי באַרויִקט אים: — ביסט שוין מיד, האָסט היינט צופיל געלערנט, לאָז עס איבער אויף מאָרגן.

— שווער אויסצולערנען די שפּראַך — רוף איך זיך אָן צו איינעם, וואָס זיצט איבערגעבויגן איבער זיין העפט.

— פאַר מיר איז דאָס נישט שווער, ס׳זענען דאָ שווערערע זאַכן — און ער הייבט אָן צו שרייבן פאַר מיר לאַנגע זאַצן אויף כינעזיש און יאַפּאַניש... ער איז אַן אַבסאָלווענט פון אַ יאַפּאַנישן אוניווערסיטעט, ער איז אַ געבוירענער אין כינע, ער באַהערשט פינף שפּראַכן פּערפעקט, איצט איז ער אַהערגעקומען צו אונדז. פאַר אים זענען די ייִדישע אותיות אַבסאָלוט נישט שווער. די אותיות, וואָס ער שרייבט אַזוי פלינק פון אויבן אַראָפּ, זענען אַ סך שווערער... אַ סך קאָמפּליצירטער...

אָבער נישט אַלע זענען אַזוי ווי ער — אַנדערע דאַרפן פירן אַ שווערן קאַמף מיטן דגש, און נאָר דער ברידערלעכער געמיט, וואָס שוועבט איבער דעם הויז, העלפט און פאַרלייכטערט זיי צו געווינען דעם געראַנגל; נאָר די שטיצע פון דער לערערקע, פון די מדריכים אין אויפזעערס, וואָס טוען זייער אַרבעט מיט הייליקן ציטער, דערמוטיקט זיי און שטאַרקט זיי, אַז זיי זאָלן נישט פאַרלירן דעם מוט — און נאָך אַכצן טעג פון לערנען און טיילמאָל נאָך עטלעכע טעג איבער דער נאָרמע — שטייט פאַר דיר אויפן אָרט פון אַ שטאַמלדיקן, הילפלאָזן, נייעם עולה, אַ זון פון דעם לאַנד, אַ מענטש מיט אַ לעבעדיקער שפּראַך אין מויל און ער רעדט זיך אַראָפּ פאַר דיר פון האַרצן אין העברעיִש און ער דערציילט דיר אַלץ, וואָס עס דריקט אים אויף זיין געמיט...

און דאַן, ווען דו הערסט זיין לשון, זיין שמועסן, דאַכט זיך דיר אויס, אַז אין די הויכקייטן פון באַרג, ווו עס שוועבט אַרום דער גייסט פון דעם מאַן, וואָס האָט זיין רו געפונען „צווישן די אַרבעטנדיקע און

פשוטע", דאָרטן ווערט די בריק אויסגעשפּונען, די גאָלדענע בריק צווישן אָפּגרונטן פון פאַרוואָרפענע עדות וואָס קומען זיך דאָ צוזאַמען — אין קיבוץ-גלויות.

פון איצט אָן וועלן זיי איבער דער בריק שפּאַנען מיט פעסטע, זיכערע טריט פאָראויס!

ייִדיש: זלמן הירשפעלד

מאַמע און טאָכטער

די אויטאָס זענען געשטיגן אויפן כרמל, שווער געאָטעמט און געסאָפּעט, ווי אַ זקן ביי אַ שווערער אַרבעט. דער שאָסיי האָט גע־בלאָנקט אונטער די לעצטע זון־שטראַלן און האָט געשלענגלט אַרום באַרג. צופוסנס האָט זיך אויסגעשפּרייט חיפה מיט אירע ווייסע הייזער אַרום דעם רונדן ים־אויסגוס און ווייטער האָט דער ים זיך אויסגעלייגט אַ רויִקער, אַ שטילער ווי אַ שלאָפנדיק קינד, און אויף זיינע מילדע כוואַליעס האָבן זיך לייכט באַוועגט שיפן, דאָ און דאָרט אַזוי ווי שפּיל־צייג־שיפלעך פון פּאַפּיר.

ביים שאָסיי, וואָס פאַרקערעוועט זיין גאַנג לעבן אַ הויכן באַרג־אָפּהאַנג איז געשטאַנען אַ הילצערנע באַנק. עמעצער האָט, ווייזט אויס די באַנק בכיוון דאָ אויפגעשטעלט, ער זאָל זיך קאָנען אָנקוקן צו דער זעט אויף דער שטאָט וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אונטן, צופוסנס פון באַרג.

נישט איין פּאָרל פאַרליבטע האָט אויף דער באַנק אויסגעשעפּ־טשעט די אַלטע און אייביק־נייע ווערטער: „כ'האָב דיך ליב" און אין דער רגע געווען זיכער, אַז זיי זענען דאָס ערשטע פּאָרל אויף דער וועלט, וואָס זאָגט עס אַרוים מיט אַזאַ געפיל און קראַפט.

ווען די זון האָט אָנגעהויבן צו פאַרגיין און זיך פּאַוואָלינקע פאַר־גנבענען צום האָריזאָנט, כדי אים אויף צונטער־רויט צו באַפאַרבן, האָט זיך אויפן באַרג־אַראָפּ באַוויזן אַ געשטאַלט פון אַ יונגער פרוי.

זי איז געגאַנגען ביי דער זייט פון שאָסיי און פאַר איר זענען פאַרבייגעפלויגן אויטאָס באַרג־אַרויף.

לעבן איר — אַ קליין, דאַר, פּיריעריק מיידעלע מיט צוויי צעפּלעך ווי מייז־ווײדעלעך פון הינטערן קעפּל.

דאָס קינד האָט זיך אַרומגעקוקט מיט פאַרוווּנדערטע, צעשראָ־קענע אויגן און האָט אויפגעציטערט ביי יעדן אויטאָ וואָס איז פאַר־בייגעפלויגן, ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו דער באַנק, איז די מאַמע מיט אייליקע טריט אַריבער אויף דער צווייטער זייט שאָסיי, גלייך צו דער באַנק.

— זעץ זיך רחלע, און קוק — האָט זי אויפגעהויבן דאָס מיידעלע און עם אַוועקגעזעצט לעבן זיך — קוק זיך גוט צו צו דעם שיינעם בילד, כדי דו זאָלסט אַמאָל קענען דערציילן דיינע קינדער. זע אויפן ים, ווי אַ שיף פאַראַנקערט אין פּאָרט און אויב דו זעסט זי אַפילו נישט אַזוי קלאָר, מאַכט אויך נישט אויס... ס'איז אַלץ איינס ווי דו וואָלסט זי געזען. דאָס איז אונדזער שיף, מיט וועלכער מיר זענען אָנגעקומען אַהער, געיאָגטע, געטריבענע... דו געדענקסט גאָרנישט, רחלע, אָבער די מאַמע דיינע געדענקט גוט יענעם טאָג, ווען מיר זענען געקומען צו די ברעגעס פון חיפה, נאָך אַזויפיל פּלאָג און פּיין און וואָגל... און דאָ האָבן מיר באַקומען אַזאַ שיינעם קבלת-פּנים: דער כרמל-באַרג האָט אַלץ צוגעזען און ער האָט געשוויגן; כ'פאַרשטיי נישט ווי אַזוי ער האָט געקאָנט שווייגן, ווי אַזוי האָט ער זיך איינגעהאַלטן נישט אויסצושרייען זיין גרוים געשריי צו די הימלען, צום הארץ פון די הימלען.

מ'האָט אונדז דאָ פאַרשפּאַרט אין שווימענדיקע תפיסות, הינטער שטעכיקע דראָטן; זעסט דאָרטן די שיף מיט די שטייגן, אַרומגעצוימט מיט שטעכיקע דראָטן? זעסטו אויף דער שיף די סאָלדאַטן, אפשר זענען עס די זעלבע זעלנער, וואָס האָבן אונדז פאַרשפּאַרט און איצט... איצט האָבן מיר זיי פאַרטריבן. זיי פאָרן איצט אַהיים אויך פאַר־שפּאַרטע. זאָלן זיי פילן דעם טעם פון תפיסות, שטייגן מיט מענטשן, וואָס שווימען איבער ימים, זאָלן זיי פילן דעם טעם... נישקשה... פאַר־שטייסט, רחלע, איך האָב געמוזט מיט מיינע אייגענע אויגן זען עס, זען די גרויסע נקמה! איצט גייען מיר אַרום אויף אונדזער כרמל און דו זעסט פונדערווייטנס ווי אונדזער פאָן פלאַטערט איבערן פּאָרט.

איצט קאָנען אַלע אַהערקומען, אַזוי פּשוט ווי יעדעס פאָלק קערט זיך אום אַהיים, אין זיין פאָטערלאַנד, דורך אַ צעעפנטן טויער און איבערן טויער פלאַטערט אַ פריינדלעכער „ברוך הבא"...

דו פאַרשטייסט, רחלע, דאָס איז אַ גרויסער מאָמענט, אַ מאָמענט צו וועלכן איך האָב מתפלל געווען, ווען כ'בין געשטאַנען הינטערן שטעכיקן דראָט און געזען ווי חיפה רוקט זיך אָפּ פון מיר, ווי זי דער־ווייטערט זיך פון מיר.

כ'האָב דיך דאַן געהאַלטן אין מיינע אָרעמס און גערעדט צו זיך אַליין:

— רבונו של עולם, הלוואי זאָל מיין טאָכטער דערלעבן זיי צו זען היגטער שטעכיקע דראָטן!

און גאָט האָט מיין תפילה דערהערט און דו, מיין טאָכטער, קוק און זע!

דאָס מיידעלע האָט געקוקט צום בלויען ים אַ פאַרגאַפטע און פאַרוווּנדערטע.

די מוטער האָט געקוקט אויף איר קינד ווי אַ לייביכע וואָס באַשיצט אירע יונגע.

פּלוצים האָט דאָס קינד מיט אַ צעשטראַלטן פרייריקן קול אויסגערופן און געוויזן מיט די פינגערלעך אין דער הויך:

— זע, מאַמע, אַ קליין פייגעלע!

די מאַמע האָט אָבער געקוקט אויף דער שיף, וואָס האָט זיך דערווייטערט פון די ברעגעס — זי טראָגט אין זיך די לעצטע ענגלישע סאָלדאַטן.

יידיש: זלמן הירשפעלד

וויין נישט, מאַמע!

— דו זאָלסט נישט וויינען, מאַמע, כ׳האָב נישט ליב דיך צו זען אַ וויינענדיקע; דו האָסט דאָך מיך אַזוי געלערנט פון מיין סאַמע פריִסטער יוגנט אָן: „אַפילו אַז מען פאַלט, דאַרף מען אויך נישט וויינען, שטיי־אויף, מיין קינד און זיי אַ העלד"... איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט קוקן מיט פאַרטרערטע אויגן אויף די בערג און אויף ירושלים, וואָס שפּרייט זיך אויס דאָ צופוסנס פון הר־ציון; איך וויל, אַז דו זאָלסט זען די לאַנדשאַפט אַרום אַזוי קלאָר, ווי מיר האָבן זי אַמאָל געזען ביידע צוזאַמען; דו געדענקסט? דו האָסט תמיד ליב געהאַט מיך אַהער צו ברענגען אויפן שפּיץ באַרג און מיר ווייזן די שטאָט, וואָס שפּרייט זיך אויס פאַר אונדזערע אויגן; קיין טרעפּ זענען דעמאָלט דאָ נישט געווען, מיר זענען געקראָכן באַרג־אַרויף און אַזויפיל שטיינער האָבן זיך געקאָלערט אונטער אונדזערע פיס; דעמאָלט זענען דאָ נישט געווען קיין אַלטע פאַרמעטן, קיין פאַרוכתן איינגעטונקענע אין בלוט און קיין ספר־תורה, אין וועלכער עס זענען פאַרשריבן אונדזערע נעמען.

דעמאָלט האָט ירושלים באַקרוינט די אַלטע שטאָט און תשעה־באב ביינאַכט פלעגן מיר אַרומרינגלען דעם מויער, דער טאַטע, דו און איך, צוזאַמען מיט די צענדליקער טויזנטער תושבים, וואָס האָבן געשפּאַנט אין שטילקייט ביים שיין פון דער בלאַסער לבנה, אַלע באַהאָפטן מיט דער פאַרצייטיקער פראַכט און מיט דערמאָנונג פון דער חורבן־נאַכט פון בית־המקדש; יאָרן און יאָרן פלעגסטו מיך מיטנעמען אַהערצו אין דער תשעה באב־נאַכט, פלעגסט מיך לערנען און באַקאָנען מיך מיט יעדן שטיין, מיט יעטוועדן שטעג; האָסט מיך תמיד געלערנט ליב צו האָבן יעדן טויער און יעדן קאַרב און שפּאַלט אין דעם מויער; אָט די ליבשאַפט איז מיר בייגעשטאַנען אין יענע נאַכט, ווען כ׳בין געגאַנגען אַרום דעם מויער מיט די באַשיצער פון דער אַלטער שטאָט; אָ, ווי גוט דו האָסט עס באַוויזן צו מאַכן, אַז די אַלע ווערטן זאָלן אַריינדרינגען אין מיר אַזוי טיף, אַז איך זאָל טון גיין פאַר זיי אויף דעם וועג, וואָס כ׳בין געגאַנגען.

עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז נאָך איידער כ'האָב עפּעס פאַרשטאַנען האָב איך זיך שוין אין שטוב אויסגעלערנט צו גיין גענוי אויף דעם שטעג, אויף וועלכן כ'האָב שפּעטער־צו געשפּאַנט.

כ'דערמאָן זיך: נעכט אין מיין קינדהייט; איך בין איינער אַליין אין אַ פינצטערער שטוב; טאַטע־מאַמע זענען אַוועק צו דעם געהיימען, אויסטערלישן אָרט, וואָס זיינע אותיות שטעלן צוזאַמען דאָס קליינע וואָרט, וואָס מען טאָר עס נישט אַרויסרעדן אויף אַ קול... זיי זינגען אין די אויערן דורך אַ צופעליק־געהערטן זאַג, אָדער דורך קליינע צעטעלעך, וואָס מען ברענגט צומאָל אין אונדזער שטוב אַריין, און איך ליג אין מיין בעטל און קלער און שפּין די וווּנדערלעך־אויסטערלישע מעשהלע, וועגן וועלכער מען טאָר נישט רעדן און נישט דערציילן פאַר חברים, און מען טאָר אַפילו איר נאָמען פאַר קיינעם נישט דערמאָנען, נאָר מען מעג זי טראָגן באַהאַלטן ערגעץ־ווו טיף אין האַרצן און וועבן און שפּינען געשטאַלטן, וואָס האַלטן זיך אין אייבייטן און ענדערן מיטן לויף פון דער צייט.

טאַטע־מאַמע, אַ פינצטערער קעלער, געווער פון דער הגנה, מאַנעוורעס, איבונגען און געהיימע אַקציעס; דערנאָך — נעכט פון אָנקומענדיקע שיפן צו די ברעגעס, קינדער געטראָגענע אויף די הענט און פרויען אין אויסגעוויקטע קליידער פאַרנעמען דיין בעט, און דו עפנסט די אויגן אינדערפרי און דו הערסט ווערטער, אָפּגעריסענע זאַצן, וואָס דערציילן וועגן שווימענדיקע שיפן אויף שטורמישע ימים, וועגן ברידער, וואָס קלאַפּן אין די טויערן; ערשט מיט יאָרן שפּעטער, ווען מיר די אונטערגעוואַקסענע יוגנט, האָבן זיי אַרויסגעטראָגן אויף די פּלייצעס און דו, מאַמע, פלעגסט קוקן מיט ציטער פון דאַך אַראָפּ און צוגרייטן אַ וואַרעמען מאָלצייט פאַר די, וואָס האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון שונאס האַנט, ערשט דעמאָלט זענען די בילדער פון דער ווייטער קינדהייט אויפגעקומען פאַר אונדז מיט מער קלאָרקייט און שיין.

ערשט שפּעטער־צו, נאָכדעם ווי כ'בין רייף געוואָרן, האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, מיט וויפל פאַרשטענדעניש איר האָט אונדז אַרויפגעפירט אויף אייער וועג, און כ'ווייס נישט צי עס זענען נאָך דאָ ערגעץ לענדער אויף דער וועלט, ווו מאַמעס זאָלן קאָנען איינפלאַנצן אין זייערע קינדער אַזויפיל ליבשאַפט צו דער ערד, אויף וועלכער זיי זענען געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן...

כ'געדענק נעכט, ווען כ'פלעג אַהיימקומען פון אַן אַקציע, און

כאָטש עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט, כ'האָב נאָך נישט באַוויזן אַריינצושטעקן דעם שליסל אין דער טיר, און די טיר פּלעגט זיך, ווי דורך אַ כישוף-שטעגעלע עפענען און דו האָסט מיר דערלאַנגט וואַרעמע קאַקאַאָ, ווי כ'וואָלט געווען אַ קינד, וואָס קומט-אָן פון קינדער-גאָרטן; דו פלעגסט מיר אויסטאָן מיינע שווערע בגדים, די פאַרבלאָטיקטע; דו האָסט קיינמאָל גאָרנישט געפרעגט, נישט געפאָרשט, אַזוי האָסטו מיך אויסגעלערנט איך זאָל גאָרנישט דערציילן, זיך נישט באַרימען מיט מיינע אויפטוען, נאָר טאָן אַלצדינג פשוט און באַשיידן.

— וואָס פאַרוואָס מאַדנע מאַמע איך האָב — פלעג איך תמיד טראַכטן איידער כ'האָב איינגעדרימלט אין דעם וואַרעמען בעט, מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ, ווי כ'בין פון מיין קינדהייט אָן געוווינט געווען צו שלאָפן.

און איצט זע איך דיך, ווי דו גייסט אַרום, דיין קאָפּ באַזילבערט, דיינע טריט — שווערע און אַ טיפער טרויער איז אין דיינע אויגן; און עס ווילט זיך מיר שטאַרק זיך אַ ריס-טאָן צו דיר, דיך אַרומנעמען, שטאַרק דריקן אין מיינע אָרעמס און זאָגן דיר: — מאַמע, זאָלסט נישט וויינען; לעבן דיר האָב איך די גאַנצע צייט געשפּאַנט און לעבן דיר שפּאַן איך איצט; איך הער זיך איין און כ'פאַרנעם דעם רויש און טומל פון בויען אַרום און אַרום.

דו האָסט מיך געלערנט צו לעבן אַזוי, ווי כ'האָב געלעבט און אויך צו פאַלן, אַזוי ווי כ'בין געפאַלן... דעריבער וויש-אָפּ די טרער פון דיין אויג, לאַך, מאַמע, שמייכל צו מיר מיט יענעם גוטן שמייכל, וואָס איך האָב אים אַזוי ליב געהאַט... און לערן די מאַמעס, וואָס האָדעווען איצט זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן ראוי און ווערט זיין צו זיין מאַמעס צו זייערע קינדער, אַזוי ווי דו ביסט ראוי צו זיין אַ מאַמע צו דיין זון.

ייִדיש: זלמן הירשפעלד

גל־עד

„קום, שטייג אַריין!" — האָט ער איר געזאָגט בשעת ער האָט געעפנט דאָס טירל פון לאַסט־אויטאָ. זי האָט אַרויפגעקלעטערט אויף דעם גרויסן אויטאָ און פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר. זי האָט נישט געפילט ווען ער האָט באַוויזן אַריינצושטייגן, אָבער ער איז שוין געזעסן נעבן איר, האָט געהאַלטן דאָס רעדל, און דער לאַסט־אויטאָ איז אַרויס פון טויער פון קיבוץ.

כפי ער איז געווען פאַרנומען מיטן רודער און מיטן כביש, האָט זי פון צייט צו צייט געקאָנט וואַרפן אויף אים געאײַלטע בליקן וואָס ער האָט נישט געפילט. און באמת, וואָס אַזעלכעס איז פאַראַן אין אים? — האָט זי געטראַכט, ווי דיסקוטירנדיק מיט זיך אַליין — אַ פּנים פון אַ ווילדן, אַ שעוועליורע ווי אַ סנאָפּ שטרוי, צו גרויסע אויגן, בלויע אויגן ביי אַ בחור — עס איז דאָך כמעט אַ באַליידיקונג! אַ מוס־קולירטער קערפּער, ביינערדיקע הענט און אַ שפּאָטישער שמייכל אויף די ליפּן... ער הייבט מיר נישט אָן צו געפעלן, אַבסאָלוט!

ווי זי האָט עס נאָר באַשלאָסן האָט זי מיטאַמאָל דערפילט ווי אַ שטראָם וואַרעמקייט פאַרפלייצט איר גאַנצן וועזן. הפנים, אַז ער האָט עס דערפילט, ווייל ער האָט געקערט צו איר זיין קאָפּ, האָט אַ לאַך געטאָן און געזאָגט: „נו, איצט זענט איר ביידע אין מיינע הענט: דו און די מאַשין; וויל איך פיר איך די מאַשין ווי אַ פּאַסטוך זיין סטאַדע, און וויל איך"... ער האָט נישט פאַרענדיקט, פאַרזונקען אין אַ פיל־באַדייטנדיקן שווייגן.

דער לאַסט־אויטאָ מיטן ליידיקן טאַנק האָט געגראַגערט און גע־לאָזט הערן גאָר מאָדנע קלאַנגען. אפשר האָט זי גאָרנישט געדאַרפט צושטימען צו פאָרן מיט אים, אָבער ווען ער איז אין עטצימער צוגע־גאַנגען צו איר און אַ זאָג געטאָן: „איך פאָר מאָרגן ברענגען פיש פון אייבערשטן גליל, ביסטו גרייט מיטצופאָרן?" — האָט זי געזאָגט יאָ, נאָך איידער זי האָט גוט באַטראַכט דעם ענין.

שוין עטלעכע חדשים, פון טאָג וואָס זי איז געקומען אויף הכשרה

אין דעם קיבוץ פון עמק-הירדן, האָט זי געפילט שיפע בליקן וואָס ציִען זיך צו איר אין צייט פון עסן און בשעת די אָוונט-שמועסן אויפן גראָז.

דער בחור פון משק, וואָס איז נאָך די שלאַכטן געקומען אַהיים און האָט געאַרבעט ווי אַ שאָפער מיטן לאַסט-אויטאָ פון קיבוץ, איז געווען פון די וואָס שפּאַטן אָפּ פון די צעפּיעשטשעטע טעכטער פון יהודה, וואָס זענען געקומען לערנען פירונגען פון פויערים.

שוין דעם ערשטן אָוונט האָט זי זיך צעקריגט מיט אים און האָט אים מיטן גאַנצן פייער פון איר האַרצן געזוכט צו איבערצייגן אַז די יוגנט וואָס ווערט דערצויגן אין אַ באַוועגונג אין שטאָט, איז בעסער צוגעגרייט ווי די יוגנט פון די קיבוצים. זי האָט מיט אים דיסקוטירט מיט דער גאַנצער היץ פון איר זעל, אָבער ער האָט געענטפערט קורץ: „וואָס דאַרף מען דיסקוטירן? מען וועט לעבן, וועט מען זען"...

און פון דאַן אָן האָט זיך צווישן זיי איינגעשטעלט אַ מין שפּאַ-נונג: ביידיקע ווערטער זענען געפלויגן אַהין און צוריק, און שטענ-דיק מיט אָן אָפּלאַכעריש שמייכעלע וואָס פּראָוואָצירט און האָט דעם שאַרפן טעם פון ברענענדיקן פעפער.

אינסטינקטיוו האָט זי תמיד געזוכט זיין שעוועליורע, און פלעגט אַרויסקוקן אין הויף צי עס איז שוין געקומען די העלע מאַשין, און צי ער זיצט שוין אין די ערשטע רייען פון עס-צימער...

— און וואָס אַרט מיך דער גאַנצער ענין? — האָט זי מער ווי איינ-מאָל געטראַכט, אָבער עס איז איר נישט געלונגען צו איבערצייגן זיך אַליין.

— קוק נישט אויף מיר, קוק בעסער אויפן כנרת — האָט ער איר פּלוצים אַ זאָג-געטאָן מיט אַ לאַך.

— פאַראַן וואָס צו זען! — האָט זי געענטפערט מיט כעס, ווי איינע וואָס ווערט געכאַפּט ביי אַ פעלער, אָבער באַלד האָט זי אים געפאָלגט, זיך איינגעקוקט אין כנרת וואָס איז געלעגן ביים לענג פון וועג, אַ רויִקע און זיכערע ווי אַ קינד אין שלאָף.

— הגלילה! הגלילה — האָט ער אָנגעהויבן אונטערברומען מיט אַ ביסל אַ הייזעריקן קול.

ווען מען איז אַריבערגעפאָרן טבריה האָט זי פּלוצים דערזען עפּעס אַ מאָדנע זאַך. מיטאַמאָל האָט ער אַ דריי-געטאָן דאָס רעדל,

האָט אַראָפּגעפירט די גרויסע מאַשין פון געפלאָכטערטן וועג און האָט זיך געלאָזט פאָרן אויף אַ זייטיקן וועג.

— הע! הער נאָר דו! וווּהין פירסטו מיך?! — האָט זי אויסגע־שריִען אַ דערשראָקענע.

— מען גייט אַראָפּ פון גלייכן וועג! איך האָב דאָך דיר געזאָגט: „אַט ווי אַ פאַסטעך פירט די סטאַדע". האָב נישט קיין מורא, עס וועט נאָר זיין אַ צווישנסטאַנציע, סוף־כל־סוף וועל איך ברענגען סיי דיך, סיי די פיש, בשלום אויפן אָרט.

איר הארץ האָט שטארק געקלאַפּט, שטראָמען היץ האָבן זי פאַר־פלייצט. זי האָט געפילט אַן אויפרעגונג ווי אַ טעאַטער־מענטש איי־דער דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן ביי אַ צעבראָכענעם טויער, הינטער וועלכן עס האָט זיך ווי באַהאַלטן אַ הייזקע צווישן ביימער.

— די קעניגין ווערט איינגעלאַדן אין מיין פּאַלאַץ! — האָט ער אַ זאָג־געטאָן מיט אַ געמאַכטן פּאַטאָס און האָט געעפנט דאָס טירל פון לאַסט־אויטאָ.

זי איז אַראָפּגעשפּרונגען נאָך אים, האָט געשפּאַנט אומזיכער און געפּרוּווט צו געבן אירע טריט דעם זעלבן ריטם וואָס זיינע. זיי זע־נען אַריינגעגאַנגען אין אַ פאַרלאָזענעם הויף, אַרומגערינגלט מיט ביי־מער, פון צווישן וועלכע עס האָט אַרויסגעקוקט דער בלויער כנרת, ווי אַ פריילן וואָס שטאָלצירט מיטן בלוי פון איר קלייד. ער איז גע־גאַנגען פאָרויס איבער אַ שמאָלן שטעגל, וואָס האָט זיך געשלענגלט צווישן אָפּגעהאַקטע ביימער און טרוקענע צווייגן. זי איז אים נאָכגע־גאַנגען, געקוקט מיט אַ פאַרגאַפטן בליק אויף דער אַרומיקער פּאַנאָ־ראַמע. אַזאַ פּראַכט האָט זי געזען נאָר אין פילמען וואָס ווייזן אור־וועלדער, ווילדע פעלדזן ווי אַ הינטערגרונט פאַר ראָמאַנטישע דער־ציילונגען.

— היט זיך! — האָט ער צו איר אַ געשריי געטאָן — שוין טויזנ־טער יאָרן ווי די פעלדזן וואַרטן אויף אַריינצוקייקלען זיך אין כנרת; אפשר באַשליסן זיי צו טאָן עס איצט!

אַ מאָמענט האָט זיך איר געדוכט, אַז פון עפּעס גייען אַרום די איינוווינער פון דעם פאַרשלאָפענעם קעניגרייך, וואָס האָבן זיך דאָ באַהאַלטן, און זיי קוקן אַרויס זי אָנצוגרייפן דערפאַר וואָס זי האָט געוואָגט אַריינצודרינגען אַהער אָן דערלויבעניש.

— דאָס איז דאָס פלאַץ! — האָט ער אַ זאָג געטאָן און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, איינלאַדנדיק זי מיט אַ האַנט־באַוועגונג צו טאָן דאָס זעלבע.

זי האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ טעפּיך פון טרוקענע בלעטער און האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט די אומגעגנט. אָט איז אַ שטילער טייך ווי אַ מין בן־זקונים פון כנרת, ליגט באַהאַלטן צווישן די פעלדזן, שטראָמט מיט שטראָמען וואַסער צווישן זיי און קערט צוריק אין זיין מיטער־שוים. הונדערטער קליינע פישעלעך האָבן צעשראָקענע געשווומען צווישן די פעלדזן־שפּאַלטן. עס איז געווען אַ שטילקייט וואָס איז בלויז געשטערט געוואָרן פון דעם וואַסער־גערויש וואָס איז געפאַלן אויפן געהער ווי אַ דעליקאַטער פידל־געשפּיל.

— דו זעסט — האָט ער אַ זאָג געטאָן, קוקנדיק גלייך פאַר זיך. — אָט די קופּע שטיינער האָב איך צונויפגעלייגט מיט מיינע הענט. עס איז געווען אין מיטן פון די שלאַכטן, שוין נאָך דער באַפרייונג פון טבריה. דאָ, אין דעם הויז איז געווען דער שטאַב פון פאָלק, און איך מיט מויש (משה) און רבע (ראובן), וואָס איז, נישט פאַר דיר געדאַכט, הויך ווי אַ טעלעפאָן־סלופּ, זענען געשטאַנען דאָ און געהיט. אַ פּנים האָבן מיר געהאַט — פרעג שוין נישט! מענטשן און דזשאָנגל האָבן אויסגעזען קעגן אונדז ווי בחורים וואָס שפּאַצירן אויף דער פּראָמענאַדע אין שטאָט!

שוין וואָכן אַז מיר האָבן זיך נישט אויסגעטאָן, יעדער שוך איז געווען שווער ווי אַ זאַק מעל! איך און מויש זענען ביידע געשטאַנען אויף שמירה. מיט אַמאָל האָט זיך דער בחור אַ לייג־געטאָן אויף דער ערד, פּונקט אָט־אָ דאָ ווי מיר זיצן איצט, האָט אַרויפגעלייגט זיין קאָפּ אויף מיינע קני, האָט אַ גענעץ געטאָן אַזוי אַז אַלע זשאַבעס פון דער אומגעגנט וואָלטן געקאָנט אַריין אין זיין מויל, און ער האָט אויסגעצויגן: „אַה!... שלאָפן!...”.

האָב איך אַראָפּגעוואָרפן זיין קאָפּ פון מיינע קני און אים געזאָגט:

— הער נאַר, טייערינקער, אין אַזאַ ראָמאַנטישער אומגעבונג איז גוט צו האַלטן אויף די קני אַ קאָפּ פון אַ מיידל, נישט אַזאַ קאַבאַק...

— וואָס חלומסטו וועגן מיידלעך — האָט ער מיר אַ פּרעפּל געטאָן — ווו זענען די מיידלעך און ווו זענען מיר?...

האָב איך אים פאַרזיכערט, אַז ווען די שלאַכטן וועלן זיך ענדיקן,

אַמאָל אין פרידנס-צייטן, וועל איך ברענגען אַהער מיין מיידל און דאָ וועל איך איר זאָגן אַז איך האָב זי ליב.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט געביסן אַ טרוקענע צווייג, וואָס ער האָט געהאַלטן צווישן די ציין, פון דער ווייט האָט זיך געהערט אַ קוואַקען פון אַ זשאַבע.

— זי פלוידערט און איך פלוידער — האָט ער מיט איראָניע אַ זאָג געטאָן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט צו איר:

— קום צוריק. איך האָב זיך איינגעקוקט אין דער שטיינער-קופע, קיינער האָט זי נישט אָנגערירט. און אפשר וואָלסטו אויך גע-וואָלט צוגעבן נאָך איין שטיין?

ער האָט צוגעקייקלט צוויי גרויסע שטיינער, האָט איר געגעבן איינעם און דעם צווייטן געהאַלטן אין האַנט. די שטימע פון דער זשאַבע האָט זיי באַגלייט ביז זיי זענען צוריקגעקומען צום לאַסט-אויטאָ.

זי איז אַריין אין דער קאַבינע, און ווען די טיר האָט זיך פאַר-שלאָסן און זיי זענען געבליבן זיצן איינער קעגן אַנדערן, האָט איר פּנים אויפגעלויכטן ווי דאָס געזיכט פון אַ כּלה אונטער דער חופּה.

יידיש: משה שענדעריי

פון
אלע
פיר עקן וועלט

פון אַלע פיר עקן וועלט

קוים עפּעס מער פון 15 יאָר זענען פאַרפלאָסן זינט דעמאָלט. וואָס פאַר אַ באַדייט האָט אַזאַ קורצער צייט־אָפּשניט פאַר וועלכער נישט איז מדינה און וועלכע ענדערונגען קענען אין אַזאַ קורצער צייט פאָרקומען? אָבער אין מדינת ישראל האָבן זיך די זאַכן געענדערט אין אַזאַ פאַרנעם, אַז דער לייענער פון די דאָזיקע קאַפּיטלען קען פרעגן מיט פאַרוווּנדערונג: „איז דאָס טאַקע אמת, אַז אַזוי האָט אויסגעזען די ווירקלעכקייט?״. יעדער טוריסט וואָס קומט איצט קיין ישראל זעט נייע אויפקומענדיקע שטעט און בליענדיקע גערטנער. קיינער דערמאָנט זיך נישט אַז דאָ איז געווען אַ מעברה און דאָרטן האָבן זיך געפונען צריפים... די דאָזיקע תקופה געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט און מען זינגט וועגן איר ווי מען זינגט וועגן טעג פון דער אומאָפּהענגיקייט־מילחמה: „היו זמנים״...

אמת, ס׳זענען געווען צייטן ווען אַ גרויסע עליה־כוואַליע האָט פאַרפלייצט די יונגע מדינה, וועלכע האָט זיך ביטער געראַנגלט מיט אירע עקאָנאָמישע שוועריקייטן. פון אַלע פיר עקן וועלט זענען אָנגעקומען די עולים. ס׳איז נישט געווען קיין צייט זיי אויפצובויען הייזער און מען האָט זיי געמוזט באַזעצן אין ביידלעך און פּאַלאַטקעס. אָבער נישט קיין לאַנגע צייט האָבן די עולים געלעבט אין די דאָזיקע באַדינגונגען, מיט אַ ברויזנדיקן ריטם האָט מען אָנגעהויבן צו בויען וווינונגען. איינס נאָכן צווייטן זענען אויפגעקומען הייזער, אַרומגערינגלטע מיט גערטנער און די עולים זענען גאָר שנעל איינגעגלידערט געוואָרן אויף דער ערד פון ישראל און דערגרייכט זייער וויל און רו נאָך יאָרן וואַנדערונגען און פּיין. די גערטנער האָבן זיך צעבליט, די קינדער זענען אויפגעוואַקסן און די עולים האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין בירגער וואָס זענען איינגעוואָרצלט אין באָדן פון פאָטערלאַנד.

אין אָט דעם קאַפּיטל פונעם בוך ווערט דערציילט וועגן דער דאָזיקער תקופה, די תקופה פון דער גרויסער עליה.

די שבתדיקע נשמה יתירה

פון אָנהייב האָט זי אַליין נישט געפילט, ווּהין אירע פּיס האָבן זי געפירט; זי איז, דאַכט זיך, גלאַט אַזוי אַרויסגעגאַנגען כאַפּן אַ שפּאַציר לשם פאַרגעניגן, איינצואָטעמען אין זיך אַביסל פרישע ווינ־טער־לופט; עס איז שוין געווען אַ שפּעטע פרימאָרגן־שעה פון אַ שבתדיקן ווינטער־טאָג און אין יענעם שבת האָט ירושלים געשיינט און געבלאַנקט אין זוניקן גלאַנץ ווי אַן אויסגעצוואָגן קעפּל פון אַ מיי־דעלע לכבוד יום־טוב.

די שטיינערנע הייזער זענען נאָך געווען פייכט און האָבן מוט־וויליק און צופרידן אויפגענומען די שטראַלן פון דער ליבער זון איצט, נאָך די געוואַלדיקע רעגנס און שטורעמדיקע נעכט; די קינדערלעך זענען זי צעלאָפן, יעדעס צו זיין „באַשעפטיקונג״ און איר מאַן איז ערגעץ אַוועק צו אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, אָבער זי האָט עפּעס קיין חשק נישט געהאַט אָפּצוזיצן היינט אַ פּאָר שעה אין אַן אָנגעפּראָפּטן זאַל און אויסהערן רעדעס... נאָך אַ וואָך פון שווערער, אויסשעפּנדיקער אַרבעט אַלס אַ סאָציאַלע באַאַמטע, האָט זי איצט געהאַט אַ פאַרלאַנג גלאַט אַזוי, סתם דער וועלט אַריין אַרומצוגיין, אַזוי, אָן שום ציל און אָן וועלכער עס נישט איז כוונה.

אירע טריט זענען געווען לאַנגזאַמע און אירע מחשבות — נישט געסדרטע, כמעט מטושטשע; אַזוי האָט זי אַ לענגערע צייט שפּאַ־צירט ביז זי האָט דערפילט אַ מידקייט אין די פּיס און זי האָט זיך אָפּ־געשטעלט און זיך אַרומגעקוקט אויפן אַרום: אָט אַזוי, נישט ווילנ־דיק, איז זי דאָך דערגאַנגען צו דער זעלביקער מעברה, ווּהין זי קומט אַזוי אָפט אין צוזאַמענהאַנג מיט אירע אַרבעט־פליכטן! זי האָט זיך אַליין פון דעם צעשמייכלט: זי איז געגליכן צו יענעם פערד, וואָס גע־פינט דעם וועג צו זיין קאַריטע מחמת געוווינטשאַפט...

און זי האָט דאָך אייגנטלעך נישט געהאַט בדעה היינט ווידער־אַמאָל אַהערצוקומען... ווידער צו זען די זעלביקע מענטשן און נאָכ־אַמאָל אויסהערן זייערע אייביקע טענות — וואָרום היינט איז דאָך

שבת, און זי דאַרף דאָך אויך האָבן כאָטש איין טאָג מנוחה, כאָטש איין איינציקן טאָג אין וואָך זיך אויסצורוען פון דער וואָכעדיקער ווירקלעכקייט... זי האָט זיך שוין געוואָלט אויסדרייען און אומקערן זיך, אָבער ווי נאָר זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן און זיך איינגעקוקט אין דעם אַרום, האָט די לאַנדשאַפט געפאַנגען איר האַרץ; אַלץ האָט אַצינד געהאַט גאָר אַן אַנדערן אויסזען אין אירע אויגן; ווי זי וואָלט דעם גאַנצן אַרום-און-אַרום היינט צום ערשטן מאָל דערזען.

טאָג-איין, טאָג-אויס, ווען זי קומט אַהער אין אירע אַרבעטס-שעהן, האָט זי גאָר קיין צייט נישט די גאַנצע לאַנדשאַפט צו באַטראַכטן — ערשט איצט דערזעט זי אַלץ; די גאַנצע מעברה איז ווי איינגעראָמט אין צויבערלעכן פראַכט, זי שטראַלט ווי אַ וווּנדערלעך קונסט-בילד געמאָלן פון אַ גאָט-געבענטשטן קינסטלער. זי האָט אויפגעהויבן איר בליק און האָט אַרומגענומען מיט אים די בערג אַרום, זי האָט דערזען בית-הכרם, וואָס טונקט זיך ממש אין גרינס, זי האָט דערזען די מאָנומענטאַלע „בניני האומה" אויפן בערגל אַנטקעגן-איבער, ווי זיי וואָלטן זיך שעמען מיט זייער נאַקעטקייט, זי האָט געזען דעם בוים וואָס צייכנט אָן די גרענעץ, זי האָט באַטראַכט די הייזער אויף וועלכע עס זענען נאָך גוט קענטיק די שפּורן פון באָמבאַרדירונגען, ווי ווונדן וואָס אייטערן און קענען זיך נישט פאַרהיילן...

זי האָט געזען גאַנץ ירושלים זיך אויסשפּרייטן צופוסנס און דאַן האָט זי אויפגעהויבן אירע אויגן אַהין צום הר-הצופים, פון וואַנען די פאַראייניזאַמטע בנינים פון אוניווערסיטעט שיקן אַ גרוס דער שטאָט ירושלים און די ביבליאָטעק מיט איר קופּאָל האַלט אין איין רופן און דערמאָנען מען זאָל זי לאַנג נישט איבערלאָזן אין איר איינזאַמקייט.

דאָס אַלץ איז איצט געווען איינגעהילט אין שבתדיקן לבוש און אָנגעפולט מיט פאַרצייטיקער פראַכט האָט די לאַנדשאַפט באַצויבערט אירע אויגן און געפאַנגען איר האַרץ מיט אויסטערלישער, נישט-ערדישער שיינקייט.

אָבער נישט נאָר די לאַנדשאַפט האָט איצט געהאַט אַן אַנדערן אויסזען, אויך די מענטשן וואָס זענען אַרומגעגאַנגען צווישן די בלעכענע הייזקעס זענען איר אויסגעקומען ניי, ווי זי וואָלט זיי צום ערשטן מאָל געזען. עפּעס ווי אַ וווּנדערלעכע האַנט וואָלט אויסגעגלעט און אויסגעפרעסט אַלע קנייטשן פון זייערע פּנימער און אַ מנוחה, אַ שלווה האָט פון ערגעץ אַראָפּגענידערט אויף דער מעברה. אַזאַ מין רויִקייט

האָט דאָ נישט געהערשט קיינמאָל נישט אין די וואָכעדיקע טעג... אָט איז דער מענטש, וואָס קומט יעדן טאָג צו איר אין ביורא אַריין מיט טענות, פּראָטעסטן און געשרייען, איצט טראָגט ער געמיטלעך צוויי עמערס וואַסער, ער גייט איצט אָנגעטאָן אין אַ פילפאַרביקער פּיזשאַמע, וואָס קלייַדט אים אַזוי ווי ס'וואָלט געווען אַ יום-טובדיקער אויבער-מלבוש, און זיין רוקן איז אַצינד אויסגעגלייכט און אינגאַנצן זעט ער אויס אַזוי ליטיש און בכבודיק, אַז ס'איז ממש אַ מחיה אויף אים צו קוקן.

און אָט שטייט אַ מיידל פאַרן פענצטער, זי קעמט זיך אירע לאַנגצעלאָזטע האָר און זי זינגט אַ לידל.

צי איז עס דאָס זעלבע מיידל, וועלכע האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק זיך אויסגערעדט פאַר איר דאָס האַרץ און אַזוי געוויינט פאַר איר מיט ביטערע טרערן?

איר פּנים לייכט דאָך איצט און אַ ליבער, מילדער שמייכל שיינט אָפּ אין שפּיגל, וואָס זי האַלט אין האַנט.

און אָט איז די קורדיסטאַנער משפּחה, מיט אַזוי פיל קינדערלעך קיין עין-הרע... די מאַמע האָט אַרויסגעטראָגן פון שטיבעלע אַ בענקל און זי זיצט און וואַרעמט זיך אַנטקעגן דער זון. איר קאָפּ איז איינגעוויקלט אין אַ בונט-קאָליריק טיכל און אירע קינדערלעך ליגן אויסגעלייגט אַרום איר, ווי קעצעלעך הויערן אַרום זייער מאַמע-קאַץ... זיי האַלטן זיך אָן דעם זוים פון דער מאַמעס ברייט קלייד, זיי שטיפן און לאַכן הילכיק; און דאָ, נעבן בלעכענעם הייזקעלע, וואָס איז תמיד פול און אָנגעזאַפּט מיטן קרעכצן און אָכצן פון דעם קראַנקן פאָטער, ליגט דער פּופּצן-יאָריקער בחור'ל, דער פּרנסה-געבער, דער וואָס טראָגט דעם יאָך פון דער פאַמיליע... ער האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ טעפּיכל פאַר דער טיר, ער האָט אָנגעלענט דעם קאָפּ אָן די דלאָניעס און זיין פּנים איז באַלויכטן פון דער ליכטיקער זון. זיין בליק איז געווענדט אין דער הייך, אַרויפצו, ווי ער וואָלט זיך בויען פאַנטאַסטישע פּאַלאַצן און ווי ער וואָלט געטרוימט וועגן אַ בעסער לעבן — דיווירקלעכקייט אַרום אים פאַרשווינדט ערגעץ-ווו, זי ווערט ווי אויסגערונען... אַלץ איז דאָ אַנדערש, איצט, אין דעם שבת-פרימאָרגן!

מאָרגן, ווי נאָר מען וועט ווידער פאַרציִען די שטריק צווישן די בלעכענע הייזקעס און בלאָקן, ווי נאָר מען וועט ווידער צעהענגען

די וועש, וועלן זיך ווידער אויסשפּרייטן די דאגות פון די מענטשן, אָבער היינט, דערווייל, האָבן זיי פאַרטריבן אַלע פּיינען פון זייערע הערצער — און אַלץ אַרום, מענטש און לאַנדשאַפט, לעבט און אָטעמט מיט שבתדיקער נשמה־יתירה.

יידיש: זלמן הירשפעלד

דער קויש פּירות

איר פּנים איז געווען צעפלאַמט פון דער היץ, וואָס האָט אכזריות־דיק געשלאָגן אין קאָפּ, בעת זי איז געשטאַנען אין מיטן וועג און גע־וואַרט, ווי אויף אַ דערלייזונג, אויף אַן אויטאָ, וואָס זאָל באַווייזן זי אַרויסצונעמען. עפּעס איז אין איר בליק געווען אַזוינס, וואָס האָט גע־צוווּנגען דעם שאָפער אָפּצושטעלן זיין מאַשין:

— איך בעט אייך, נעמט מיך מיט קיין ירושלים — האָט זי גע־זאָגט אין העברעיש און עס איז קענטיק געווען, אַז זי איז נאָך נישט איינגעאַנצן באַהאַוונט אין דעם לשון.

געווען איז עס אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, די האָר האָבן זיך גרוי געזילבערט. זי איז אַריין אין אויטאָ און געשלעפּט נאָך זיך אַ שווערן קויש, פול מיט זאַפטיקע הענגלעך וויינטרויבן. ווי נאָר זי האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט זי אַרויסגעצויגן פון קויש אַ שווערן הענגל וויינטרויבן; ער איז געווען אַזוי שווער, אַז אויב ער איז נישט באַשאַפן געוואָרן מען זאָל אים טראָגן אויף אַ שטאַנג אין צווייען, האָט זי אים דאָך געמוזט אונטערלענען מיט דער צווייטער האַנט, אַזוי זאַפטיק און שווער־וואָגיק איז ער געהאַנגען אין איר האַנט.

— כ'בעט אייך, כ'בעט אייך זייער, פאַרזוכט די וויינטרויבן, דאָס זענען אונדזערע אייגענע וויינטרויבן, נישט קיין געקויפטע, חלילה, גוטע, זאַפטיקע טרויבן — האָט זי דאָסמאָל גערעדט צו די פּאַסאַזשירן אין אַ געשמאַקן, זאַפטיקן יידיש. דער שאָפער, וואָס האָט געהאַט ביידע הענט פאַרנומען, האָט נישט געוואָלט פאַרזוכן די פרוכט ווייל דער וועג איז דאָ, אין די בערג, געווען זייער אַ שווערער... אָבער זי האָט נישט אָפּגעלאָזט. זי האָט אַרויסגענומען פון קויש צייטיקע פייגן, רויט־בעקלדיקע עפּל און זיי דערלאַנגט דעם שאָפער:

— אפשר ווילט איר פאַרזוכן פון די פּירות, מיר האָבן גענוג, אַ שפע פון פּירות, אַט פיר איך אַ פולן קויש פאַר מיין קראַנקן טאַטן אין ירושלים; מיר האָבן היי־יאָר אַ געבענטשט גערעטעניש אויף פרוכט.

און איר בליק איז געפאַלן אויפן קויש, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבער־ציַיגן, צי עס איז טאַקע אויף אַן אמת אַזוי...

מיר עסן פון די וויינטרויבן, מיר בייסן זיך איין אין די עפּל און פייגן און הערן אויס אַ פּשוטע דערציילונג, אַ מעשה, וואָס דו קענסט זי אָפּט הערן, אויב דו ווילסט נאָר אַראָפּגיין פון הויפּט־שאָסיי, אין די זייטן פון כביש, צו די נייע ישובים, וואָס זענען קוים צוויי יאָר אַלט און צו די „עלטערע", וואָס ציילן שוין אַפילו דריי יאָר עקזיסטענץ...

פון יעדן ווינקל אויף דעם שאָסיי וואָס פאַרבינדט ירושלים מיט תל־אביב קענסטו זען דעם גרינעם שפּיץ־באַרג וועלכן מען האָט אין די טעג פון די שלאַכטן גערופן „המסרק" — (דער קאַם), צוליב דעם קליינעם וועלדל, וואָס איז אויף אים פאַרפלאַנצט.

אָט דער שפּיץ־באַרג מיטן גרינעם וועלדל איז געווען די שטרע־בונג פון אונדזערע קעמפער דאָ, אונדזערע טייערסטע און בעסטע זין האָבן זייערע יונגע לעבנס פאַר אים אַוועקגעלייגט.

און איצט איז דאָ אַ ישוב פון נייע עולים — „בית מאיר" רופט מען אים; 43 משפחות, דאָס רוב עולים פון רומעניע, האָבן דאָ געפו־נען זייער היים און זייער שפּייז.

— ...ס'איז געווען זייער שווער די ערשטע צייט — האָט זי דער־ציילט אָן אַ טראָפּן ביטערניש, אָן שום באַקלאָגן זיך, נאָר ווי זי וואָלט באַשטעטיקט אַ פאַקט; — אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָבן די שווע־ריקייטן אַנטקעגן דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט... כמעט אַלע זענען מיר געקומען פון די לאַגערן, און ווער עס איז אַרויס פון דעם גרויל, פון דער פאַרטיליקונג, דער קען זיך שוין פאַר קיין שום שוועריקייטן נישט איבערשרעקן. איצט איז שוין לייכטער. עס איז שוין דאָ אַ צוגאָב — ווירטשאַפט ביי דער שטוב, עס זענען פאַראַן גערטנער מיט פּירות; עס איז דאָ אַ שטוב, עס איז פאַראַן וואַסער בשפע — וואָס־זשע וועט אונדז פעלן? קינדערלעך לויפן אַרום צווישן די הייזער — איך האָב מיינע קינדער פאַרלוירן אין גלות — אָבער, אַז איך זע די בעקעלעך פאַרברענטע פון דער באַרגיקער זון, ווי זיי לויפן אַרום אַ גאַנצן פרימאָרגן איבערן גאָרטן, ווערט מיר אַזוי גוט אויפן האַרצן, גלייך ווי די פּיצעלעך וואָלטן געווען מיינע אייגענע קינדער...

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, האַלטנדיק דעם הענגל וויינטרויבן הענגענדיק אין איר האַנט, ווי זי וואָלט געוואָרט, אַז מיר זאָלן פון אים

אָפּרייסן די טרויבן און געניסן — און דערנאָך האָט זי ווידער אָנגעהויבן רעדן, גלייך זי וואָלט געטענהט מיט זיך אַליין:

— ווייסט איר וואָס איז דאָס וויכטיקסטע וואָס כ׳האָב דאָ געפונען אין „בית מאיר״ אַ חוץ דער פרייד פון אַרבעט, וואָס כ׳האָב שוין גאָרנישט געגלייבט, אַז כ׳וועל עס אין מיין עלטער קענען געפינען?

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, ווי זי וואָלט וואַרטן מיר זאָלן איר איבערפרעגן נאָכאַמאָל... און אַז מיר האָבן עס נישט געטאָן, האָט זי זיך גוט איינגעקוקט אין אונדז און געזאָגט:

— דאָס סאַמע וויכטיקסטע, וואָס איך האָב דאָ געפונען, דאָס איז די זיכערקייט, די רויִקייט! כ׳האָב אינגאַנצן פאַרלוירן די שרעק, דעם פחד! איך ליג ביינאַכט אין מיין בעט, עס איז שוין שטאַרק שפּעט, מיין מאַן האָט צוגעזאָגט אַהיימצוקומען פרי און ער איז נאָך נישטאָ, ווייל ער איז פאַרנומען מיט די ענינים פון דאָרף — און איך האָב גאָר קיין מורא נישט! איך האָב זיך באַפרייט פון דעם קאָשמאַר, אין וועלכן כ׳האָב געלעבט די לעצטע יאָרן מעבר־לים, אין גלות; כ׳האָב קיין מורא נישט, טאָמער האָט מען אים אַוועקגענומען, טאָמער וועל איך אים שוין מער נישט זען. די רויִקייט, די זיכערקייט גיט דעם מענטשן כוח צו אַרבעטן, מוט צו לעבן, צו בויען און שאַפן. יאָ — כ׳האָב אויפגעהערט מורא צו האָבן און דאָס איז זייער וויכטיק, דאָס איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע!

דער אויטאָ האָט זיך דערנענטערט צו די פאָרשטעט פון ירושלים, די פרוי האָט אויפגעהויבן דעם שווערן, פולן קויש מיט פירות, זי האָט באַדאַנקט דעם שאָפער, און זי איז אַראָפּ פון אויטאָ. זי לאָזט זיך גיין צו איר קראַנקן פאָטער מיטן אָנגעלאָדענעם קויש.

אויפן אָרט, ווו זי איז נאָרוואָס געזעסן, זענען געבליבן צוויי הענגלעך וויינטרויבן, ציימיקע, זאַפטיקע.

יידיש: זלמן הירשפעלד

דער פֿאַרהאַנג

איך ווייס נישט פֿאַרוואָס איך האָב געבעטן דעם שאָפֿער ער זאָל אָפּשטעלן דעם אויטאָ; כ׳האָב דאָך אייגנטלעך געהאַט בדעה צו פֿאָרן ווייטער, כ׳האָב דאָך געהאַט פֿאַר זיך אַ גענוי־צוגעגרייטן רייזע־פּלאַן מיט אַלע פּרטים, אין אַט יענעם בין־השמשות, וואָס האָט זיך צו אונדז אַזוי פֿאַרבאָרגענערהייט פֿאַרטאַיעט, ווייל עס איז דאָך יעדן באַוווּסט, אַז קיין בין־השמשות־שעה איז אין דעם לאַנד כמעט נישט פֿאַראַן, אָבער ווי נאָר כ׳בין געבליבן שטיין אויפֿן שאָסיי און דער אויטאָ האָט זיך אָנגעהויבן פֿון מיר צו דערווייטערן, האָב איך תּיכף דערפֿילט, אַז עפּעס אַן אומגעזעענער כּוח פֿירט מיך ערגעצוווּ... פֿון דעם מאָמענט אָן בין איך געוואָרן ווי אַ הילצערנע מאַריאָנעטקע, וואָס ווערט באַוועגן דורך אַ בינע־מייסטער, וועלכער האַלט די פֿעדים אין זיינע הענט...

כ׳האָב קיין סך נישט געקלערט און כ׳האָב מיך אַ קער געטאָן צו דעם צריפֿים־קוואַרטאַל, וואָס איז איבערנאַכט אַרויסגעוואַקסן אָט־דאָ אויפֿן שיידוועג, גלייך ווי אַ מלאך וואָלט אַהערצו אַראָפּגעשאָטן פֿון אויבן אַ פֿולן זאַק מיט קליינע הייזעלעך און זיי זענען דאָ אַזוי שטיין געבליבן איינס לעבן אַנדערן... ס׳האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן דאָ געשטאַנען על רגל אחת, אַזוי נישט שטאַנדהאַפֿטיק, אַזוי אומזיכער.

כ׳בין געגאַנגען ווי לויט אַ פֿאָרויס באַשטימטן אַדרעס, כ׳האָב מיינע בליקן נישט אָפּגעווענדט נישט רעכטס און נישט לינקס, כ׳האָב נישט געזען דאָס רווישיקע לעבן אַרום, כ׳האָב געשפּאַנט גלייך צו דעם קליינעם צריף (שטיבעלע), וואָס איז געשטאַנען ווייטלעך פֿון די איבעריקע צריפֿים, גלייך זיי וואָלטן אים אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט. דאָס איז געווען איינס פֿון די קליינע צריפֿימלעך, וואָס די צייטונגען דיסקוטירן איבער זיי, צי וועלן זיי קענען אויסהאַלטן דעם ווינטער צי נישט...

איין איינציק פֿענצטערל איז געשטאַנען אַנטקעגן מיר און ביים פֿענצטערל אַ פֿרוי. און ערשט איצט האָב איך זיך אָפּגעגעבן חשבון,

אַז צו איר בין איך עס געגאַנגען, צוליב איר בין איך עס אַראָפּ פֿונעם אויטאָמאָביל, דאָס האָט זי מיך צו זיך גערופֿן. ביז איצט האָב איך זי אין מיין לעבן נישט געזען, כאָטש עפּעס קענטלעכס האָט פֿון איר פּנים צו מיר אַראָפּגעשיינט. ריכטיק, כ׳האָב מיך דערמאָנט: אָט אַזאַ מין אויסדרוק האָב איך געזען אויף די פּנימער פֿון די מאַמעס, וועלכע הייגן אָן זייער קינד צום ערשטן מאָל; אַזאַ מין אויסטערליש גליק איז אויף איר פּנים אויסגעגאָסן, אַז מ׳קען עס מיט קיין ווערטער נישט דערקלערן. איר קאָפּ איז געווען אַריינגעטאָן אין אַ דינעם פֿאָרהאַנג, וואָס איז געהאָנגען צענומען אויף ביידע זייטן פֿענצטערל, און אויסגעזען האָט זי ווי אַ כלה איינגעהילט אין שלייער. זי האָט מיך אָנגעקוקט פּשוט, אָן שום פֿאַרוווּנדערונג, גלייך זי וואָלט געוואַרט אויף מיין וויזיט, און תיכף האָט זי אָנגעהויבן צו רעדן פֿאַר מיר:

— ביסט געקומען צו מיר אין אַזאַ מאָמענט פֿון גליק, מוז איך דיר אַלץ דערציילן. כ׳טאָר פֿאַר דיר גאָרנישט באַהאַלטן. כ׳האָב נאָרוואָס אויפֿגעהאָנגען דעם פֿאָרהאַנג אויף מיין פֿענצטער; דאָס איז אַ גרויסער מאָמענט אין מיין לעבן. איך זע פֿאַרוווּנדערונג אין דיינע אויגן: יעדע פֿרוי הענגט דאָ אויף אַ פֿאָרהאַנג אויפֿן פֿענצטער, וואָס איז זיך דאָ פֿאַראַן צו חידושן? אָבער מיר זענען נישט ווי אַלע פֿרויען. ווייסטו וואָס עס הייסט — לעבן אָן אַ פֿענצטער, ווייסטו וואָס עס מיינט, קיינמאָל נישט קענען אַרויסשטעקן דעם קאָפּ אין דרויסן צו שעפּן אַ ביסל פֿרישע לופֿט, צו קוקן אויף די שטערן ביינאַכט און צו וואַרטן אויף דעם וואָס דו האָסט ליב? אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אין דער שויב און אַרויסקוקן אין דער ווייטקייט אַריין? כ׳ווייס, דו וועסט מיך נישט פֿאַרשטיין, ווייל יעדער צימער האָט דאָך אַ פֿענצטער און מיר האָבן דאָך אויך געוווינט אין אַ צימער... איך האָב אָבער געוווינט אין אַ גרויסן צימער צוזאַמען מיט צענדליקער משפּחות, אין דעם לאַגער פֿון פֿאַרשטויסענע, פֿון פֿאַרטריבענע, פֿאַרשטייסטו עס? כ׳האָב געלעבט צווישן קאָלדרעס, קאָלדרעס צעהאָנגען אַרום און אַרום, פֿון אַלע זייטן — דאָס איז געווען מיין פֿאַמיליע-צימער; יאָ, כ׳געדענק מיין חתונה-נאַכט. ס׳וועט דיר אפֿשר אויסקומען מאָדנע ווי אַזוי מיר האָבן זיך געקענט געפֿינען איינער מיטן אַנדערן אָט אין דעם מענטשן-קעסל, וואָס האָט געשווויבלט און געגריבלט אַרום אונדז? — „דאַרף דען די ליבע האָבן פּלאַצן? נייטיקט זי זיך דען אין קאַרשנביימער און רויזן-קרענץ?״ — אַזוי פֿלעגט ער שטענדיק צו מיר טענהן — און

אפשר איז ער גערעכט; ווייל גראָד דאָ אין די ריזיקע הייף, אַנגע־שטאָפּטע מיט הונדערטער באַראַקן, אין אַ ווינקל, וווּ אַפילו קיין איין איינציקער מענטש קען זיך קיין ברעקל רו נישט געפינען פאַר זיין נשמה, גראָד דאָ איז אונדזער ליבשאַפט געבוירן געוואָרן. אין פלוג, איז דאָך אַלץ געווען אַזוי פשוט: מ׳האָט געשטעלט אַ חופה, מ׳האָט אונדז געווונטשן „מזל-טוב" און מען האָט אונדז אָפּגעטיילט אַ ווינקל צווישן פיר קאָלדרעס. אַ פאַמיליען-צימער... כ׳געדענק מיין חופה־נאַכט. כ׳בין געווען געשפּאַנט ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע און כ׳האָב געשעפּטשעט: „איך זע אויגן אַרום מיר, אויערן וואָס האָרכן, פּליסטער נישט קיין ליבע-ווערטער, זיי וועלן זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן רוים, די שכנים פון רעכטס און פון לינקס וועלן דערהערן". ער האָט געלאַכט און געזאָגט: — „נאַרעלע, אַזוי פירט זיך די וועלט, מיר זענען נישט די ערשטע מיט אונדזער ליבע".

איך האָב אָבער נישט געקענט פאַרטראָגן אונדזער ליבע הינטער די פיר קאָלדרעס, זייט ביי זייט מיט שלאָפנדיקע מענטשן, וואָס כראָ־פּען און מורמלען אומפאַרשטענדלעכע ווערטער פון שלאָף. ווי אַ טשע־רעפּאַכע האָב איך מיך איינגעקאָרטשעט אין זיך און כ׳האָב שטיל גע־בעטן גאָט: „רבונו של עולם, גיב מיר פיר ווענט און אַ פענצטער, מיינעם אַ פענצטער, כ׳זאָל קענען שטיין ביי אים, כ׳זאָל קענען פאַר־ציִען איבער אים אַ פאָרהאַנג, פאַרשטעלן זיך פון זייטיקע אויגן, מען זאָל אונדז נישט זען, מיר זאָלן זיך קענען פילן אַליין מיט זיך, פאַר זיך, אַ קליין ווינקעלע בעט איך ביי דיר — נאָר אונדזער אייגנס!"...

און ס׳זענען געווען נעכט, ווען ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז מיין ליבע איז טויט... געשטאָרבן, אַ דערשטיקטע צווישן אָט די קאָלדרעס.

— האָסט מיך שוין נישט ליב — פלעגט ער אַ פאַרביטערטער פּליסטערן, — ווען דו וואָלסט מיך נאָך ליב געהאַט, וואָלטן דיך נישט געאַרט די אַלע מענטשן אַרום... ליבע זעט נישט דעם אַרום...

און איך האָב עס נישט געקענט דערקלערן, אפשר וועסטו, אַ פרוי, קענען פאַרשטיין, וואָס אין מיין האַרץ האָט זיך אָפּגעטאָן.

זי האָט אַ ווײַלע איבערגעריסן אירע רייד און אירע פינגער האָבן אָנגעהויבן צו באַטאַפּן דעם פאָרהאַנג, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אַן איבעריק מאָל איבערצייגן, אַז ס׳איז טאַקע אַ ווירקלעכקייט, אַז זי שטייט טאַקע אויף אַן אמת ביי איר אייגענעם פענצטער; דערנאָך האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שמייכל:

— שפּעטער זענען מיר עולה געווען קיין ארץ־ישראל און מיר האָבן ווידער געלעבט אין מחנה — אין לאַגער... אין איין געצעלט צו־זאַמען מיט אַנדערע משפּחות; און כ׳האָב ווידער נישט געקענט אַרויס־קריכן פון מיין פאַנצער ביז מיר האָבן באַקומען אָט־דעם צריפל — דאָס שטיבעלע ס׳מאַכט נישט אויס וואָס עס איז ענג, אָבער די פיר ווענט זענען אונדזערע, אייגענע, און ס׳איז דאָ אַ פענצטער, און כ׳קען אַרויסקוקן דורך אים, און שעפּן לופט מיט דער פולער ברוסט און כ׳קען שטיין ביים פענצטער און וואַרטן. און איצט האָב איך שוין אויך אַ פאַרהאַנג. פון איצט אָן וועלן מיר קענען פאַרשטעלן אונדזער וועלטל פאַר זייטיקע אויגן. אָט, זע, ער קומט שוין אָן! איך פאַרציִ דעם פאַר־האַנג. פון איצט אָן וועלן מיר זייןביידע, מיר ביידע מיט אונדזער ליבע...

זי האָט אַ ציִ־געטאָן דעם שנירל און דער פאַרהאַנג האָט זיך פאַרמאַכט און פאַרשטעלט דאָס פענצטער.

מיט דער סטעזשקע איז אָנגעקומען אַ קרעפּטיקער בחור, ער האָט געשפּאַנט מיט זיינע אַרבעט־אינסטרומענטן אויפן אַקסל און אַ לוי־טערער שמייכל האָט געשטראַלט פון אים צו דעם קליינעם צריפל.

ייִדיש: זלמן הירשפעלד

פאַר–האַלט!

די בלעכענע הייזקע, אַן אָפּגעבאַדענע אין נאַכט־טוי, האָט געבלאַנקט אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון, ווי דאָס פּנימל פון אַ קינד, וועמען די מאַמע האָט גוט אָפּגעוואַשן לכבוד שבת: אין דעם באַגינען האָט דאָס געשטאַלט, וואָס איז געשטאַנען איינגעבויגן איבער דער נאַפּט־מאַשינקע, אויסגעזען אין זיינע אויגן, ווי אַ בלאַסער שאָטן געהילט אין גרוילעכער בלויקייט; דאָס איז זיין ווייב וועלכע האָט זיך געפּעדערט אויפצושטיין, כדי צוצוגרייטן פאַר אים פרישטיק.

ביי דער וואַנט אַנטקעגנאיבער שלאָפן זיינע צוויי קינדער; זיי דאַרפן נישט אויפשטיין מיט זון־אויפגאַנג; די מאַמע וועקט זיי ערשט אויף נאָך דעם, ווי ער גייט אַוועק צו דער אַרבעט. ער איז שוין געוווינט אָט צו דעם דאָזיקן פרימאָרגן־בילד: געוווינט צו די ווענט, וואָס הילכן־אָפּ מיט אַזעלכע מאָדנע קלאַנגען, געדעמפטע בלעכענע רייד, ענלעכע צו דער הייזעריקייט פון אַן אויפגערעגטן, נערוועזן, אָנגעברוגזטן מענטשן.

די ערשטע טעג פלעגט ער אויספּרובירן זיין שטימע, ווי ער וואָלט „גערעדט צו דער וואַנט", און זיך יעדעס מאָל אַליין דערשראָקן פאַר דעם אויסטערלישן אָפּקלאַנג, פאַר דעם ווידערקול, מיט וועלכן די בלעכענע ווענט ענטפערן אָפּ אין אַזאַ מין לשון, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן מיט קיין שום שטוב־קלאַנגען, וועלכע ער איז געוווינט געווען צו הערן דאָרטן, מעבר לים. די קינדער האָבן הנאה געהאַט פון אָט די ווענט און זיי פלעגן כסדר פויקן איבער זיי מיט די הענטלעך ווי אַ לוסטיקע קאַפּעליע.

די קינדער... ווי גרינג זיי האָבן זיך צוגעוווינט צו דער מעברה, צו דעם לאַגער, צו דער נייער פאַר זיי לאַנדשאַפט, צו דער שפּראַך, צו די מנהגים, צו דער גלײַענדיקער זון, אַזוי ווי זיי וואָלטן פון תמיד־אָן דאָ געוווינט, אַזוי ווי זיי וואָלטן דאָ צווישן די בלעכענע ווענט צום ערשטן מאָל דערזען די שיין; אָבער ער און זיין ווייב — ווי שווער איז זיי אָנגעקומען זיך צוצופּאַסן און צוגעוווינען זיך! דער עיקר איז אים

שווער אָנגעקומען די פיזישע אַרבעט; נאָך אַ שווערן טאָג פון האַרע־וואַניע אויפן שאָסיי, אונטער דער ברענענדיקער זון, פלעגט ער ביי־נאַכט קרעכצן פון שלאָף, ווייל ער האָט אין די ביינער זיינע געפילט אַ טיפן שמערץ.

יעדן אָוונט, ווען ער פלעגט זיך אומקערן אין דער מעברה, אַ מי־דער און אַ צעבראָכענער, פלעגט ער פון דערוויטנס אויפהייבן זיינע אויגן אַרויף צו דעם בערגל צו די רושטאָוואַניעס פון די הייזער, וועלכע ווערן געבויט פאַר זיי; אַן אַרבעטס־דאָרף בויט זיך דאָ — און דאַן וועט אַלץ לייכטער ווערן.

ער וועט שוין נישט דאַרפן שטיין אַ גאַנצן טאָג צוגעשמידט צו דעם שאָסיי פון גליִענדיקן אַספאַלט, לעבן קעסל, וואָס זידט ווי אַ גיהנום ממש. דאַן וועט זיין לעבן, זיין אַזאַ ווי דאָס לעבן פון די אַלע מענטשן, וועלכע זענען אַהערגעקומען מיט אַ סך יאָרן צוריק, איי־גענע היימען, באַאַרבעטע פעלדער, קי און מויליאייזלען און אַ הינער־שטייג... אָט די אַלע מענטשן ביי וועמען דעם שונאס נאַגייקעס האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין סימנים אויף זייערע לייבער; די אַלט־איינ־געזעסענע, די וותיקים, צו וועלכע יעדער נייער עולה פילט אַ געוויסע קנאה אין האַרצן און קיינער קען דעם דאָזיקן געפיל נישט גובר זיין...

עס דערגייט צו אים אַ וויטער רויש פון אַן אויטאָ. דאָס איז דער לאַסט־אויטאָמאָביל, וואָס פאַרט צונויפנעמען די אַרבעטער; ער פאַר־ענדיקט שנעל די לעצטע שלינג פאַרעדיקע טיי, שטופט אַריין דאָס ברויט אין דער טאָרבע און לויפט צום לאַסט־אויטאָ; גרויע פנימער. עס ליגט נאָך אויף זיי דער שלאָף, נעמען אים אויף אין אויטאָ. מען שטייט צוזאַמענגעקוועטשט איינער נעבן אַנדערן און מען רעדט גאָר־נישט; די פרימאָרגן־שעה איז נישט פאַר קיין חברישע שמועסן... מיט אימפעט פליִען זיי פאַרביי ישובים דאָ און דאָרט און וועג־צייכנס באַגלייטן זיי מיט דער ווייסקייט פון זייערע שטיינער. אָט בלייבן זיי שטיין און גייען אַראָפ, און דאָ איז דער אָפשניט פון שאָסיי, ווו ער דאַרף היינט אַרבעטן.

— דו וועסט היינט אַכטונג געבן אויף דער טראַפיק — האָט אים דער אויפזעער באַפוילן און האָט אים געהייסן זיך אַוועקשטעלן ביים סלופ, אויף וועלכן עס האָט זיך געוויסט דער טאָפלטער שילדל: „פאַר — האַלט״.

ער האָט גאָרנישט איבערגעפרעגט, ווייל ער איז געווען זייער

צוּפרידן, וואָס ער וועט איצט האָבן אַ לייכטע אַרבעט און וועט נישט דאַרפן כסדר אַרבעטן מיט אַ געבויגענעם רוקן דאָ אויפן שאָסיי.

אַ לאַנגער קאָנוואָי אויטאָמאָבילן איז איצט צוגעפאָרן צו דעם אָפּשניט פון שאָסיי, וואָס מען האַלט דאָ אין פאַרריכטן, די שאָפערן האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ דורך די פענצטערלעך און אין זייערע אויגן — אַ פראַגע, אַ דערוואַרטונג.

אַ רגע האָט ער נישט פאַרשטאַנען: אויף וואָס וואַרטן זיי, פאַר־וואָס פאָרן זיי נישט ווייטער, די שאָפערן; ערשט האָט ער זיך גע־כאַפּט: זיי וואַרטן אויף זיין באַפעל: „סע" — פאָר! — וועלן זיי פאָרן... ער, דער נייער עולה, וואָס עס דוכט זיך אים אָפט, אַז אַלע שאַצן אים גרינג, ער איז איצט דער הערשער איבערן שאָסיי, און נאָר אויף זיין באַפעל קענען זיי אַלע פאָרן ווייטער, און נאָר אויף זיין באַפעל מוזן זיי בלייבן שטיין!... אַ ברייטער שמייכל האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים, ווען ער האָט איבערגעדרייט דאָס שילדל און גלייך געבראַכט אין באַוועגונג די גאַנצע, לאַנגע שורה אויטאָמאָבילן אויפן שאָסיי: „סע" — „פאָר" — און אַלץ פאָרט, אַלץ באַוועגט זיך.

ער פילט אַליין נישט ווי זיינע ליפּן שעפּטשען צו: „סעו לשלום" — „פאָרט געזונטערהייט" — צו דער שטוינונג פון אַלע שאָפערן וואָס פאָרן אים פאַרביי.

יידיש: זלמן הירשפעלד

דאָס ייִנגל און זײַן פּלאַנץ

די נאַכט־וועכטערן האָט זיך אָנגעבויגן איבער זײַן בעטל, און ווען זי האָט געזען, אַז זײַנע אויגן זענען פֿאַרמאַכט, האָט זי מיט פֿאַרזיכטיקייט פֿאַרריכט זײַן קאָלדרעלע, וואָס האָט זיך געהאַט אַ ביסל אַראָפּגעגליטשט, זי האָט נאָך אַ לעצטן בליק געוואָרפֿן אויף די שלאָ־פֿנדיקע קינדער און זי איז אַרויס אין הויף.

דאַן ערשט האָט ער אויפֿגעעפֿנט זײַנע אויגן. ניין, ער שלאָפֿט נישט, שוין אַ צײַט ווי ער שלאָפֿט נישט. פֿון זינט אַלע חברים פֿון דעם צימער זענען אײַנגעשלאָפֿן, ליגט ער כסדר מיט אָפֿענע אויגן און קוקט אין דער פֿינצטערניש אַרײַן.

אַלצדינג וואָס ער האָט געזען אין פֿאַרלויף פֿון טאָג, גייט איצט פֿאַרבײַ זײַנע אויגן.

אָט איז די לאַנגע שורה קינדער, וואָס מאַרשירן אַהין צום גרויסן, אַרומגעצוימטן שטח, און ער שפּאַנט צוזאַמען מיט זיי, און זינגט צוזאַמען מיט אַלע קינדער דאָס ליד:

„כך הולכים השותלים"

— „אַזוי גייען די פֿלאַנצערס".

און די פֿלאַנץ אין דעם קליינעם וואַזאַנדל איז אַזאַ שוואַכינקע, אַזאַ ציטערנדיקע. וועט באמת פֿון איר אַרויסקומען אַ גרויסער, צע־צווייגטער בוים, און ער וועט אַמאָל קענען זיצן אין זײַן שאָטן? און דער בוים וועט האָבן טיפֿע וואָרצלען אין דער ערד, אַזוי ווי דער בוים אין יענעם וואַלד, דאָרטן?

ער געדענקט דעם וואַלד אַרום דעם מאַנאַסטיר. יעדן זונטיק פֿלעגן די מאָנאַשקעס אים דערלויבן צו גיין שפּאַצירן צווישן די ביי־מער; אין דער געדיכטעניש פֿון דעם וואַלד, פֿאַרבאָרגענערהייט פֿלעגט ער פֿון אַ געהיימער באַהעלטעניש אין זײַן בגד אַרויסנעמען דאָס זע־קעלע, וואָס זײַן מאַמע האָט אים אָנגעהאַנגען אויפֿן האַלדז — און ער פֿלעגט זיך לאַנג אײַנקוקן אין דעם שטיקל פּאַפּיר, אויף וועלכן עס איז

געווען אַ מגן־דוד, און אונטער אים איז געווען אָנגעשריבן אויף פּוי־ליש: „דו ביסט אַ ייִד, געדענק מיין זון, אַז דו ביסט אַ ייִד".

דאָרטן, אין מאָנאַסטיר האָט ער דאָס זעקעלע נישט געטראָגן אויפן האַלדז. ער האָט עס פאַרבאַהאַלטן טיף־טיף אין זיין בגד, און די מאָנאַשקעס האָבן עס קיינמאָל נישט געקענט געפונען; ווען ער פלעגט שטיין מיטן כאָר אַרום די גרויסע ברענענדיקע ליכט און זינגען די קלויסטער־געזאַנגען, פלעגט ער פילן דאָס זעקעלע, ווי ער וואָלט פילן דער באַריר פון זיין מאַמעס הענט. ניין, דער מאַמעס פּנים געדענקט ער נישט, איר פּנים איז אַוודאי ענלעך געווען צו דער „מאַדאָנע", צו וועלכער ער פלעגט מתפלל זיין, צו דער שיינער, שמייכלענדיקער „מאַדאָנע" דאָ אין קלויסטער.

אין יענעם טאָג, ווען ער האָט זיך צעשיידט מיטן מאָנאַסטיר און ווען ער איז אַוועק מיט דעם בחור, וואָס איז אים געקומען נעמען, איז ער אַ ווײַלע געבליבן שטיין און ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם פּנים פון דער „מאַדאָנע" — און זי האָט צו אים דאַן געשמייכלט, ווי זי וואָלט אים מיטגעגעבן אַ ברכה אויפן וועג...

ער האָט דערהערט אַן אָפּקלאַנג פון ווייטע טריט. ער האָט פאַר־מאַכט די אויגן און זיך געמאַכט שלאָפנדיק און מיט אַ ציטער האָט ער אָנגעטאַפּט דאָס זעקעלע, וואָס ער האָט אַצינד אָפן און פריי גע־טראָגן אויף זיין האַלדז. דאָס זעקעלע איז דאָ! די מאַמע זיינע וואָלט זיך זיכער געפרייט, ווען זי זעט אים היינט, ווי ער שפּאַנט און מאַר־שירט איבערן דאָרף צוזאַמען מיט אַלע קינדער... די מאַמע וואָלט זיך היינט אַוודאי געפרייט, ווען זי זעט אים, ווי ער פאַרפלאַנצט דעם קליינעם איידעלן פלאַנץ, טיף, טיף אין דעם גריבעלע... זיין פלאַנץ!...

יאָ, זיכער, דאָס וועט זיין זיין בוים, און ער וועט קענען דרייסט אָנווייזן אויף אים און זאָגן: — „איר זעט, אָט דעם דאָזיקן בוים האָב איך פאַרפלאַנצט אין דעם ערשטן יאָר, ווען כ'בין אָנגעקומען קיין ישראל".

דאַן וועט ער שוין זיכער זיין אַן אַרבעטער, גלייך ווי אַלע חברים פון קיבוץ, און אפשר וועט ער שוין דעמאָלט אַליין האָבן קינדער, און אויך אַן אייגענעם צימער ווי אורים עלטערן האָבן.

ער וואָלט אַזוי געוואָלט זיין ווי אורי!... ער זאָל קענען רעדן אַזוי שנעל, שנעל, און מען זאָל צו אים זאָגן „דו ביסט אַ חוצפּהדיקער צברא" — איי וואָלט ער געוואָלט זיין אַזוי ווי אורי!

און מיטאַמאָל האָט אים אַרומגענומען אַ סודותדיקער פּחד און אַן אויסטערליש געפיל: — אויב זיין ביימעלע וועט שלאָגן וואָרצלען אין דער ערד, דאַן וועט ער דאָך זיין ווי אורי, אַקוראַט ווי אורי... און אפשר האָט עמעצער אַרויסגעריסן זיין פלאַנץ פון דער ערד? אפשר האָט אים עמעץ אַרויסגעצויגן און אים ערגעץ אַוועקגעוואָרפן?

ווי ער וואָלט אַליין נישט געוווּסט, וואָס ער טוט, גיט ער אַ שפּרונג אויף פון בעטל, ער לויפט צום פאַדערצימער, ער כאַפּט שנעל אַרויף אויף זיך זיין מאַנטל און לויפט־אַרויס אין דרויסן; עס קומט אים אַנטקעגן אַ קאַלטע שבת־נאַכט און די שטערן בלינצלען ווי די לאַנגע ליכט אין קלויסטער... און ער לויפט אַהינצו, צו דעם אַרומגעצוימטן פלאַץ ווו ער האָט זיין ביימעלע פאַרפלאַנצט.

אָט איז די ערשטע ריי, אָט איז די צווייטע ריי, און אָט איז זיין פלאַנץ.

ער בייגט זיך אַראָפּ איבער דער ווייכער ערד און ער קוקט זיך איין אין אָט דעם קליינינקן פלאַנץ, וואָס זעט איצט אויס ווי איינגע־קאָרטשעט פון קעלט, ווי אַ קינד פאַרלאָזן פון זיין מוטער.

— העי, דו, וואָס טוסטו דאָ? — האָט ער פּלוצים דערהערט אַ שטים הינטער אים. דאָס האָט אורים טאַטע געשפּאַנט מיט גרויסע, פעסטע טריט.

— איך... איך קוק ווי דער פלאַנץ וואַקסט —

אַזוי ענטפערט ער מיט אַ שטים, אַ ציטערנדיקער פון קעלט און דאַן שטרעקט ער אויס זיין הענטל צו אורים טאַטן און ער שפּאַנט צוזאַמען מיט אים צוריק אין זיין שלאָפצימער. פון דער מאַזאָליעדי־קער האַנט שטראָמט אַריין אין אים אַ ליבלעכע וואַרעמקייט.

יידיש: זלמן הירשפעלד

צום נייעם יאָר

איך ווייס, אַז דו חידושט זיך מיך צו זען אין דאָרף אין אַט דער שעה: היינט איז דאָך ערב יום-טוב און אַלע זענען זיך צעפאָרן צו זייערע משפחות, נאָר איך בין געבליבן; ס'קאָן זיין, אַז מיין ווייב און קינדער וועלן אויף מיר פאַריבל האָבן; מיין ווייב וועט זיצן ביי איר פאַטערס טיש אַ שווייגנדיקע און כאָטש זי וועט גאָרנישט רעדן, וועט זי דאָך אין איר האַרצן האָבן טענות צו מיר, פאַרוואָס כ'בין נישט אַהיימגעקומען; ווען כ'וועל אַהיימקומען, וועל איך איר אַלץ אויפקלערן און זי וועט מיך פאַרשטיין אַזוי ווי זי האָט מיך פאַרשטאַנען, ווען כ'האָב איר דערקלערט, פאַרוואָס כ'האָב זיך מאָביליזירט צו זיין אַ מדריך אין אַ דאָרף פון נייע עולים און כ'בין נישט געבליבן אין אונדזער היים, אין אונדזער משק און כ'האָב אַרויפגעלייגט די גאַנצע לאַסט, די גאַנצע אַרבעט אויף אירע פּלייצעס... וואָס זענען נאָך אַזויפיל יאָרן מי און ליידן אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז געווען מיין פליכט צו טיילן זיך מיט מיין דערפאַרונג פון אַזויפיל יאָרן אַרבעט מיט די, וואָס זענען געקומען צופליִען צו אונדז, ווי פייגל געיאָגטע פון יעגער, צעווייטיקטע, אָפּגעשוואַכטע, גלייביקע און תמימותדיקע ווי קינדער, וואָס מיינען, אַז אַ נס איז זיי דאָ געשען און זיי וועלן דאָ אין דער ייִדישער מדינה עסן זייער ברויט אָן שווייס פון זייער פּנים.

דו ווייסט דאָך ווויל, אַז איך האָב זיי באַגלייט אויף זייערע האַרבן וועג פון דעם ערשטן טאָג אָן ווען זיי זענען אָנגעקומען, כ'האָב דורכגעמאַכט מיט זיי אַלע שטאַפּלען פון קליטה, פון די לייוונטענע געצעלטן ביז די בלעכענע הייזקעס, און פון די בלעכענע הייזקעס, איצט, ערב ראש-השנה, צו זייערע הייזער, צו זייערע היימען.

דו, וואָס האָסט פון אַ זייט אָבסערווירט די אַנטוויקלונג און דעם וווּקס פון דאָרף, האָסט דאָך מיך געזען ביי דער אַרבעט; האָסט דאָך געזען, ווי כ'פלעג מיך אָנשטויסן אין אומצוטרוי, ווי אָפט איך בין דאָ געווען דער שעיר לעזאזל אין דער ערשטער ריי, אין פּעריאָד פון

איינלעבן און צופּאַסן זיך, פון ליידן און פּיין; דו האָסט דאָך געזען, ווי זיי פּלעגן קומען צו מיר זיך בעטן רחמים, מען זאָל חלילה זייערע קינדער נישט צונעמען אין קינדער־היים; ווי זיי פּלעגן באַהאַלטן פאַר מיר יעדן קראַנקן, יעדע שוואַנגערע פרוי מען זאָל זיי חלילה נישט נעמען אין שפּיטאָל אַריין; דו ווייסט אפשר פאַרשטיין, פאַרוואָס כ׳בין היינט אין ערב־יום־טוב געבליבן דאָ מיט זיי, כדי צוזאַמען מיט זיי צו פייערן דעם ערשטן יום־טוב אין זייערע שטיבער, אין זייערע היימען.

לאָמיר אַריינגיין אַהערצו, אין דער ערשטער היים, פאַרזיכטיק! דיינע פיס טרעטן אין דעם גרינס גערטנדל, וועלכן די קינדערישע הענטלעך האָבן באַאַרבעט און געפּלעגט מיט אַזויפיל ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט; יעדן טאָג נאָכן אַהיימקומען פון שולע גיבן זיי צו טרינקען יעדן בלימעלע און ביימעלע; דער ראש פון דער משפחה אַרבעט דאָ אין דער געגנט ביי באַוואַלדונג, די קינדער פּילנעווען דאָס גערטנדל און די מאַמע העלפט זיי; דו זעסט אָט דאָס דיקלעכע ייִנגעלע, וואָס זיצט לעבן זיין טאַטן? האָסט אים אַוודאי נישט דערקאַנט! דאָס איז דאָך דאָס ייִנגל, וואָס מיר האָבן מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק אים אַריינגעגעבן אין אַנשטאַלט; ווי קראַנק ער איז דאַן געווען; די גאַנצע צייט איז ער געווען אונטער מעדיצינישער אויפזיכט — איצט איז ער געזונט.

לאָמיר איצט אַריינגיין אין דער צווייטער שטוב. די משפחה האָט געקריגן ערשט נישט־לאַנג אַ פּרעמיע פון רעגירונגס־שעף; דו זעסט אַרום טיש זיצן צען קינדער ווי די פּלאַנצן, און דער אין אוניפאָרם, דאָס איז דער זון וואָס איז געקומען פון מיליטערישן לאַגער, צו פייערן דעם יום־טוב אין זיין היים, מיט זיין משפחה; קוק אים אָן, זע ווי עס בלישטשעט ממש פון אים, ער איז אַ סערזשאַנט... און טאַטע־מאַמע זענען שטאָלץ מיט אים; האָסט געמעגט זען, ווי ער לערנט זיינע ייִנ־גערע ברידערלעך די געזעצן פון היגיענע און ריינקייט, ווי ער גיט זיי אינסטרוקציעס און מוסטער־לעקציעס ווי צו רייניקן די ציין, אַזוי ווי מ׳האָט אים געלערנט אין מיליטער; זע — ער הייבט דעם כוס לחיים, אַ גוט יאָר — קום חבר, לאָמיר זיך פאַראייניקן מיט זיי, לאָמיר אויך אויפהייבן דעם כוס לכבוד דעם נייעם יאָר און לכבוד דעם נייעם דאָרף מיט זיינע נייע שטיבער. לחיים! — זאָל דאָס דאָרף וואַקסן, בלִיען און שלאָגן טיפע וואָרצלען אין דער ערד פון ישראל.

ייִדיש: זלמן הירשפעלד

איך בין פון צפת...

— אז איך בין נישט קראַנק, איך וויל גיין אַהיים!

טרערן זענען געשטאַנען אין די בלויע אויגן, ווי אַ קלאָר, קליין טייכל געגלאַנצט; נאָר איין אײנציקע גרויסע, לויטערע טרער האָט פון אויג אַראָפּגערונען און איינגעזאַפּט געוואָרן אין דעם קראַנקן־כאַלאַט, וואָס האָט— אַמאָל אַהערצו, אין מיליטערישן שפּיטאָל פאַר־בלאָנדזשעט — ווי אַ מתנה פון עפּעס אַ גוטהאַרציקן פילאַנטראָפּ פון יענער זייט ים.

— זיי נישט קיין קינד, מען דאַרף דיך דאָ גרינטלעך אונטערזוכן און באַטראַכטן, מען מוז דערגיין פונוואַנען קומען צו דיר אַזעלכע ווייטיקן אין בויך; ס'מאַכט נישט אויס, דו וועסט דאָ פאַרבלייבן מיט אונדז— נאָר אַ פּאָר טעג און דו וועסט אַהיימגיין; מיר האָבן וואָס צו עסן — דיך וועלן מיר סיי־ווי נישט אויפעסן.

די יונגיטשקע קראַנקנשוועסטער האָט גוטמוטיק געשמייכלט און זיך ווייטער געטאָן איר אַרבעט.

— אָבער איך וויל גיין אַהיים — האָט דאָס מיידל, די סאָלדאַטקע געהאַלטן אין איין טענהען ווי אַ צעפּיעשטשעט קינד — איך בין פון צפת — האָט זי צוגעגעבן, כדי צו דערקלערן דעם מאָטיוו— פון איר בענקען אַהיים.

— פון צפת — אויסגעצייכנט! וועסטו דאָ געפינען אַ סך באַקאַנטע קראַנקנשוועסטערס, עס וועלן דיר דאָ קיין חברטעס נישט פעלן; אין אַ טאָג צוויי אַרום וועסטו אַליין שוין נישט בענקען אהיים, דאָ מאַכט מען אַ לעבן, זאָג איך דיר...

אַזוי האָט זי אָנגעהויבן צו שילדערן און מאָלן דאָס לעבן אין שפּי־טאָל מיט אַזעלכע ראָזעווע פאַרבן, אַז עס איז ממש נישטאָ קיין שע־נער און אָנגענעמער אָרט אויף דער גאַנצער וועלט.

ביסלעכוויז האָבן זיך די טרערן אין דער סאָלדאַטקעס אויגן אויסגעטריקנט און דאָס נאַזטיכל האָט זי באַהאַלטן אין קעשענע; מיטיקצייט איז שוין דאָס צפתער מיידל געזעסן ביים טיש, צוזאַמען

מיט אַנדערע קראַנקע, וואָס גייען אַרום און ס׳האָט זיך פאַרקניפּט אַ שמועס מיט די נייע, נאָר-וואָס אָנגעקומענע עולות.

לעבן איר איז געזעסן אַ יונגע תימנקע, וואָס איז ערשט אָנגעקומען פון בית-ליד; אַז מ׳האָט דערלאַנגט דאָס עסן, האָט די תימנקע אויפגעהויבן דעם טעלער, צוגעטראָגן אים צום מויל און געזופּט די זופּ; דאָס צפתער מיידל איז געוואָרן אויפגעבראַכט: „ווי אַזוי עסטו? קום וועל איך דיר ווייזן, ווי אַזוי מען דאַרף עסן". און באַלד אויפן אָרט האָט זי איר געוויזן, ווי אַזוי מען באַנוצט זיך מיט טעלער-לעפל.

— ס׳איז אַלצאיינס, אַזוי צי אַזוי, אַבי דאָס עסן קומט אין מויל אַריין — האָט די תימנקע געשמייכלט, זי האָט זיך אָבער אונטערגעוואָרפן דער נייער דיסציפּלין, גענומען אויף זיך די שווערע גזירה און נאָך אַ קליינער ווײַלע האָט זי מיט געשיקטקייט און פאַרשטענדעניש נאָכגעמאַכט די מאַנירן פון די „שכנזים", נאָר פון צייט צו צייט, האָט זי זיך אַביסל אָפּגערוט פון דער „שווערער אַרבעט" און בגנבה זיך צוגעהאָלפן מיט די פינגער פון טעלער אין מויל אַריין...

דער שמועס ביים טיש איז געווען אַ לעבהאַפטער און אין געמיש פון די שפּראַכן און דיאַלעקטן, וואָס האָבן געזשומעט אַרום, האָט דאָס צפתער מיידל אַלעמען אַרויסגעהאָלפן ווי אַן איבערזעצערקע, ווי אַ דאָלמעטשער צווישן מזרח און מערב; דאָ און דאָרט האָט זי אַריינגעבראָכט אַ פּאָר ווערטער אויף יידיש, וואָס זי האָט אַ ביסל געדענקט פון די קינדער-יאָרן.

עמעצער האָט מיטאַמאָל אויפגעדרייט די ראַדיאָ; מ׳האָט געהערט דעם פּראָגראַם „כבקשתך".

— איר הערט? איך בין פון צפת, דאָס זינגט מען וועגן מיר, וועגן מיר! אַזוי זענען מיר,— די צפתער, אַזאַ טבע ביי אונדז! — האָט זיך דאָס צפתער מיידל צעפלאַמט און באַגלייט דאָס געזאַנג מיט איר יונגער, קלינגענדיקער שטימע.

— די ווערטער — נישט פאַרשטיין — האָט אַרויסגעזאָגט איר מיינונג דאָס תימנער מיידל, נאָכדעם ווי זי האָט זיך אַ ווײַלע צוגעהערט צום געזאַנג.—

— וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט? — האָט זיך דאָס צפתער מיידל געפילט געטראָפן — דאָס איך דאָך — אַזוי פשוט!

ווען די קלאַנגען פון דעם ליד זענען אַנטשוויגן געוואָרן האָט זי זיך אוועקגעזעצט און פאַרטייטשט, איבערגעזעצט און דערקלערט

וואָרט ביי וואָרט אַלע ווערטער פונעם ליד, צוערשט — דער תימנקע און דערנאָך אַלע איבער עולות, און ווען קיין ווערטער האָבן איר נישט געסטייעט, האָט זי זיך געשיקט אַרויסגעהאָלפן מיט די הענט, מיט תנועות און העוויות, מיטן אויסדרוק פון אויגן און פנים.

די עולות האָבן זיך ענג אויסגעזעצט אַרום איר און אויסגעהערט אירע רייד מיט אַ סך אויפמערקזאַמקייט.

— אַ שולע, אַן אולפן צו לערנען עברית, — האָט די קראַנקנ-שוועסטער מיט אַ ליבלעכן שמייכל צוגעוואָרפן אַ דערמוטיקונג דעם מיידל פון צפת.

— כ'האָב דיר געזאָגט, אַז דאָ איז דאָ אַ סך וואָס אויפצוטאָן — נישט אמת?

— אוודאי איז דאָ וואָס צו טאָן — האָט דאָס צפתער מיידל גע-ענטפערט מיט אַן ערנסט פון אַ דערוואַקסענער פרוי.

יידיש: זלמן הירשפעלד

אַ באַגעגעניש אין מדבר

מיט איין מאָל איז צוגעפאַלן די נאַכט; אָן שום הכנות איז פון טאָג געוואָרן נאַכט. האַסטיק האָט זיך אַלץ געביטן, אַזוי שאַרף און בולט, ווי אַלצדינג אין דער ווילדער, אויסטערלישער נאַטור פון נגב. ווי נאָר די זון איז אונטערגעגאַנגען, איז תיכּף אָנגעפאַלן די פינצטער־ניש אין דערזעלבער רגע, אַזוי ווי צוויי גוואַרדיסטן בייטן די וואַך פאַר די טויערן פון אַן אַלטערטימלעכן שלאָס.

דער אויטאָ, אַ פאַרמאַטערטער פון וואַגלענישן איבער וועגן און אומוועגן, האָט אַרויסגעלאָזט פון זיך זיפצן און קרעכצן, ווי ער וואָלט געטענהט: — „אפשר וועט איר מיך סוף־כּל־סוף צורו־לאָזן, ס׳איז דאָך שוין נאַכט! איך בין דאָך נישט געוווינט אַרומצופאָרן איבער אַזעלכע ווילדע וועגן; איר, מענטשן, אויב איר ווילט אייך גיין אין מדבר אַריין, פאָרט אייך אויף קעמלען, אויף פערד, אָבער איך בין דאָך דאָס שטאָ־לענע באַשעפעניש פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס איז געוווינט זיך צו באַוועגן אויף די גלאַטע שאָסייען איבער דער גאָרער וועלט".

דער שאָפער האָט אַנדערש געטראַכט: זיינע מוסקולירטע הענט האָבן פעסט און זיכער געפירט דעם אויטאָ איבער בערגלעך און היג־לעך, מיט עקשנות און אָן שום מורא, ווי איינער וואָס שטרעבט באַ־וווּסטזיניק צו אַ זיכערן ציל; די פּאַסאַזשירן זענען געווען ווי פאַר־שטויבט אַזוי ווי בעקערס נאָך אַ נאַכט אַרבעט אין אַ בעקעריי; דרימ־לענדיקע זענען אַלע געזעסן אין דעם ספק־אויטאָבוס, ספק־לאַסט־אויטאָ און געשאָקלט מיט די קעפּ ביי יעדן אויפטרייסל אויפן קאַפּריז־נעם כביש.

מיטאַמאָל האָט זיך דער אויטאָ פאַרהאַלטן און געבליבן שטיין.

— וואָס איז דיר געשען, פערדעלע מיינס? — האָט דער שאָפער אַ דערשטוינטער זיך צוגעהערט צום רויש פון מאָטאָר, פּרוּווּנדיק אים צו באַוועגן, אָבער די מאַשין האָט זיך פאַרעקשנט און זיך נישט גערירט.

— מען דאַרף פּרוּוון מיט גוטן, בעטן אים מחילה — האָט ער גע־

זאָגט און איז אַראָפּ פון אויטאָ. די גרויסע לאַמטערנעס האָבן שאַרף באַלויכטן די פינצטערניש פון מדבר און אַ קעלט האָט אַריינגעדרונגען אין אויטאָ פון אַלע זייטן אַרום.

— וואָס איז געשען קאַליע געוואָרן דער מאָטאָר? — האָט עמעצער אַ פרעג-געטאָן מיט אַ ציטער אין קול.

—ס'איז גאָרנישט, דער מאָטאָר איז נאָר אַ קאַפּיטשקע אין אַ שלעכטער שטימונג, זאָל ער זיך אַביסל אָפּרוען וועלן מיר פאָרן ווייטער. מיר האָבן אַן אַנדער ברירה? — האָט מען געהערט די שטימע פון שאָפער, וועלכער איז געשטאַנען איבערן מאָטאָר מיט אַ לאַמטערן אין האַנט און געפאָרשט זיין אינגעוויד.

די פּאַסאַזשירן האָבן איינער נאָכן אַנדערן אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון אויטאָ אין דעם קאַלטן דרויסן.

— צעגייט אייך נאָר נישט צו ווייט, כ'האָב אַן אָפּמאַך מיט מיין קליאַטשקע, אַז זי זאָל זיך לאַנג נישט לאָזן בעטן, באַלד פאָרן מיר — האָט מען געהערט דעם שאָפערס קול.

די פּאַסאַזשירן האָבן סיי־ווי זיך נישט גערירט פון אָרט; דער מדבר, אַן איינגעהילטער אין נאַכט-מאַנטל, האָט זיי געצוווּנגען זיך צו האַלטן אַלע צוזאַמען אין איין הייפל; די טיפע, דורכדרינגלעכע שטילקייט האָט אָנגעוואָרפן אויף זיי אַ פּחד.

פלוצים האָבן אויפגעבליצט ליכטער, צופוסנס פון די בערג.

— אַ ישוב, אַ ייִדישער ישוב! — האָבן די פּאַסאַזשירן מיט פרייד אויסגערופן. — דאָס איז אונדזערער אַ פּונקט, אַן עקספּערימענטאַלע סטאַנציע, —האָט געענטפערט דער שאָפער און זיך כסדר געהאַלטן אין איין פאָרען ביי דער מאַשין.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען דערזען דריי שאָטנס, וואָס באַוועגן זיך און דערנעענטערן זיך צום אויטאָ. אַז זיי זענען צוגעקומען גאָר נאָענט, האָט מען דערזען, אַז דאָס זענען צוויי גאָר יונגע חברה. אַ בחור און אַ מיידל מיט ביקסן אויף די אַקסלען און איינער אַן עלטערער מענטש מיט אַ באַזילבערטן קאָפּ האָר.

— אַ גוטן אָוונט! מיר האָבן געהערט, אַז אַן אויטאָ איז דאָ געבליבן שטעקן אינמיטן וועג, זענען מיר געקומען געוויר ווערן וואָס איז די מעשה.

און שנעל האָט זיך פאַרקניפּט אַ לעבהאַפטער שמועס צווישן די דריי לייט און די פּאַסאַזשירן, וועלכע זענען געווען זייער נייגעריק

זיך צו דערוויסן די מינדעסטע פּרטים וועגן דעם ישוב דאָ אין מדבר און וועגן זיינע באַוווינער.

מיטאַמאָל האָט זיך פון דער גרופּע פּאַסאַזשירן, איינגעהילטע אין חושך, אַרויסגערוקט איינער — ער איז געווען אַ חבר פון דעם קיבוץ, פון וועלכן עס איז מאָביליזירט געוואָרן דער מדריך פון אָט-דעם נייעם פונקט אין נגב.

— וואָס הערט זיך עפּעס אין דער היים? — האָט זיך בולט גע־הערט דאָס קול פונעם מדריך און ס'האָט זיך תיכף פאַרבונדן אַ היי־מיש-משפּחהדיקער געשפּרעך צווישן דעם פּאַסאַזשיר, וואָס איז גע־פאָרן מיט אַן אויספלוג קיין אילת און דעם חבר, וואָס האָט פאַרלאָזט זיין היים אין קיבוץ צו זיין דער מדריך פון דער יוגנט ביי איר אַר־בעט, דאָ — אין הארץ פון מדבר; אַ שמועס פון בשותפותדיקע אינ־טערעסן און פּראָבלעמען, וועגן וואַסער און באַוואַסערונג, וועגן הינער און גענדז, וועגן געלונגענע אַגריקולטור-עקספּערימענטן.

אַלע פּאַסאַזשירן זענען געשטאַנען אַרום די צוויי און זיך צוגע־הערט צו זייער דיאַלאָג, ווי צו אַן אינטערעסאַנטער, שפּאַנענדיקער דערציילונג.

ס'האָט זיך דערהערט אַ גלאָק פונדערוויטנס:

— דאָס רופט מען אונדז צו וועטשערע, מען דאַרף אַהיימגיין — האָט געזאָגט דער בחור און האָט אויסגעגלייכט דעם רימען פון ביקס אויף זיין אַקסל.

— יאָ, מען דאַרף שוין צוריקגיין! — האָט דאָס מיידל אָפּגעענט־פערט און אָנגעהאָנגען אויפן אקסל די ביקס, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר אויף דער ערד.

— ווּעסט אַהיימקומען צום סדר? — האָט דער קיבוץ-חבר גע־פרעגט זיין פריינד.

— שווער איבערצולאָזן דאָ די קינדער אַליין — האָט דער מדריך געענטפערט און אַרויפגעלייגט זיינע צוויי אָרעמס אויף די פּלייצעס פון בחור מיטן מיידל און געקוקט אין זייערע פּנימער מיט אַ פאָטער־לעכן, ליבלעכן בליק.

די דריי אָנגעקומענע געשטאַלטן זענען איינגעשלונגען געוואָרן אין דער פינצטערניש פון מדבר; די פּאַסאַזשירן זענען צוריק אַריין אין אויטאָ און געבליבן זיצן שווייגנדיקע.

— ווי אַזוי לעבן דאָ אַזעלכע יונגע קינדער אין אַזאַ ווּיסטעניש?
— האָט אַרויסגעזיפּצט איינע, אַ מאַמע, פון אַ ווינקל אין אויטאָ.
— איר קענט זיך אויף זיי פאַרלאָזן — האָט איר אָפּגעענטפערט דער שאָפער מיט אַ פריידיקן, דערמוטיקנדיקן קול; ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ אויף זיין פּלאַץ און ווידער גענומען דעם רודער אין זיינע הענט אַריין. די מאַשין האָט זיך אָנגעצונדן און צע־רוישט מיט אַ געבייזער און זיך געגעבן אַ האַסטיקן ריר פון אָרט, אויפהייבנדיק וואָלקנס שטויב, וואָס האָבן פאַרשטעלט די בלינצל־דיקע ליכטער פון דעם איינזאַמען ישוב אין די ברייטע סטעפּעס פון נגב.

ייִדיש: זלמן הירשפעלד

דער שומר אין וואַלד

ווייסע וואָלקנדלעך האָבן אַרומגעשפּאַצירט איבער דער בלויקייט פון די הימלען און זיי האָבן אויסגעזען ווי קינדער וואָס שפּילן זיך אין באַהעלטעניש און יאָגעלעך... אָט האָבן זיי אָנגעיאָגט איינס דאָס אַנדערע און אָט האָבן זיי זיך דערווייטערט. דער מאַן אויפן וואַך-טורעם האָט די וואָלקנדלעך באַטראַכט, זיין פּנים, צעאַקערט פון קנייטשן, האָט זיך באַדעקט מיט שאָטנס און דורך דעם זענען די קנייטשן נאָך טיפער געוואָרן.

דער וואַך-טורעם איז געשטאַנען אין סאַמע האַרצן פונעם גרינעם קרן-קימת-וואַלד, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ דערקוויקנדיקער, דערפרישנדיקער פלעק אויפן פּאַן פון דער אַרומיקער, מעכטיקער ווייסטעניש.

די גליל-בערג זענען ווי איינגעשלאָפן אין די ביימער, וואָס האָבן זיך אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין שאָקלען און וויגן, זענען דאַכט זיך אויך אַריינגעפאַלן אין אַ דרימל.

דער מאַן אויפן וואַך-טורעם האָט געקוקט אין די ווייטענישן אַריין, דורכגעדרונגען מיט זיין בליק יעדן פּיצל שטח, יעדן בוים, צי קומט נישט פון ערגעץ-ווו אַרויס אַ רויך אָדער חלילה אַ פייער אויף די יונגיטשקע קוסטעלעך. אָבער אַרום און אַרום האָט געהערשט אַ שווערע שטילקייט, וואָס האָט אי באַרויִקט, אי אָנגעוואָרפן אַן אימה. עס האָט זיך צעהילכט אַ משונהדיק קול, דער מאַן האָט זיך גוט איינגעהערט. ס'איז נישט קיין קלאַנג פון קיין אויטאָ-סירענע, נישט קיין קוואַקען פון זשאַבעס, נישט קיין גרילצן פון גרילן, נאָר אַ קול וואָס הערט זיך אַזוי ריין און קלאָר אין דער אָוונט-שטילקייט. ערשט איצט האָט ער דערקענט, אַז עס איז אַ קול פון אַ שופר וואָס שאַלט אַרויס פון איינער פון די שולן אין צפת.

עס איז דאָך יום-כיפור נאָך נעילה און דער שופר הילכט ביז אין די הימלען און בעט מיט די לעצטע כוחות רחמים ביי די טויערן פון הימל.

דער שומר האָט צוגעשמידט זיין בליק צום הימל, ווי ער וואָלט וועלן דערזען אין די הויכקייטן די פייערלעכע רגע, ווען ס׳ווערט גע־חתמעט דער גורל פון לעבן און טויט — און עס האָט זיך ווידער צע־שאַלט אַ תקיעה גדולה: טו־ו־ו...

ער קוקט אין די הימלען, ווי ער וואָלט זוכן אין זיי זעונגען פון זיין דמיון און עס טויכן מיטאַמאָל אויף פון די גרונטן פון זיין זכרון גאַר אַנדערע בילדער, וואָס שוועבן אַצינד פאַר זיינע אויגן:

יאָ... דעמאָלט איז געווען ראש־השנה. אַ קליין הייפעלע ייִדן זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין איינעם פון די לאַגער־באַראַקן צו „פּראַווען" דעם יום־טוב... קיין שופר האָבן זיי נישט געהאַט. עמעצער האָט פון ערגעץ אַרויסגענומען אַ קליין מחזורל און פון זיינע בלעטלעך האָבן די פּאָר ייִדן אַרויסגעשעפּטשעט אַ תּפילה. די ליפּן האָבן זיך באַוועגט און קיין קול האָט מען נישט געהערט. אינדרויסן זענען אַרומגעגאַנגען די רוצחים־פּאָליציאַנטן און האָבן זיך איינגעהערט אין מינדעסטן שאָרך...

„מי לחיים ומי למות" —

„ווער זאָל לעבן און ווער זאָל שטאַרבן" —

זיי האָבן אַלע געפילט, אַז יעדער פון זיי איז פאַרמשפּט צום טויט; לעבן! — דאָס איז פאַר זיי געווען אַ גאַר־ווייטער, אומדער־גרייכבאַרער באַגריף; נאָר דער טויט אַליין האָט געבושעוועט ביי טאָג און ביינאַכט אין יעדן באַראַק, אין יעדער משפּחה, אין יעדן ווינקל פון הארצן. דער טויט האָט געשניטן זיין שניט טאָג און נאַכט, נאַכט און טאָג אָן אויפהער...

דער שומר האָט פאַרמאַכט די אויגן, ער וויל מער נישט זען, ער קען מער נישט טראַכטן, נישט געדענקען מער אָט דאָס „לעבן" אונ־טערן שאָטן פון טויט... ער וויל בעסער טראַכטן וועגן דעם היינטיקן לעבן דאָ, וועגן זיין היים, וועגן זיינע קינדער. דער שטאַם פון בוים איז אונטערגעהאַקט געוואָרן און יונגע צווייגעלעך שפּראָצן איצט פון אים אַרויס — דאָס איז זיין ניי לעבן אין ישראל!

ער איז אָנגעקומען אַהער ווי אַן אָפּגעשניטענער שטאַם, אַלע זענען דאָרט אומגעקומען: דאָס ווייב, די קינדער, אַלע... ער האָט געמיינט, אַז די וווּנד וועט זיך שוין קיינמאָל נישט פאַרהיילן, ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אומקערן צום לעבן, אָבער דאָ, אין ישראל, האָט ער מיטאַמאָל דערשפּירט אַ פרישן לעבן אין זיך, זיין געשטאַלט האָט זיך

אויסגעגלייכט, אויסגעשטרעקט, ער האָט גענומען אַ ווייב, אויך זי איז געקומען פון די לאַגערן, אַ פרוי מיט צוויי קינדער. ער איז דער טאַטע פון אירע קינדער, ער זעט אין זיי זיינע אייגענע קינדער, ער זעט אין זיי זייערע קליינע נשמהלעך, וועלכע זענען אויסגעגאַנגען אין גאַז־קאַמער.

מער נישט טראַכטן וועגן דעם; ער וועט ענדיקן זיין וואַך־נאַכט, וועט אַהיימקומען צו זיין ווייב און קינדער, צו דער יום־טובדיקייט פון זיין משפחה.

ער הערט ווידער אַ שופר־בלאָזן, און נאָך אַ תקיעה און נאָך קולות פון שופרות, פון אַנדערע שולן און בתי־מדרשים. באַלד וועלן זיך די ייִדן צעגיין אין זייערע היימען און די שטיבלעך, וואָס קלעטערן אויף די צפתער בערג, באַלד וועט מען הערן געזאַנג פון די אָפענע פענצטער. גאַנץ ישראל איז אָנגעטאָן אין אַ יום־טובדיקן לבוש:

„די בערג שפּרינגען ווי ווידערס
די היגלען — ווי שאָף" —

האָט אין אים געזונגען דער פּסוק פון הלל מיטן ניגון פון די קינדער־יאָרן.

דער וואַלד האָט געדרימלט אין טיפער שלווה פון די בלויע, קלאָרע ישראל־הימלען. אַ שאַקאַל האָט זיך יללהדיק צעוויינט און געשפּאָלטן די שטילקייט מיט זיין געוויין.

ווי מאָדנע: פחדימדיקע ווינטן וואָיען אַרום און אין זיין האַרצן איז נישטאָ קיין שמץ פון פחד, אַזאַ הייליקע מנוחה רוט איבער אים — ער ווייס, אַז אַפילו דאָ אין סאַמע האַרץ פון דעם גרינעם וואַלד, האָט ער, דער איינזאַמער איינציקער שומר קיין שום מורא. נישט פאַר קיינעם נישט — דאָ איז ער זיכער, באַהיט און באַשירעמט ווי ביי זיך אין זיין היים.

דער וואַלד איז איצט זיין אייגענע היים.

אַ היים — נאָך אַזויפיל יאָרן לייד און פּיין.

יום־טוב — נאָך אַזויפיל טעג און נעכט פון צער און ווייטיקן.

דאָס נייע יאָר באַוואַכט מיט ליבשאַפט די קרן־קימת־וועלדער אַרום דער שטאָט צפת.

אַ ניי־יאָר — פאַר דעם נייעם בירגער, דעם שומר ישראל, וואָס שטייט אויף דער וואַך און היט! „מי לחיים" — צום לעבן!

ייִדיש: זלמן הירשפעלד

דער ויידע רחמים ברענגט ביכורים

די בלעכענע הייזקעס האָט געבלאַנקט אין שיין פון דער זינקענדיקער זון און זיך איבערגעוואָנקען איינע מיט דער צווייטער דורך טויזנטער פילקאָליריקע ליכטער, ווי זיי וואָלטן געשפּילט אַ געוועט: ווער וועט וועמען באַשענקען מיט אַ רייכערן שלל פאַרבן.

די איינוווינער פון דער מעברה זענען נאָך געווען פאַרטאָן ביים ענדיקן זייער אַרבעטסטאָג. מענטשן האָבן אָפּגעפּרישטע געשפּאַנט פון דעם טוש צו דער בלעכערנער הייזקע, וווּ די פרוי האָט זיך געפּאָרעט ביים צוגרייטן די וועטשערע פאַר דעם ראש פון איר משפּחה און פאַר אירע קינדער.

דאָ און דאָרט זענען ביי די שוועלן פון די הייזקעס שוין געזעסן באַיאָרנטע תימנער, אָנגעטאָן אין ווייסע גלימות און געדולדיק געוואַרט אויף דער גרויסער געשעעניש, וואָס דאַרף אָט-אָט פאַרקומען.

דער אַלגעמיינער שמועס האָט זיך געדרייט אַרום דעם ביכורים-יום-טוב. טעג און וואָכן האָט די יונגע לערערקע נישט געזשאַלעוועט קיין מי און זאָרג, אַבי דאָס גרינס-גערטל לעבן צריף זאָל פּאַרטיק זיין און די קינדער גוט צוגעגרייט פאַר דער צערעמאָניע פון בכורים-ברענגען. איצט זענען שוין אַלע צוגרייטונגען פאַרענדיקט און די קינדער שטייען גלייך אויסגעשטעלט אין רייען מיט די פּנימער צו דער לערערקע.

— מיר הייבן אָן, מיר הייבן אָן! — האָט מען דערהערט אויסרופן און תיכף האָבן די זין פון תימן אָנגעהויבן צו אײַלן צו דער הייזקע, פרויען מיט זויג-קינדער אויף די הענט, אייניקלעך יום-טובדיק אויסגעפּוצט, זקנים שלענגלען זייער וואַקלדיקן גאַנג און זייערע פּיאות באַמבלען זיך ווי אומרוען אויף ביידע זייטן פּנים.

אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ האַלבן קרייז און געדולדיק געוואַרט ביז די פייערונג וועט זיך אָנהייבן; די יונגע לערערקע איז פאַרבייגעגאַנגען צווישן די שורות קינדער, באַקוקט די קיישעלעך אין זייערע הענט, חידוש און פאַרוווּנדערונג האָבן געשיינט אין אירע

בליקן: — איז עס טאַקע וואָר, אַז די פּאַרקוואַרטע, פּאַרדאַרטע ערד האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אָט-די אַלע גרינסן, וואָס ליגן אין די קויש-לעך? הייסט עס, אַז איר מי און מאַטער, אירע זאָרגן וועגן אַ ביסעלע וואַסער פאַר אָט דער פאַרשרפּעטער ערד זענען נישט געווען אומ-זיסט... די קינדער האָבן פעסט געהאַלטן זייערע פּירות אין די הענט-לעך, ווי עס וואָלט געווען דער טייערסטער, זעלטנסטער אוצר, וואָס קאָן זיך חלילה צעברעכן ביים מינדעסטן ריר.

פאַר דער טיר פון דער שולע איז געווען צוגעגרייט אַן עסטראַדע און איבער איר אַן אויפשריפט:

„וחג השבועות תעשה לך בכורי קציר חטים" —

און אונטן, אויף אַ פּאָדיום צונויפגעשטעלט פון בענק, איז געשטאַנען דער גרויסער קויש, מיט אַ ברייט צעעפנטן מויל, גרייט אויפצונעמען די מתנות, וואָס זענען פאַר אים אָנגעגרייט.

— "סלינו על כתפינו" — האָט אַ קינד אָנגעהויבן אויסצושפּילן אויף זיין פּאַסטוך-פייפל און אַלע קינדער האָבן מיט גלייכן טריט מאַר-שירט צו דער עסטראַדע, שאַלנדיק מיט געזאַנג. אין דער שפּיץ איז געגאַנגען די יונגע מורה. איר בלאָנדער קאָפּ האָט בולט אַרויסגע-לויכטן פון איבער אַלע יונגע שוואַרצהאָריקע קעפּלעך פון די תימנער קינדער.

אָט ערשט נישט לאַנג, דאַכט זיך, האָט זי אַליין מאַרשירט ווי אַ תלמידה צווישן תלמידות פון דער שול, און איצט, איז זי אַ דערוואַק-סענע, רייף-געוואָרענע, אחריותדיקע מורה.

— זענען עס טאַקע דיזעלביקע קינדער, וועלכע כ'האָב דערזען פאַר מיינע אויגן אין דעם טאָג, ווען כ'בין אָנגעקומען אַהער אין דער מעברה? — האָט אַ געדאַנק אַ בליץ-געטאָן אין איר מוח. אַזוי ווי אַ גוטע צויבערין וואָלט מיט איר סצעפּטער באַרירט די איינגעדאַרטע פּלייצקעס פון די קינדער און זיי האָבן זיך צעוואָקסן אַזוי שיין, גע-וואָרן אַזוינע פּעטינקע און זייערע ריינע מלבושים גיבן זיי אַזאַ זאַטן, פרישן, געזונטן אויסזען.

ווען די מאַרשירנדיקע קינדער זענען נאָענט צוגעקומען צו דער עסטראַדע, האָט די מורה מיט אַ קרעפטיק קול אויסגערופן: „הניפו הביכורים" (הייבט אויף די ביכורים), און אַ ים הענטלעך האָט זיך

געגעבן אַ הייב-אויף אינדערהויך, באַלויכטענע מיט די שטראַלן פון דער זינקענדיקער זון.

אין דער רגע האָט זיך דערהערט אַ שטימע פונדערווייטנס: „חכו הכו חביבי" (וואַרט צו, וואַרט, ליבינקע).

אַן אויסטערליש געשטאַלט, ווי עס וואָלט נאָר-וואָס אַרויס פון אַ מעשה-ביכל איז געגאַנגען מיט קליינע, איילנדיקע טריטלעך צו די שורות קינדער.

— „סבא רחמים" (דער זיידע רחמים) — האָבן די קינדער גע-שעפּטשעט איינס צום אַנדערן.

מ'האָט געשמועסט וועגן דעם זיידן אַז ער איז שוין אַריבער הונ-דערט יאָר אַלט, דאָך פלעגט מען אים טאָג-טעגלעך קאָנען זען אַן איינ-געבויגענעם איבער זיין קליין גערטנדל, לעבן זיין בלעכערנער הייזקע, ווי ער גיט צו טרינקען, ווי ער פלעגט און האָדעוועט זיינע גרינסן — זיין באַליבט מאכל.

— וואַרטס, וואַרטס, קינדערלעך! — האָט דער זיידע געהאַלטן אין איין איבערחזרן זיינע ווערטער, צוקומענדיק נאָענט צו דער בימה, און אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ קליין גרין קרענצל.

— דער זיידע רחמים האָט אויך געבראַכט ביכורים, אין מיין גערטנדל זענען זיי ברוך-השם אויסגעוואַקסן...

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער יונגער מורה און איר דערלאַנגט דאָס קרענצל גרינס.

די גאַנצע עדה, גרויס און קליין, האָט זיך אין דער רגע איינ-געהילט אין די לעצטע אויפשיינען פון דער פאַרגייענדיקער זון, אויך די בלעכענע הייזקעס זענען באַשאָנקען געוואָרן מיט איניקע שטראַלן און אין איינציקער שטראַל האָט באַרירט די פאַרדאַרטע ערד — אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף איר פאַרטריקנטן פנים, אַ שמייכל פון גוטמוטיקייט און צופרידנקייט: נאָך אַזוי פיל יאָרן פאַרוויסטקייט און קוואַרעניש האָט זי איצט אויך זוכה געווען צו ברענגען ביכורים-מתנות!...

ייִדיש: זלמן הירשפעלד

אַ טרער אויפֿן פּלעמל

אַזוי ווי גלי-ווערעמלעך שימערירן אין דער נאַכט, אַזוי האָבן זיך די קינדער מיט זייערע אָנגעצונדענע חנוכּה-לעמפּלעך צעשפּרייט אי־בער דער גאַס. דער שטערנגער און גלייכצייטיק ליבלעכער כסלו-ווינט, וואָס איז ענלעך צו אַ מאַמען וואָס שטראָפֿט איר קינד, האָט אומזיסט געפּרוּווט פֿאַרלעשן די לייכטנדיקע פֿלעמלעך.

מיט די קליינע הענטלעך האָבן די קינדער עקשנותדיק באַשיצט דאָס פֿייער און עס געטראָגן אַהיים, ווי פּראָמעטעאוס פֿאַרצייטנס.

אַ לענגערע ווײַלע בין איך זיי נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט, זיך צוגעהערט צו זייערע רייד און דאַן האָב איך ערשט באַמערקט דאָס קליינע מיידעלע. אין פֿלוג האָט זי אויסגעזען אַזוי ווי אַלע קינדער אין איר עלטער, געוויקסיק, ציכטיק געקליידט, אָבער דאָך האָט עפּעס אַ מאָדנער שטראַל געלויכטן אין אירע שוואַרצע אויגן, עפּעס אַ מין ערנסטקייט פֿון אַ מענטשן, וואָס גייט זיין וועג מיט פֿולער זיכערקייט און פֿליכט-באַוווּסטזיין.

זי האָט שנעל אויסגעלאָשן דאָס חנוכּה-לעמפּל און עס באַהאַלטן אונטער איר שאַל. ס׳איז געווען קענטיק, אַז זי איז שוין פֿון לאַנג געוווינט געווען צו פֿאַרבאָרגן זאַכן פֿון מענטשלעכע אויגן, ווי זי וואָלט אין אירע יונגע יאָרן פֿאַרשטאַנען, אַז מען טאָר נישט גלייבן קיינעם אין דער וועלט, וואָס איז פֿול מיט אַלדאָס בייז און אכזריות.

איך בין איר נאָכגעגאַנגען און כ׳האָב געוווּסט, אַז זי וועט מיך נישט פֿירן צו די אויבערשטע גאָרנס פֿון די שטאָטישע הייזער.

כ׳האָב טאַקע קיין טעות נישט געהאַט. אין אַ שמאָל געסעלע איז זי געבליבן שטיין ביי אַ טירל פֿון אַ קעלער, וואָס האָט ביז ערשט נישט לאַנג געדינט ווי אַ שוץ-קעלער פֿאַר די שכנים פֿונעם הויז בעת אַן אַלאַרם פֿון קלאָגעדיקע סירענעס, אין די נעכט פֿון קאַמף.

איצט איז דער שוץ-קעלער געווען ריין, אויסגעקאַלעכט און זיינע נאַקעטע ווענט האָבן געוואָרט אויף עפּעס אַ בילדל, אַ באַצירונג. אַ טיש מיט צוויי שטולן, אַ קינדערבעטל און אַ ברייט בעט, אין ווינקל קיך-כּלים, דאָס איז געווען די אויסמעבלירונג פֿון דער דירה.

אַרום פּרימוס האָט זיך געפּאָרעט אַ גרוי־האָריקע פרוי, נאָר ווען זי האָט אויסגעדרייט איר פּנים, האָבן די גרויע האָר אויסגעזען ווי אַ שייטל אויף אַ יונגן קאָפּ, וואָס האָט געקוקט אויף דער וועלט מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק, וואָס באַגרייפט און פאַרשטייט דעם אמת פונעם לעבן.

— זע, מאַמע, אַ חנוכה־לעמפּל, צינד עס אָן, וועט זיין ליכטיק! ליכטיק! — האָט דאָס מיידעלע מיט פרייד אויסגעשריִען און געלאָפן אנטקעגן דער מאַמען.

אַ ווײַלע האָט די מאַמע אויפגעציטערט און דאָך איז זי מיט מו־טיקע טריט צוגעגאַנגען צום טעכטערל, גענומען פון אירע הענט־לעך דעם טייערן חפץ און אים אָוועקגעשטעלט אויפן פענצטער; ערשט דאַן האָט זי מיך דערזען ווי איך שטיי אויף דער שוועל און וואָג נישט צו שטעלן אַ טריט אין צימער אַריין.

— יאָ, ס'וועט זיין ליכטיק און שטוב, ליכטיק נאָך אַזויפיל יאָרן פון פינצטערניש, האָט די פרוי געזאָגט, און שטייענדיק לעבן דעם פשוטן חנוכה־לעמפּל, וואָס דאָס טעכטערל האָט אַליין צוזאַמענגע־קלאַפּט אין קינדער־גאָרטן, האָט זי דערציילט די געשיכטע פון איר לעבן מיט אַזויפיל רויִקייט און פשטות, ווי מען דערציילט דעם סיפור המעשה פון אַ געלייענטן ביכל.

אנטקעגן דעם פלעמל, וואָס שטרעקט זיך אין דער הויך, האָט פאַר מיינע אויגן אויפגעלויכטן אַ געשטאַלט פון אַ פרוי, וועלכע האָט אַלץ פאַרלוירן: איר מאַן און אירע צוויי קינדער. זי איז געבליבן אַליין, ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים, אָבער אין די טיפענישן האָבן וואָרצ־לען נאָך געזויגן פון דעם ווילן צום לעבן און געלעכצט נאָך יאָרן פון בליִען און שפּראָצן.

אין די יאָרן פון וואַנדער האָט זי געפונען אַ מענטשן, וועלכער איז, אויך אַזוי ווי זי, אָפּגעשניטן געוואָרן פון זיין שטאַם, פון זיין משפּחה; אַזוי האָט אויף די רויִנעס פון חרוב־געוואָרענע וועלטן אויפ־געשפּראָצט דאָס פרישע צווייגעלע, דאָס טעכטערל, דאָס מיידעלע, וואָס איז איצט געשטאַנען לעבן איר מאַמען און געקוקט מיט פאַר־וווּנדערטע אויגן צו דעם ברענענדיקן ליכטל.

— מאַמע, קוק זיך גוט איין, זע... — האָט דאָס מיידעלע אויפגע־הויבן אירע בליקן צו דער מוטער — דו וויינסט? דו האָסט דאָך פאַר־לאָשן דאָס ליכט!

דער מאַמעס טרער האָט אַראָפּגעגנידערט פון איר אויג, אויפן פלעמל און דאָס חנוכה־ליכטל האָט זיך פאַרלאָשן.

מיט אַ ציטערנדיקער האַנט האָט די מאַמע אָנגעצונדן דאָס שוועבעלע:

— ניין, איצט האָב איך שוין נישט וואָס צו וויינען, כ׳וועל אָנצינדן אַלע ליכט און זאָל זיין ליכטיק אין שטוב — האָט די מאַמע געזאָגט און מיט אַ שמייכל געקוקט אין דעם מיידעלעס צעשיינטן פּנימל.

ס׳איז געוואָרן ליכטיק אין שטוב.

יידיש: זלמן הירשפעלד

קאַרעלן

שטיל און רויִק איז אין יענעם אָוונט געווען דער ים־ברעג אין אילת. אַ גאַנצן טאָג האָט דער זאַמד אין זיך איינגעזאַפּט די גליִענ־דיקע זון־שטראַלן און איצט האָט ער ווי אַ דראַקאָן, וואָס אָטעמט מיט פונקען פייער, אַרויסגעאָטעמט פון זיך ברענענדיקע כוואַליעס היץ. מיט אַ געדעמפטן רויש האָבן זיך לייכטע, פלינקע כוואַליעלעך אָנגע־שלאָגן אין ברעג און מיטגעבראַכט מיט זיך קליינטשיקע קיילעכדיקע שטיינדלעך. די טוריסטן האָבן ליב צונויפצוזאַמלען אַזעלכע שטיינדלעך צום אָנדענק פון זייער לוסטרייזע... און דאָך איז נאָך אָט־די שטיינד־לעך געלונגען זיך צו ראַטעווען...

ס׳איז געוואָרן פינצטער און מיטאַמאָל איז געוואָרן ליכטיק אַרום און אַרום, אַזוי ווי אַ געהיימער, פאַרבאָרגענער עלעקטריציסט וואָלט פלוצים אָנגעצונדן ליכטער אָן אַ שיעור; פון די ענגלישע שיפן אין עקבה, פון יענער זייט ברעג האָבן געהאַלטן אין איין שעמערירן און בלינצלען ליכטער איינער נאָכן אַנדערן; פון די בערג פון אונדזער זייט, אין די אַרבעטער־דירות אין דער סביבה האָבן זיך געהאַלטן אין איין צינדן ליכטער נאָך ליכטער און צו זיי זענען נאָך צוגעקומען די לייכטנדיקע שטערן אין די טיפע, ברייטע הימלען, ווי אויך זיי וואָלטן אָנגעצונדן געוואָרן דורך אַ געהיימער האַנט.

ווען ס׳האָבן זיך צעפינקלט די ליכטער אַרום, האָט דער מאַן צו־נויפגעזאַמלט זיינע קאַרעלן אין אַ גרויסן קויש אַריין.

דער אַרבעטסטאָג האָט זיך פאַרענדיקט: היינט וועט ער שוין סיי־ווי מער גאָרנישט פאַרקויפן. די טוריסטן זענען זיך צעפלויגן מיט די אַעראָפּלאַנען און די גרופּעס פון דער עקסקורסיע, וואָס זענען בע־בליבן איבערנעכטיקן אין דער אכסניא, האָבן שוין אַלץ איינגעקויפט; קיין בעלנים אויף זיין סחורה וועט ער שוין היינט סיי־ווי נישט קריגן.

לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק האָט ער אויסגעלייגט די קאַרעלן, איינע לעבן דער אַנדערער, ווי איינער וואָס וויים ווי אָפּצושאַצן זייער ווערט. אַנשטאָט צו נעמען דעם קויש אויף די פלייצעס און אַהיימגיין, האָט

ער זיך אַוועקגעזעצט אויפן זאַמד, זיך אָפּצורוען און ער האָט זיינע בליקן געווענדט צו דער זייט פון עקבה: נישט אַנדערש נאָר עפּעס אַ גרויסע שיף האָט דאָרטן היינט געמוזט פאַראַנקערן, ווייל אין דעם היינטיקן אָוונט קומט פון דאָרטן מער ליכטיקייט, ווי געוויינטלעך. ער האָט זייער גוט געקענט די דאָזיקע לאַנדשאַפט, די ליכטער פון די שטיבער אויף דער גרענעץ, די לאַמטערנעס אָן אַ צאָל. זיינע אויגן האָבן אין זיך איינגעזאַפּט במשך פון די זעקס חדשים, וואָס ער לעבט דאָ דאָס גאַנצע בילד אַרום מיט זיין פילפאַרביקייט.

זעקס חדשים! איצט ווייזט זיך אים אויס, ווי ס׳וואָלט געווען נישט מער ווי איין טאָג. דאַכט זיך, ערשט נעכטן איז עס געווען, ווען ער איז אַראָפּ פון דעם לאַסט־אויטאָ מיט זיינע קלומקעס — זיין ביסל אָרעמקייט. דאַן האָט ער זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז דער וועג וועט זיין אַזאַ שווערער און לאַנגער. אמת, זיינע חברים אין דעם מעברה־לאַגער האָבן אים געהאַלטן אין איין וואָרענען. ער אָבער האָט נישט געגלויבט זייערע מעשיות, אַז אילת איז ערגעץ „הינטער די הרי־חושך" — ווי זיי האָבן געטענהט; אַז זומער־צייט צעשמעלצן די ביי־מער פון דער גליִענדיקער גיהנום־זון און ווינטער ווערט מען דאָ אויפ־געגעסן פון קעלט אין די נעכט... און פונוואַנען וועסטו דאָרטן האָבן פרנסה? פון וואָס וועסטו לעבן?...

אָ, ער געדענקט נאָך ווויל די אַלע שיינע רייד, אָבער עפּעס אַ מין כוח האָט אים פאַרכישופט און געצויגן דווקא אַהינצו, צום ווייטן, פאַרבאָרגענעם, צום אומבאַקאַנטן, — צום ים־סוף, דעם רויטן ים, ווו עס זענען דערטרונקען געוואָרן פרעהס חילות, דאָרטן זענען ניסים געשען, וועט אים אויך מסתמא דאָרטן טרעפן אַ נס, דער נס פון זיין באַנייען זיך.

און קוקנדיק אַזוי אין די אויסגעשטערנטע הימלען, אויף די שע־מערירנדיקע ליכטער פון עקבה, האָט ער אָנגעהויבן זען פאַר די אויגן פאַרביישוועבנדיקע בילדער, צוערשט אידילישע בילדער פון אַ שטיבל אינעם קליינעם פוילישן שטעטל, פון אַ שניט־קראָם, ווו מען מעסט לייוונט פאַר די קונים וואָס גייען אַריין און אַרויס; אָט זענען גע־געשטאַלטן פון אַ פרוי מיט אַ קינד, אָפּקלאַנגען פון טעגלעכע, קליינע וואָכעדיקע דאגות, און פלוצים — אַ ווולקאַן ברעכט אויס און שלינגט אַלץ איין!... אַלץ איז איינגעהילט אין רויך און גליִענדיקע האָלע־וועשקעס וואַלגערן זיך אַרום... ער וואַנדערט פון לאַגער צו לאַגער,

קראַנק, עלנט — אויך אַן אָפּגעראַטעוועטע גלאָווניע פון דער שׂרפה.

עס קומען די טעג פון עליה, די ערשטע טעג אין לאַנד, די טעג אין געצעלט פון דער מעברה און ענדלעך די לעצטע זעקס חדשים דאָ ווו ער טויכט אַראָפּ אין די פּלאָנטער-טיפענישן פון ים און ברענגט אַרויס פון דאָרטן זיינע קאַרעלן צו פאַרקויפן.

דאָ האָט זיך זיין געבויגענע פּלייצע אויסגעגלייכט, זיין פּנים איז פון דער גליִענדיקער זון פאַרברוינט געוואָרן, ווי זיין גוף און נשמה וואָלטן זיך דאָ אויסגעהיילט פון עפּעס אַ שווערער קרענק.

ער האָט דערהערט לעבן זיך אַ שורשען; מסתמא האָט זיך צו־געררוקט צום סאַמע ברעג אַ ריזיקער הייפיש. פאַר דער צייט האָט ער זיך שוין אויסגעלערנט צו היטן זיך פאַר אָט די געפערלעכע באַשע־פענישן, ווי ער וואָלט מיט זיי געשלאָסן אַן אָפּמאַך, אַז זיי זאָלן אים קיין שלעכטס נישט טאָן.

איצט דערגרייכן צו זיינע אויערן טריט פון אַ יונג פּאָרל, וואָס שפּאַצירט זיך מיט פאַרגעניגן ביים שיין פון דער אויפגייענדיקער לבנה.

דאָס מיידל האָט זיך צוגעקלעפּט צום בחור און ער שעפּטשעט איר אין אויער אַריין ווערטער... שווער צו הערן וואָס ער זאָגט איר...

דער מאַן פון די קאַרעלן קוקט צו דעם פּאָרל מיט אַ וואַרעמען שמייכל, ווי איינער, וואָס קוקט אויף קינדערישע שטיפעריייען.

פּאַוואָלינקע האָט ער צונויפגעזאַמלט אַלע זיינע קאַרעלן און מיט לאַנגזאַמע טריט זיך געלאָזט גיין צו זיך אַהיים.

ייִדיש: זלמן הירשפעלד

צו דעם אומבאַקאַנטן שאָפער

צו דיר, דו אַנאָנימער שאָפער, וואָס זיצט ביים רודער פון דעם גרויסן לאַסט-אויטאָ אויפן שאָסיי באר שבע-אילת, איז דאָס מאָל גע־ווענדט מיין בריוו. כ׳וואָלט וועלן, אַז אין דער גרויקייט פון פרימאָרגן, ווען דו וועסט נעמען די צייטונג אין האַנט, איידער דו לאָזסט זיך אין וועג. זאָלסטו איבערלייענען מיינע ווערטער, וואָס איך שיק צו דיר פונעם וויטן קאָנטינענט, פון דעם גרויסן לאַנד אַרגענטינע; איך וויל דיר דאַנקען פאַר דיין געטרייען דינען ישראל און פאַר דערהייבן איר גוטן נאָמען אין די אויגן פון דער וועלט. וועסט אַוודאי טענהן, אַז יעדער ישראלי וואָלט געהאַנדלט אַזוי ווי דו. מעגלעך, אַז דו ביסט גערעכט, אָבער אין דער היינטיקער צייט, ווען מיר האַלטן טאָג-איין, טאָג-אויס אין איין טרומייטערן וועגן אונדזערע פעלערן און עבירות, און שלאָגן זיך רק על חטא, איז דווקא כדאי צו דערציילן וועגן דיינע מעשים, וועגן דיין פיינער אויפפירונג און באַנעמען זיך, און זאָלן אויך די ישראלים וויסן, אַז עס זענען נאָך פאַראַן אַ סך אַזעלכע ווי דו ביסט; אָבער איך וויל דיך נישט מיד מאַכן מיט מיינע רייד, איך ווייס דאָך; דו איילסט זיך אין וועג אַריין, איז צום עצם-סיפור המעשה:

כ׳האָב די פאָריקע וואָך דאָ אין בוענאָס-איירעס אויסגעהערט אַ רעפעראַט פון אַ פעדאַגאָגין, אַ לעקטאָרין פון היגן אוניווערסיטעט, אַ נישט-ייִדישע פרוי פון שפּאַנישן אָפּשטאַם. זי האָט באַזוכט ישראל, כדי זיך נאָענט צו באַקענען מיט אונדזערע חינוך-פּראָבלעמען. כ׳האָב געהערט אירע באַלערנדיקע רייד, איר טיפן, אינטערעסאַנטן אַנאַליז איבער דער אויספורעמונג און געשטאַלטיקונג פון דעם נייעם מענטשן אין אונדזער לאַנד. האָב איך מיך זייער געפרייט, וואָס אָט-די דער־ציילערין, וועלכע האָט נאָר געווײלט אַ קורצע צייט אין ישראל, האָט שוין באַוויזן אַזוי טיף אַדיינצודרינגען אין דעם קאָמפּלעקס פּראָבלע־מען, מיט וועלכע מיר ראַנגלען זיך כסדר. זינט די פעדאַגאָגין איז צו־ריקגעקומען פון ישראל, האַלט זי אין איין דערציילן וועגן אונדזער

לאַנד און וועגן זײַנע אײַנוווינער, און דערמיט ברענגט זי אומאָפּשאַצ־באַרן נוצן אונדזער אויפבוי־ווערק.

פאַר דעם יום־העצמאות, ווען זי איז דערשינען אין טעלעוויזיע, און מ׳האָט זי געפרעגט וועגן אירע אײַנדרוקן אין ישראל, האָט זי מיט פשטות אַזוי רעזומירט איר מיינונג: — „ישראל איז דאָס לאַנד, ווו איך וואָלט געוואָלט דערציִען מײַנע קינדער״.

און דו, שאָפער פון לאָסט־אויטאָ, וועסט אוודאי פרעגן און מיט רעכט: — וואָס פאַרא שייכות האָט אַ לעקטאָרין וועגן חינוך־פּראָבלעמען צו דיר, אַ שאָפער אויפן שאָסיי באר שבע־אילת?

אָבער זײַ וויסן, אַז איינער פון די פרטים, אויף וועלכע די געשעצטע רעפערענטין האָט זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט, איז געווען: דער קאָנטראַסט צווישן דער אויסערלעכער און אינערלעכער געשטאַלט פון דעם ישראלי — אויסערלעך נישט געהובלט, נישט פּאָלירט, און איז נישט צופיל מקפיד אויף זײַן אויסערלעכן אויסזען, און אינערלעך — אַ דזשענטעלמאַן מיט פײַנער, בנימוסדיקער באַנעמונג; זי האָט אירע רייד באַפעסטיקט מיט אַ מעשה שהיה, וואָס האָט טאַקע מיט איר גופא פּאַסירט:

איין טאָג איז זי אָנגעקומען קיין באר־שבע און באַשלאָסן צו פאָרן קיין אילת. היות זי איז געווען באַגרענעצט אין אירע פינאַנצן (פאַראַן אויך אַזאַ קאַטעגאָריע טוריסטן ביי אונדז...) האָט זי באַשלאָסן צו פאָרן מיט „טרעמפּ״; זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן שאָסיי, ביים אַרויספאָר פון באר־שבע קיין אילת — און זי האָט געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט. ס׳איז אָנגעפאָרן אַ שווער אָנגעלאָדענער לאָסט־אויטאָ; ביים רעדל איז געזעסן אַ ברייט־פּלייציקער בחור, אַ געזונטער און אַ גרויסער. ער האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין, און איר פאַרגעלייגט דעם פּלאַץ לעבן אים — אין שאָפער־קאַבין. זי האָט אים געפרעגט, צי ער רעדט ענגליש, האָט ער געענטפערט אַז ניין, ער רעדט אָבער לאַדינאָ. זי האָט זיך זייער דערפרייט און זיך צוגעהערט צו זײַן רעדן, און פאַר איר — אַ געבוירענער אין שפּאַניע, (אַזוי טענהט זי) איז געווען ממש אַ תענוג צו הערן אָט־דעם אַלט־שפּאַנישן לשון. דעם אַרכאַיִשן דיאַלעקט פון מויל פון אַ לאָסט־שאָפער; זי האָט אירע רייד באַווירצט מיט מוסטערן און ביישפּילן, טשיקאַווע אויסדרוקן, וועלכע האָבן אויסגערופן הילכיקע געלעכטערס ביים עולם; פאַר די צוהערערס, ביי

וועלכע שפּאַניש איז די מוטער־שפּראַך, האָבן די לאַדינאַ אויסדרוקן געקלונגען ווי אויסגעבאָרגטע פון סערוואַנטעסעס שאַפונגען.

דערווייל איז צוגעפאַלן די נאַכט און די שפּאַנישע פרוי איז אָנגעקומען מיטן לאַסט־אויטאָ צו אַ נאַפט־סטאַנציע אין סאַמע האַרץ פון מדבר. אין איר רייכער אויסדרוקפולער שפּאַנישער שפּראַך האָט זי געשילדערט די נאַכט אין מדבר, אַ טיפע נאַכט וואָס האָט אַלץ איינגעוויקלט אין אַ שוואַרצער הילע, און דאָ איז זי, אַ פרוי אין דער געזעלשאַפט פון אַ פרעמדן שאָפער אין האַרץ פון מדבר, און אַרום איר אַ גרופּע סאָלדאַטן, וואָס לאַגערן דאָ לעבן דער סטאַציע אויפן וועג צום אומבאַקאַנטן ערגעץ־ווו.

זי האָט דערפילט אַ שרעק פאַר דער סכנותדיקער אַוואַנטורע אין וועלכער זי האָט זיך אַריינגעלאָזט; זי איז דאָך געווען אַ שפּאַנישע פרוי, וועלכע האָט אָפּגעלעבט איר גאַנץ לעבן אין לענדער, ווו דער מעמד פון דער פרוי איז גאָר אַן אַנדערער ווי ביי אונדז; אָבער אָט דער קרעפּטיקער שאָפער האָט הפנים דערפילט דעם ציטער אין איר האַרץ, האָט ער אַרויפגעלייגט אַ באַרויִקנדיקע האַנט אויף איר אַקסל און איר געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— האָב קיין מורא נישט. עס וועט דיר קיין שום בייז נישט געשען. ער האָט זי איינגעלאַדן טרינקען אַ קאַווע און זיי זענען ביידע געזעסן געמיטלעך, זי, די פרעמדע און ער — דער שאָפער, און אַרום זיי טומלט און רעשט די חברה סאָלדאַטן; די אַטמאָספערע וועלכע איז אונדז ישראלים אַזוי היימיש באַקאַנט, איז אוודאי אין די אויגן פון דער טוריסטן אויסגעקומען פרעמד און אויסטערליש.

אָבער קיין מורא האָט זי שוין נישט געהאַט; די באַרויִקנדיקע ווערטער פון שאָפער און די מוסטערהאַפטע האַלטונג פון די סאָלדאַטן כלפּי איר, דער איינציקער פרוי, האָבן זי באַרויִקט.

מיט אַ געוויסער באַוווּנדערונג און מיט אַ שמייכל האָט זי עס דערקלערט פאַר די צוהערער:

— אפילו קיין איין איינציקער שיכור איז נישט געווען צווישן די סאָלדאַטן!

זיי זענען אָנגעקומען קיין אילת! דער שאָפער האָט זי געפרעגט, צי האָט זי געלט צו באַצאָלן פאַר אַ צימער אין דעם פּרעכטיקן האָטעל, און ווען ער האָט געזען אַז זי קווענקלט זיך, ווען זי האָט דערהערט דעם געזאַלצענעם טאַריף, האָט ער איר געזאָגט:

— זאָרג נישט, אַלץ וועט זיין בסדר, כ'וועל דיר שוין פאַרזאָרגן א בעט צו שלאָפן.

און ווידער האָבן אין איר מוח גענומען אַרומשוועבן כלערליי מחשבות און טראַכטעניש...

מיט א לייכטן הומאָר האָט זי דערציילט וועגן דעם שמועס, וואָס זיי האָבן ביידע פאַרפירט אויפן „בעט", וואָס ער האָט איר אויסגע־בעט. דער שאָפער האָט זי אַריינגעפירט אין ביורא פון דער טראַנס־פּאָרט-געזעלשאַפט, און דאָרט אין דעם קליינעם שטיבעלע האָט זי דערזען אין איין צימער דריי שאָפערן שלאָפן און אין צווייטן צימער --אָן א טיר צווישן ביידע צימערן — א בעט פאַר אירעטוועגן. דעם אָוונט האָט זי פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון א פּאָר שאָפערן, וועלכע האָבן זי איינגעלאַדן אויף א גוטער וועטשערע, און דער באַ־לעבטער שמועס איז געפלאָסן אין פיר לשונות. שפּעטער האָט זי זיך געלייגט שלאָפן, און האָט געוואָרפן מן הצד דערשראָקענע בליקן אַהין, וווּ עס שלאָפן די דריי פרעמדע שאָפערן בשכנות מיט איר. און קיין טיר צווישן די צוויי צימערן, איז נישטאָ.

גאַנץ פרי, ווען זי האָט זיך אויפגעוועקט, איז שוין דער שכנות־דיקער צימער געווען ליידיק, ווייזט אויס, אַז די שאָפערן האָבן זיך געפעדערט, כאור הבוקר צו זייער אַרבעט. נאָר איינער א שאָפער, וועלכן זי האָט נישט געקענט, האָט געוואַרט אויף איר.

זי דערוווּסט זיך, אַז „איר" שאָפער וואָס האָט זי געבראַכט קיין אילת, האָט זיך אויך אָוועקגעאיילט צו זיין אַרבעט, און ער האָט זי „איבערגעגעבן" אין די הענט פון זיין חבר.

דער חבר האָט מיט איר געמאַכט א שפּאַציר איבער אילת, גע־וויזן איר די סביבה, גענומען זי מיט א וווּנדער-שיפל צו באַוווּנדערן די טיפענישן פון ים, האָט זי מכבד געווען מיט א זאַטן פרישטיק און צום סוף האָט ער איר באַזאָרגט א פּלאַץ אין א „שירות"-טאַקסי קיין תל-אביב. ער האָט זיך געדונגען מיט די שאָפערן און נישט נאָכגע־לאָזט, ביז ער האָט נישט באַקומען פאַר דער טוריסטן א ספּעציעלע הנחה לויט דער טאַריף, וואָס עס צאָלן סאָלדאַטן.

צום שלום האָט זי דערציילט אַז זי איז אָנגעקומען קיין תל-אביב ערב שבת פאַר בלויז דריי לירות. דער טאַקסי-שאָפער מיט וועלכן זי האָט געשמועסט דעם גאַנצן וועג, ווען ער האָט געזען, אַז ס'איז שוין באַלד שבת, די שעה איז א שפּעטע און זי האָט נישט געהאַט באַ־

שטעלט פֿאַר זיך קיין האָטעל, האָט איר פֿאַרגעלייגט, זי זאָל האַלטן שבת ביי אים, מיט זיין ווייב און קינדער, ביז זי וועט צוריקפֿאָרן קיין ירושלים, ווו עס האָבן געוואַרט אויף איר אירע פֿריינט און באַקאַנטע.

אָט דאָס אַלץ האָט די לעקטאָרין דערציילט אין איר וווּנדערלעכן סטיל, אין איר קאָלירפֿולן, זאַפֿטיקן שפּאַניש און זי האָט פֿאַרענדיקט:

— אַזעלכע זענען די מענטשן אין ישׂראל, און דעריבער וויל איך דערציִען מיינע קינדער אין דעם לאַנד.

און איך, די ישׂראל־פֿרוי, מיין האַרץ איז געווען פֿול מיט דאַנקבאַרקייט צו אָט־דעם אומבאַקאַנטן, אַנאָנימען שאָפֿער, און ער אַליין וועט דאָך אַוודאי אויך פֿאַרשטיין מיין מורא און מיין ציטער אין דעם מאָמענט, ווען די לעקטאָרין האָט אָנגעהויבן דערציילן איר מעשׂה און דער עיקר ווען כ׳האָב באַווּנדערט דאָס שיינע געשטאַלט און די שלאַנקע פֿיגור פֿון דער רעדנערין...

און איך ווייס דאָך וויל, אַז נישט אַלע דערציילונגען זענען פֿון דעם מין, האָב איך דעריבער צענפֿאַך זיך געפֿרייט — און שטאָלצירט האָב איך מיט דיר, דו אומבאַקאַנטער שאָפֿער, איינער פֿון דער מחנה אַנאָנימע ישׂראלדיקע שאָפֿערן, וועגן וועלכע מ׳האָט אַזוי ווייניק געשריבן, און וועלכע האָבן אַזוי פֿיל אויפֿגעטאָן אין די טעג פֿון בלוטיקע געשעענישן און פֿון דער באַפֿרייונגס־מלחמה.

כ׳בין שטאָלץ געווען מיט דיר פֿאַר דיין פּשטות און ערלעכקייט, פֿאַר דיין ישׂראלדיקייט מיט וועלכער דו האָסט זיך אויפֿגעפֿירט כּלפּי דעם גאַסט — און דערפֿאַר — אַ דאַנק און אַ לויב צו דיר!

ייִדיש: זלמן הירשפֿעלד

דער ערשטער שמייכל

ווען עס קומט דיר אויס צו שמועסן ערגעץ־ווו אין אַ גלות־לאַנד מיט אַ ייִדן, וואָס וויל עולה זיין קיין ארץ־ישראל, מוז אַרויפשווימען דאָס פּראָבלעם פון די ערשטע טעג זיין אין לאַנד.

אין דער שטאָט טוקומאַן, ווייט פון בוענאָס־איירעס, 5 שעה רייזע מיטן עראָפּלאַן לעבט אַ קליינע ייִדישע קהילה; די דאָרטיקע ייִדן האָבן נישט געמאַכט קיין גרויסע פאַרמעגנס און נישט אָפּ־געשפּאָרט קיין קאַפּיטאַלן. כ'האָב מיט אַ סך פון זיי געשמועסט און אַלע כמעט האָבן פאַר מיר אויסגעדריקט אָט די מורא מיט פשטות:

— ווען מיר וואָלטן כאָטש וויסן, אַז מיר וועלן האָבן ווו צו וווי־נען, אַז מירן זיך קאָנען ווי עס איז איינאָרדענען און נישט דאַרפן אָנ־קומען אין די עולים־לאַגערן; ווען עס וואָלט דאָרטן געווען אַזאַ מין הויז, אַ באַשיידענער האָטעל, נישט ווי פאַר דאָלאַרן־טוריסטן, נאָר ס'זאָל זיין צוגעפּאַסט פאַר אַזעלכע ייִדן ווי מיר, וואָס קומען מיט ווייניק געלט, ווען מיר וואָלטן דאָס געוווסט — וואָלטן מיר זיכער עולה געווען. מיר האָבן אָבער געהערט, אַז אין ישראל איז אַזאַ מין הויז נישט פאַראַן און אויב מיר זאָלן די ערשטע צייט מוזן וווינען אין אַ האָטעל, וועלן מיר אויפעסן אונדזער גאַנץ געלט נאָך איידער מיר וועלן באַקומען אַ שטענדיקע דירה...

אָט די זעלביקע מורא קוקט אויך אַרויס פון די אויגן פון דעם ייִדן פון מעקסיקע, וועלכן כ'האָב באַגעגנט אין פראַנקפורטער עראָ־דראָם; אונדזער עראָפּלאַן האָט זיך דאָרט, אויפן וועג קיין ישראל, אָפּגערוט און איך האָב דאָרטן באַגעגנט דעם ייִד אונטערן שאָטן פון אַ ריזיקער טויב פון שלום, אויפגעבויט ווי אַ פּרעכטיקער מאָנומענט — אַ חוזק און איראָניע דער גאַנצער וועלט אין פּנים אַריין... דער ייִד איז אַרומגעלאָפן איבערן פלי־פעלד, ער האָט זיך מיט צעשראָקענע אויגן אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, מיט אַזאַ מין נערוועזיטעט, וועל־כע די גויִים רופן אָן:

ייִדישע נערוועזיטעט...

מ׳האָט דערלאַנגט אַ געטראַנק, אָבער ער האָט אַפילו קיין זופּ דערפון נישט געטאָן, גאָרנישט נישט טועם געווען, נאָר מיט ציטער־דיקע פינגער צעקוועטשט דאָס שטרוי־רערל; עס איז געווען אויף אים קענטיק, אַז זיין גאַנץ וועזן איז אומרויִק און אַז זיין געמיט וויים נישט פון קיין שום רגע מנוחה. ווען ער איז געוווּר געוואָרן, אַז כ׳בין פון ישראל, האָט ער תיכף אָנגעהויבן רעדן מיט מיר אין אַ ליטווישן יידיש אַזוי ווי ער וואָלט נאָר געוואַרט אויף דעם מאָמענט, אַז ער זאָל קענען עפענען פאַר מיר זיין פאַרשלאָסן האַרץ און זיך אַראָפּרעדן...

אָנגעהויבן האָט ער זיינע רייד מיט דעם, אַז ער לעבט איצט אײ־בער אַ שאַרפן און טיפן ווייטיק, זיצנדיק דאָ, אויף דער פאַרשאָל־טענער ערד פון די רוצחים, וואָס האָבן צוגערויבט ביי אים דאָס טייערסטע און געלאָזן אים אַן איינזאַמען, אַן עלנטן, אָן אַ גואל און אָן אַ פריינט, די גאַנצע משפחה האָבן זיי אומגעבראַכט...

נאָר ער מיט זיין אַלטער מאַמען זענען געבליבן לעבן אין דער ווייטער מעקסיקע, אָן אָרעם באַשיידן לעבן.

מיט דריי יאָר צוריק איז ער עולה געווען קיין ישראל; ער האָט זייער געוואָלט דאָרטן פאַרבלייבן, אָבער עס איז אים נישט געלונגען זיך איינצוגלידערן... ער האָט צו קיינעם קיין טענות און תרעומות נישט, עס איז דאָך אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. ער האָט געמוזט כסדר האַלטן אין איין אַרומלויפן פון איין אַמט אין אַנדערן... ער האָט זיך געהאַלטן אין איין באַמיִען צו קענען זיין ביסעלע געלט פאַרוואַנד־לען אין אַ שטיקל קוואַל פון פרנסה. עס איז אים אָבער בשום אופן נישט געלונגען... עס זענען געקומען טעג פון עלנט און איינזאַמקייט און ס׳איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל אויסהערן זיין פאַרלאַנג.

— די מענטשן אין ישראל זענען תמיד פאַרנומען, פאַרוואָרפן מיט דאגות און זיי האָבן נישט קיין צייט אויסצוהערן די רייד פון אַזאַ יידן ווי איך בין... — האָט ער מיט אַ טרויעריקן שמייכל צוגעגעבן, ווי ער וואָלט באַשטעטיקט אַ פאַקט.

ער איז אָפּגעווען אין ישראל אַ פּאָר חדשים און ער איז צוריק־געפאָרן. איצט האָט ער געמוזט אַרבעטן פילפאַך שווערער כדי צו קענען ווי עס איז דעקן זיין דעפיציט און אָנצופילן דעם בלויז, וואָס האָט זיך געשאַפן צוליב זיין נסיעה הין־און־צוריק.

אין דעם ווייטן מעקסיקע האָט ער כסדר געהאַלטן אין איין פלאַ־

נעווען און טראַכטן, ווי אַזוי אַ צווייט מאָל צו קאָנען עולה זיין און דאָסמאָל זיך שוין דעפיניטיוו באַזעצן און איינגלידערן אין דער מדינה.

ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק איז זיין מאַמע קראַנק געוואָרן און ווען זי האָט דערפילט אַז עס דערנענטערן זיך אירע לעצטע טעג, האָט זי געבעטן ביי איר זון, אַז ער זאָל איר נאָר צוזאָגן איין זאַך: אַז ער וועט אַ צווייט מאָל פּרוּוון און נאָך אַ מאָל עולה זיין קיין ישראל. ער האָט איר צוגעזאָגט און תיכף נאָכדעם, ווי ער האָט געשטעלט אַ מצבה אויף איר קבר — האָט ער זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

ער האָט נישט אין ישראל קיין גואל און קיין פריינט, אָבער דאָס־מאָל איז ער מער ווי זיכער, אַז עס וועט אים געלונגען זיך איינצו־וואָרצלען, זיך איינצוגלידערן אין דער מדינה.

איך האָב דעם ייִד אָבסערווירט די גאַנצע צייט פון אונדזער רייזע אין עראָפּלאַן: דעם גאַנצן וועג פון פראַנקפורט ביז לוד איז ער געזעסן ווי צוגעשמידט צום פענצטערל און געקוקט אין די הימלען. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין לוד און דאָס חנעוודיקע סטיוארט־מיידל האָט אונדז באַגריסט מיטן „ברוכים הבאים לישראל", האָט דער ייִד גע־פּליסטערט: „תודה רבה! תודה רבה!" און אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט אויף זיינע ליפּן, גלייך ווי די באַגריסונג „ברוכים הבאים" וואָלט געווען נאָר צו אים אַליין געווענדט...

איך האָב אים באַגעגנט מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער. עפּעס האָט זיין פּנים באַקומען אַן אַנדער אויסדרוק; פון זיינע אויגן איז פאַר־שוווּנדן דער אומרויִקער פּחד פון אַ האָז. די געשפּאַנטקייט איז גע־וואָרן מילדער און ווי לגמרי נאָכגעלאָזן. כ'האָב אים געפרעגט ווי ער האָט זיך איינגעאָרדנט און ער האָט מיר דערציילט וועגן פּלענער, פאַרשלאָגן, אויסזיכטן און ער האָט פאַרענדיקט:

— דאָסמאָל בין איך מער ווי זיכער, אַז כ'וועל מיך איינאָרדענען און ס'וועט זיין טוב.

און ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז זיין ענטפער וועט מיך נישט גענוג איבערצייגן, האָט ער מיר אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיין ערשטער נאַכט אין ישראל: ווען ער איז אָנגעקומען אין דעם קליינעם באַשיידענעם האָטעלעכל און ער איז געבליבן איינער אַליין אין צי־מער, האָט ער דערהערט אַ לייכטן קלאַפּ אין טיר; איינער פון די האָטעל־באַדינער איז אים געקומען פרעגן צי דאַרף ער נישט עפּעס... ווייזט אויס, אַז ער האָט דערפילט אין דער איינזאַמקייט וואָס האָט

געשוועבט איבער דעם האָטעל־צימערל אַז דער עולה נייטיקט זיך אין דער נאָענטקייט פון אַ מענטשן... און אפשר האָט דער האָטעל־באַדינער פאַרמאָגט אָט־די האַרציקע פשטות, וואָס איז אַמאָל געווען אַזוי אייגן און כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע ייִדן אין ארץ־ישראל, אין יענע יאָרן, ווען דער ישוב איז נאָך געווען אַזוי קליין אין צאָל... און דער עולה איז שוין מער נישט געווען איינזאַם; אין די ערשטע טעג האָט אים דער מענטש געהאָלפן, ער איז מיט אים אומעטום געגאַנגען, אים אומ־עטום געפירט, געהאָלפן אים שטעלן די ערשטע שווערע טריט — און האָט אים גרינגער געמאַכט די „חבלי הקליטה" — די שווערע ווייען פון איינגלידערן זיך, פון איינלעבן זיך אין דעם נייעם לעבן!

— ווען איר וואָלט וויסן ווי וויכטיק עס איז דער ערשטער שמייכל, וואָס באַגעגנט דעם עולה, ווען ער קומט־אָן אין לאַנד; ווען איר וואָלט באַגרייפן ווי וויכטיק עס איז נישט צו לאָזן דעם עולה זיין איינזאַם, עלנט, דווקא אין די ערשטע טעג זיינע אין לאַנד, וואָלט איר אפשר אַ טראַכט־געטאָן, אַז עפּעס קאָן מען נאָך אויף דעם געביט אויפטאָן און עס איז כדאי... — האָט ער פאַרענדיקט זיינע רייד, ווי ער וואָלט מיר וועלן עפּעס אויפקלערן און מסביר זיין.

און איך האָב מיר בשעתן געזעגענען זיך מיט אים געטראַכט: ווי וואָלט מען טאַקע געקענט „אָרגאַניזירן" אַזאַ מין שמייכל, וואָס זאָל מקבל פנים זיין די אָנקומענדיקע עולים און זיי באַגלייטן אויף זייערע ערשטע טריט אין אונדזער לאַנד?

ייִדיש: זלמן הירשפעלד

שאָסייען דערציילן...

זיי שטעלן זיך ביים זייט פון די וועגן, קוקן אויפן וועג און שטרעקן אוים די הענט אין דער הייך. מען רופט זי „טרעמפּיסטן”, אַן אייגנאַרטיקער איינפיר וואָס האָט, ווי עס דוכט זיך, ווייניק אַזעלכע אין דער ברייטער וועלט. און דו, פאַרבייפאָרער, עפן די טיר פון אויטאָ און לאָז זיי אַריינשטייגן, — עס וואַרט שוין אויף דיר אַן אינטערעסאַנט מעשהלע פול מיט אַקצידענטן. זיי שפּאָרן נישט קיין ווערטער, זיי פילן אַז זייערע דערציילונגען זענען אַ מין סימבאָלישער אָפּצאָל פאַר דער טירחה וואָס דו האָסט געהאַט צוליב זיי און האָסט זיי אונטערגעפירט מיט דיין מאַשין. די גאַנצע פאַרשידנאַרטיקייט פון ישראל קומט צום אויסדרוק דורך די נאָמענלאָזע שליחים, וואָס שטעלן זיך אוים ביים ראַנד פון די וועגן. זיי שטעלן פאָר מיט זיך די פאַרשידענע עליה־כוואַליעס, עלטערע עדות און שיכטן פון ישוב. ביי די זייטן פון די וועגן, ביי די רייזע־סטאַנציעס פון די זעלנער, קאָן דער שרייבער געפונען דעם פאַרשידנקאָלירטן און מער אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל פאַר אַ דיקן בוך פון אַ סך זייטן.

א. דער זון

האַלבע נאַכט. דער וועג איז ליידיק. פּלוצים קומט פון ערגעצוווּ אַ זעלנער און בעט מען זאָל אים מיטנעמען. אויף זיין יונגן פּנים איז אויסגעגאָסן אַ גרויסע מידקייט. ער פאָרט אין יענעם און יענעם קיבוץ וואָס איז אויף אונדזער וועג, ער דרייט זיך צוזאַמען אין אַ ווינקל פון אויטאָ, בלויז זיינע אויגן קוקן אין דער נאַכט־פינצטערניש. ביסט מיד? טו איך אַ פרעג. יאָ, — ענטפערט ער ווי אַ יונגלינג וואָס וויל זיך פאַרענטפערן — אַ צאָל נעכט אָן שלאָף הינטער מיר און מאָרגן דאַרף איך זיך צוריקקערן אין לאַגער.

און איז דיר כדאי צו פאָרן אויף איין אָוונט, אָדער ריכטיקער: אויף עטלעכע שעה אַהיים?

ער הערט זיך איין אין דער פראַגע און אַ גוטער שמייכל גיסט זיך אויס אויף זיין געזיכט:

— כדאַי, כדאַי, אַלץ פאַר איר...

באַלד הייבט אָן די פאַנטאַזיע צו אַרבעטן. געוויס אַ יונג מיידל וואַרט אומגעדולדיק אויפן זעלנער אַז ער זאָל קומען. מען פרעגט נישט אויף אַזעלכע האַרץ-ענינים. אָבער ער כאַפּט וואָס מיר טראַכטן און גיט צו פאַרשטיין.

— „די מאַמע האָט געבעטן איך זאָל קומען אַהיים. זי בענקט; און אַ מאַמע איז דאָך די זעלביקע מאַמע אומעטום, אין שטאָט ווי אין קיבוץ, איז וואָס טוט מען נישט צוליב אַ מאַמע? בפרט פאַר אַ מאַמע וואָס זאָרגט פאַר איר זון? צוליב איר איז כדאַי צו שלעפּן זיך ביינאַכט, זען זי עטלעכע שעה און צוריקקערן אין לאַגער".

דאָס איז געזאָגט געוואָרן מיט פולער איינפאַכקייט, נישט ווילנדיק פאַרהאַלט זיך דער בליק אויף דער געשטאַלט פון דעם יונגן זעלנער, וואָס אָט נאָך אַ ביסל וועט ער קומען אין זיין קיבוץ, וועט עפענען די טיר פון זיין מוטערס צימער און וועט זיצן מיט איר געציילטע שעהן אין דער נאַכט-שטילקייט, וועט טרינקען קאַפע, עסן פון דעם קוכן וואָס זי האָט פון זיינעטוועגן געבאַקן און גאַנץ פרי וועט ער צוריק-קערן אין לאַגער.

דער אויטאָ פאַרהאַלט זיך ביי אַ וועג-אויסביי. — אַ גוטע נאַכט און אַ דאַנק, — זאָגט דער יאַט און שוין פאַרשווינדט זיין געשטאַלט צווישן די ביימער און זיינע טריט הילכן-אָפּ אין דער נאַכט-שטילקייט. די געשטאַלט פאַרשווינדט און עפּעס אַ גוטער וואַרעמער געפיל בלייבט אין האַרצן.

ב. דער פלאַנצער

קיין תל-אביב? — דערהערט זיך אַ שטימע. און אין אויטאָ קומט אַריין אַ מאָדנע געשטאַלט. פאַרויס גייט אַ גראָבער פאַסטוך-שטעקן, נאָך אים אַ פאָר גרויסע ברילן, און צום סוף אַ באַלייבטער גוף, אָנגע-טאָן אין אַרבעטס-קליידער. ער זעצט זיך אַוועק נעבן אונדז.

— דו ביסט אוודאי פון אונטערשטן גליל, — פרעג איך.

— איר געדענקט מיך? — ווערט דער נייער רייזנדער דער-שטוינט.

— איך קאָן דיך נישט, אָבער איך קאָן די געשטאַלט פון גליל-מענטשן, — ענטפער איך, און איך בין זיכער אַז דאָס מאָל האָב איך קיין טעות נישט געהאַט. און גלייך פאַרנעמט מיין געהער אַ דערציי-לונג, אַ דערציילונג פון אַ געבוירענעם אין גליל-התחתון, אַן ערד-אַר-בעטער, אַ זון פון ערד-אַרבעטער, וואָס איז געבוירן געוואָרן און אויפ-געוואַקסן אין איינער פון די אַלטע קאָלאָניעס. פאַרלאָזט זיין הויז און איז אַוועק וווינען אין איינער פון די נייע שטעט ביים ברעג ים.

די קינדער האָבן אויסגעשפּרייט די פליגל, צעפלויגן זיך, מיטגע-שלעפּט נאָך זיך דעם פאָטער. אָבער גלייבט מיר, איך בין פרעמד אין דער שיינענדיקער שטאָט, אין דעם זומעראָרט, און איך קאָן ממש נישט די שטאָט. זונטיק פרי גיי איך אַרוים מיטן ערשטן זון-שטראַל פון מיין שטוב, בכדי צו קומען צו מיין אַרבעטס-פּלאַץ אין דער סביבה פון ירושלים, און קום צוריק אַהיים סוף וואָך.

אין זיינע רייד האָט זיך געהערט אַ טאָן פון ווייטיק און בענק-שאַפט. — הלוואי וואָלט איך נישט פאַרלאָזט מיין באָדן אין גליל. מילא, די קינדער, זאָלן זיי זיך צעפליִען, אָבער דער אַלטער טאַטע דאַרף בלייבן אויף דער ערד ווו ער איז געבוירן געוואָרן.

נישט ווילנדיק כאַפּ איך אַ קוק אויפן מאַן אין די מיטעלע יאָרן, אויף זיין פון דער זון-אָפּגעברענטן פּנים און איך טו אים אַ פרעג די-רעקט:

— איז פאַר דיר נישט צו שווער די אַרבעט ביי באַוואַלדונג?

ער טוט אַ שמייכל און ענטפערט

— איך שפּרונג נאָך אויף די בערג און בערגלעך, נישט ווי אַ גע-שיקטע אינד, נאָר ווי אַ שטאַרקער באַראָן. איך האָב צו-הילף מיין שטעקן, מיין חבר ביי דער אַרבעט, מיין באַגלייטער אין וועג. איך האָב ליב מיין אַרבעט. קוק זיך נאָר צו און זע: אָט זענען יונגע פלאַנצן ביים זייט פון וועג; אָט איז אַ יונג וועלדל, און אָט זענען ביימער וואָס גיבן שוין שאָטן. מיט מיינע הענט האָבן איך אַליין פאַרפלאַנצט, אַ סך קי-לאָמעטער האָב איך דורכגעשפּרייזט אין די בערג. איך האָב נאָך גע-ציילטע יאָרן ביז איך וועל „אַוועק צו מיינע עלטערן", אָבער זיי, די ביימער, וועלן דאָ שטיין דורות נאָך דורות און וועלן דערציילן וועגן אונדזער אויפטו, מעשים פון די וואַלד-פלאַנצער.

פון זיינע רייד האָט זיך אַרויסגעהערט אַ טאָן פון צופרידנקייט מיט זיין אַרבעט געמישט מיט אַ טאָן פון צער אויף דעם וואָס שטייט שוין הינטער זיין פּלייצע, נאָך אַ ביסל — און ער וועט נישט קאָנען פאַרזעצן זיין אַרבעט.

זיינע פאַרגעזעצטע — טענהט ער, שרעקן זיך פאַר באַיאַרטע מענטשן, זיי געבן די בכורה די יונגע. אָבער צי ווייסן די יונגע צו אַר־בעטן מיט האָרץ און נשמה, ווי ער, דער זון פון גליל, וואָס האָט איינ־געזויגן די ליבע צו דער ערד מיט זיין מוטערס מילך?...

— וויפל באַמי איך זיך דורכצודרינגען די יוגנט מיט אַ ליבע צו ביימער, איינפלאַנצן אין די וואָס אַרבעטן מיט מיר אַ באַציִונג צו דער אַרבעט, זיי זאָלן ליב האָבן יעדן בוים, יעדע פלאַנץ, יעדעס אויסגע־גראָבענע גריבל. איך מיין, די אַרבעטער וואָס זענען לעצטנס געקומען צו אונדז, וואָס ווייסן זיי וועגן ביימער און ווי אַזוי זיי וואַקסן? וואָס פילן זיי פון יענער שעפערישער פרייד ווען דער בוים טוט זיך אַ שטרעק אויס, אַ צי אויס אין דער הייך, שלאָגט טיפע וואָרצלען צווישן די פעלדזן? וואָס ווייסן זיי וועגן דעם האָרץ־ציטער ביי שריפות און אַנ־דערע נאַטור־אומגליקן? און דאָך איז דער פאָרצוג פאַר די יונגע, נישט פאַר די אַלטע. נאָך אַ קליין ביסל וועל איך דאַרפן אַוועקשטעלן מיין שטעקן אין ווינקל פון צימער. איך וויל נישט אָנקומען צו מיינע קינ־דער, כאָטש זיי זענען גוטע קינדער. איך וואָלט געוואָלט אַזוי, גלייך פון וואַלד אַוועק אויף יענער וועלט, אָן איבערגאַנג. איך וויל אַרבעטן ביז מיין לעצטן טאָג.

מיטאַמאָל האַקט ער איבער דעם שמועס און רופט אויס מיט אַן אויפגעציטערטער שטימע:

— טו נאָר אַ קוק! זע נאָר אָט דאָס וועלדל! ווי גרויס עס זענען שוין אירע ביימער! און מיר האָבן דאָך דערפון געהאַט צרות, גרויסע צרות...

און ווי אַ מוטער וואָס דערציילט וועגן די קראַנקייטן פון אירע קינדער, דערציילט ער וועגן די נאַטור־אומגליקן, וואָס האָבן געטראָפן דעם וועלדל, זיין אויג באַגלייט די באַבלעטערטע ביימער מיט אַ בליק פול מיט ליבע, וואָס ער נעמט נישט אַראָפּ ביז וואַנען דאָס וועלדל ווערט נישט פאַרשוווּנדן פון אויג.

תל־אביב נעמט אויף אונדזער אויטאָ מיט איר רעש און טומל.

דער מענטש הייבט אויף זיין שטעקן, נעמט אַרום זיין שווערע וואַליזע און גייט צו פֿאַרשטיין:

— אָט האָב איך געבראַכט אַהיים מיינע שווערע ווינטער־שטיוול. דער זומער איז שוין געקומען, און איך דאַרף זיי מער נישט.

ער געזעגנט זיך מיט אונדז, זיינע שווערע טריט פֿירן אים צו דער צענטראַל־סטאַנציע, פֿון וואַנען ער וועט פֿאָרן אין דער האָפֿן־שטאָט, וואָס ער קאָן כמעט נישט, ווייל זיינע וואָרצלען ליגן טיף אין זיין מוטערלאַנד, אין אונטערשטן גליל.

יִדיש: משה שענדעריי

דוד

דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים דערזען ווען איך בין געקומען אין דורכגאַנג-לאַגער צו שמועסן מיט די קינדער וואָס וועלן מיט דער צייט זיין קיבוץ-קינדער.

ער האָט זיך גלייך אויסגעשטעלט מיט זיין טראַציקייט, מיט זיין נישט וועלן זיצן און שמועסן מיט אונדז. עס האָט זיך געדוכט, אַז יע־דער זון-שפּרענקל אויף זיין געזיכט, יעדע האָר אין זיין בלאָנדער שע־וועליורע, האָבן רעוואָלטירט און זיך קעגנגעשטעלט.

אַ ווידערשפּעניקער און אומפּאַרטרויליכער האָט ער געקוקט מיט אויגן וואָס האָבן דורכגעדרונגען בכדי צו וויסן, צי איז דיין אָנוועזנ־הייט באמת נישט קיין געפאַר פאַר אים און זיין לעבנסוועג. בשעת דעם שמועס איז ער געזעסן זייטיק און האָט געשוויגן. ווען איך האָב זיך געווענדט צו אים, איז ער אַנטלאָפן, האָט נישט געוואָלט ענטפערן: „ער וויל נישט פאָרן מיט אונדז אין קיבוץ" — האָבן די קינדער קאַלט־בלוטיק געפסקנט. די אַרבעטער פון לאַגער האָבן דערציילט אַז ער האָט אַ שווערן כאַראַקטער, פאָלגט נישט, און די וואָרצלען פון זיין האַרטקייט זענען אין זיין פאַרגאַנגענהייט. וויפל מאָל איך בין געקו־מען אין לאַגער צו זען די וואָס דאַרפן ווערן „מיינע קינדער", פלעגט ער זיצן מן-הצד און פלעגט נישט צוגיין צו אונדז. אָבער ווען עס איז געקומען דער טאָג און איך בין געקומען נעמען די קינדער, איז ער פּלוצים צוגעגאַנגען און האָט אַנטשלאָסן געזאָגט, נאָך אַן אינערלעכן געראַנגל: „איך פאָר מיט".

שווער זענען געווען די ערשטע טעג אין קיבוץ. ווי אַ יאָזש וואָס שטעקט אַרויס זיינע שטעכערס, האָט ער רעאַגירט אויף יעדער באַ־מערקונג, מיטטיילונג, אַפילו אַ וואָרט. איך האָב אים געלאָזט לויפן. איך האָב אים געגעבן צייט צוגעוווינען זיך צו די נייע באַדינגונגען, צו דער סביבה, צום אָרט. מיר דאַכט זיך, אַז עס איז געווען אין דעם טאָג אין וועלכן די קינדער האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן ביים צריף און האָבן געמאַכט זייערע בייטן, ווען ער איז צוגעקומען צו מיר, אַן אומ־

זיכערער און אומצוטרויליכער, און האָט מיר דערציילט זיין דער-ציילונג.

איך האָב געהערט זיינע רייד אַן אָנגעשטרענגטע, אפשר וועט אַ לייכטע באַוועגונג מיינע, אַן אויסדרוק פון געזיכט, אַן איבעריקע רעאַ-גירונג, איבעררייסן די דערציילונג וואָס איז געקומען ווי אַ באַ-פרייונג פון דעם שווערן יאָך וואָס דאָס פערצן-יאָריקע קינד האָט גע-טראָגן. ער האָט געהאַט אַ טענה, צו דער גאַנצער וועלט; אַ טענה! אַלע האָבן געליגנערט, אַלע האָבן אים אָפּגענאַרט; ווי־זשע קאָן ער גלייבן אַז מיר, אין קיבוץ, זוכן נאָר זיין וווילזיין? ווי זאָל ער גלייבן, אַז אויפריכטיק, מיט אמת, ווילן מיר אים לערנען ידיעות, אים צו-גרייטן צו אַ לעבן פון מי און שאַפונג אויף דער ערד צו וועלכער מיר האָבן אים געבראַכט?

אַ יתום, איינער פון די געראַטעוועטע, האָט ער געפונען שוץ און אַ הויז אין אַ ברעטער-כאַטקע פון קריסטן אין אַ דאָרף. דאָרט האָט ער גליקלעך געלעבט אין דער משפחה וואָס האָט אים אָנגענומען ווי אַ זון; ער האָט נישט געוווּסט אַז ער איז אַ קינד פון אַן אַנדער פאָלק: נישט געוווּסט און נישט געוואָלט וויסן. מיט אַמאָל, נאָך דער מלחמה איז צו אים געקומען אַ קרובה פון דער מוטערס צד, איז אים אַרויפ-געפאַלן אויפן האַלדז, האָט אים געזאָגט אַז ער איז דער איינציקער פאַרבליבענער פון דער גאַנצער משפחה וואָס איז אומגעקומען; אַז ער דאַרף זיך אומקערן צו זיין פאָלק און שטאַם.

קוקט ער אויף איר מיט איבערראַשטע אויגן. זיין פאָלק? ער איז דאָך צווישן זיין פאָלק! זיין שטאַם? איז דען די דאָזיקע פראַנצויזישע כאַטקע אין דאָרף נישט זיין געבורטאָרט און די מענטשן זענען נישט זיינע עלטערן? מיטן גאַנצן גלי פון זיין נשמה האָט ער זיך קעגנגע-שטעלט קעגן דער נייער ליבע וואָס מען וויל אים אָנבינדן; ער האָט גאָרנישט געוואָלט הערן. אָבער די יידישע פרוי האָט אים נישט אָפּ-געלאָזט, און ווען זי האָט געזען אַז זי וועט אים נישט איבעררעדן מיט רייד און אַרגומענטן, האָט זי אים איינגעלאַדן אַ טאָג צו זיך. זי האָט אים צוגעזאָגט אַ ווינטער-מאַנטל, און ער האָט עס נייטיק געהאַט אין דער אָרעמער כאַטקע אין וועלכער ער האָט געלעבט. און, ווען ער איז שוין געווען איר גאַסט, איז זי מיטגעפאָרן מיט אים מיטן צוג און האָט אים אַריינגעגעבן אין אַ יידישן קינדער-הויז פון דער אומגעגנט. אָבער ווען ער איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט ער זיך דערזען

אין אַ פרעמדער סביבה, צווישן קינדער וואָס ער האָט נישט געקאָנט, און דערציִער וואָס האָבן ביי זייער בעסטן ווילן נישט געקאָנט געפינען קיין וועגן ווי צוצוקומען צו זיין פארשלאָסן הארץ. ער האָט געוואָלט אַהיים, צו דער קריסטין וואָס איז געוואָרן פאַר אים אַ מוטער, צו איר אָרעמער כאַטקע, ער האָט געוואָלט צוריק אין דאָרף; ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער עס איז אים נישט געלונגען. האָט ער רעוואָלטירט, האָט געשריִען קעגן דער גאַרער וועלט: „בין איך עפּעס אַ אַ נישט-לעבעדיקער קעגנשטאַנד?! אַ חפץ וואָס האָט נישט קיין לעבנס-גייסט, וואָס מען שלעפּט מיר אַזוי אַרום פון אָרט צו אָרט?... אויך פאַר מיר האָט ער איצט אויסגעשריִען זיין גרויסן פּראָטעסט: „פאַרוואָס האָט מען מיר נישט געפרעגט? פאַרוואָס האָט מען מיר נישט געזאָגט וואָס מען וועט טאָן מיט מיר? מען האָט מיך אָפּגענאַרט, מען האָט מיר געליגנערט”.

ער האָט נישט געקאָנט פאַרגעבן און האָט נישט געוואָלט פאַרגעבן, און אַזוי אַ רעוואָלטירטער, וואָס אָפּאָנירט זיך, וואָס בריקעט, איז ער געקומען קיין ישראל אין דורכגאַנגס-לאַגער; און אַ ווידערשפעניקער, וואָס אין זיין הארץ ברענט אַ שנאה צו אַלץ, איז ער געקומען אין קיבוץ, אין דער קינדער-גרופּע, ביז מען האָט מיר איבערגעגעבן זיך מטפל זיין מיט אים.

טאָג נאָך טאָג, שעה נאָך שעה, מיט געדולד און ליבע האָב איך געפּרוּווט אַרויסשלעפּן די שטעכערס פון זיין הארץ, און ווען מיר האָט זיך געדוכט אַז ער פאַרגעסט שוין ביסלעכווייז זיין פאַרגאַנגענהייט און געוווינט זיך צו צום נייעם לעבן וואָס ער האָט אָנגעהויבן ליב צו האָבן, האָט זיך פּלוצים באַוויזן אין קיבוץ די פרוי וואָס האָט אים אַרויסגעכאַפּט פון דער פּויערים-שטוב און האָט אים צוריקגעקערט צו זיין פאָלק.

צו אַלע צרות בין איך יענעם טאָג נישט געווען אין קיבוץ און האָב נישט געקאָנט צוגרייטן דאָס קינד צו דער באַגעגעניש. זי איז געקומען און איז צוגעגאַנגען צום קלאַס ווו ער האָט געלערנט; ווען ער האָט זי דערזען פון דער ווייטנס איז ער געוואָרן אַ פאַרציטערטער, ער איז אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער און איז אַנטלאָפן אויפן בערגל ווו ער איז אָפּגעזעסן דעם גאַנצן טאָג.

די קינדער זענען אים געקומען באַזוכן, זיי האָבן געזאָגט אַז ער וייל נישט זען די פרוי און אַז ער האָט זי געהייסן אַוועקגיין. עס האָבן

גישט געהאָלפן קיין אַרגומענטן, קיין בעטן. אַפּילו די שיינע מתנות וואָס זי האָט געבראַכט פאַר איר קליינעם קרוב, ער האָט זי נישט גע־וואָלט זען. ער האָט איר נישט מוחל געווען.

יענעם אָוונט, ווען איך בין צוריק געקומען פון שטאָט, האָבן מיר די קינדער דערציילט וועגן באַזוך און אַז די פרוי איז צוריקגעפאָרן נישט האָבנדיק געזען דודן. איך בין אַרויס צו אים. ער איז געזעסן אויפן בערגל אַ צונויפגעקנוילטער, פאַרזונקען אין זיין שנאה און כעס. איך האָב לאַנג געשמועסט מיט אים, געפרוווט דערקלערן אים אַז די פרוי האָט געזוכט זיין טובה, ווייל זי וויל אים צוריקקערן צו זיין פאָלק און שטאַם. ער האָט עפּעס יאָ געהערט און נישט געהערט מיינע רייד. גאַנצע טעג איז ער דערנאָך אַרומגעגאַנגען פאַראומערט, ווי די ווונד אין זיין נשמה וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרציִען, וואָלט זיך ווידער געעפנט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און געזאָגט: „איך וויל פאָרן טרעפן זיך מיט דער פרוי". ער איז געפאָרן צו זיין קרובה און איך ווייס נישט וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען. אָבער ער איז צוריקגעקומען אַ רויקער, אַ גוט־געשטימטער, מיט אַ שמייכל אויפן געזיכט, ווי דאָס אייז וואָלט צעגאַנגען פון זיין האַרץ און דער פרילינג האָט אָנגעהויבן בליִען. פון דאַן אָן איז אים לייכטער גע־וואָרן, ער איז אַרויף אויפן וועג, בלויז זעלטן ווען פלעגט פון אים אַרויסזעצן אַ בליק פון חשד, פון היטן זיך קעגן דער גאָרער וועלט...

זי האָט איבערגעהאַקט די דערציילונג. אויפן שטעגל וואָס האָט זיך געשלענגלט צום צריף ווו מיר זענען געזעסן און האָבן געשמועסט, האָט זיך באַוויזן אַ לויפנדיקער יינגל. דאָס געזיכט פאַרפלאַמט, די זומער־שפּרענקלעך גלאַנצן, די שעוועליורע צעשויבערט אַ פרייד אין די אויגן:

— מיר האָבן באַקומען אַ פרייז! מיר האָבן באַקומען אַ פרייז! — האָט ער אויסגעשריִען צו דער אויפזעערן, בשעת ער האָט שווער גע־אָטעמט. „אונדזערע מייערן האָבן באַקומען דעם צווייטן פרייז אויף דער אויסשטעלונג, און איך האָב דאָך געאַרבעט ביי מייערן!...

אַ טאָן פון שטאָלץ האָט זיך אַרויסגעהערט פון זיינע ווערטער. דאָס וואָרט „אונדזער" האָט אָפּגעהילכט אין אונדזער געהער ווי אַן אָנהייב פון אַ ניי קאַפּיטל.

יידיש: משה שענדעריי

אירים

— מאָרגן קומט מאַמעלע — האָט זי מיר אַ זאָג־געטאָן בשעת זי האָט זיך איינגעדעקט מיט דער וואַרעמער קאָלדרע.

— יאָ — האָב איך צוגעשטימט, — מאָרגן קומט מאַמעלע; זי וועט קומען פונקט ווי מיט עטלעכע טעג צוריק, וועט מיט אונדז עסן מיטיק, און וועט זיך צוריקקערן אין מעברה.

אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן געקוקט גלייך, געגלאַנצט ווי צוויי טינט־פלעקן אויף דער ווייסקייט פון קישן.

— דו ווייסט — האָט זי געוואָרקעט ווי אַ טייבעלע — ביינאַכט היט אַלעמאָל די מאַמע אַז דער שאַקאַל זאָל נישט קומען אין הויז. מיר אַלע שלאָפן און די מאַמע שלאָפט נישט; זיי וויינען אין די נעכט: הו! הו! און תמיד קומען זיי פּרייטיק־צונאַכטס, ווייל דעמאָלט איז נישטאָ קיין ליכט אינערגעץ.

„דאָס הויז" איז פאַר אירים דאָס געצעלט אין דער מעברה, דאָרט וווּ עס וווינט די מוטער מיטן עלטערן ברודער, אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, וואָס „אַמאָל האָט ער אַרבעט און אַמאָל האָט ער נישט קיין אַרבעט" — ווי זי פאַרטרויט עס פאַר מיר יעדן אָוונט, ווען איך זיץ לעבן איר בעטעלע.

די מוטער — אַ דאַרע איידעלע געשטאַלט — איז דערשינען אין איינעם פון די טעג צו זען איר טאָכטער; יענעם טאָג האָבן זיי ביידע שטיל און בנימוס שפּאַצירט איבער דער דירה, שמועסנדיק צווישן זיך אויפן האַרבן טריפּאָליטאַנישן דיאַלעקט. ביז יענעם באַזוך האָט אירים אָנגענומען מיט רויקייט די גזירה פון גלות, האָט מיט גרויסער גבורה געקעמפט קעגן די טרערן, די שפע פון װאַרעמקייט און ליבע וואָס אונדזערע קינדער האָבן איר צוגעטיילט, האָט זי איינגעזאַפּט מיט אַ לייכטן שמייכל אויף אין טונקעלן געזיכט און מיט אַ טרויער וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אירע אויגן. באַזונדער האָט זי ליב גע־האַט די אָוונט־שעה, ווען זי איז שוין געלעגן אין איר בעטל און די

רעגן-טראָפּנס האָבן געקלאַפּט אין די שויבן, ווי זיי וואָלטן וועלן זיך אַריינרייסן אין שטוב.

— דו ווייסט — פּלעגט זי דערציילן, אַרונטערלייגנדיק איר דאַרע האַנט מיט די לאַנגע פינגער, אונטער איר קאָפּ — אין טריפּאָלי פּלעגן אונדז די גוייִם שלאָגן. געשלאָגן איינמאָל און נאָכאַמאָל, ביז מיר האָבן גענומען שטעקנס און האָבן געזאָגט: אויך מיר ווילן שלאָגן, אויב מען וועט אונדז שלאָגן. און מיר האָבן געשלאָגן — באמת! איז מיין ברו־דער אַוועק צו מענטשן און האָט זיי געזאָגט: איך פאָר קיין ישראל. האָט מיין מאַמע געזאָגט: וואָס הייסט דו פאָרסט? און ווו וועל איך בלייבן? האָט איר מיין ברודער געזאָגט: דו וועסט אויך פאָרן, מיט דער גאַנצער משפחה! קיין פאָטער האָבן מיר נישט, נאָר מיין מאַמע, מיין שוועסטער און איך. האָבן מיר זיך געזעגנט מיט די מומעס און זעגנען אַוועקגעפאָרן. האָבן שוין די גוייִם געזאָגט וואָס דאַרפט איר פאָרן? בלייבט דאָ און אַרבעט אויף אונדז. אָבער מיין ברודער האָט געזאָגט: — ניין! מיר פאָרן שוין! און אויפן שיף האָט דער קאָפּ שרעק־לעך געשווינדלט ווי אין אַ קרענק...

אַזוי זענען מיר געקומען קיין בית-ליד און פון דאָרט אין דער מעברה: מיין ברודער איז שוין מער נישט קיין זעלנער, די מאַמע גייט יעדן טאָג אין ביורא צו באַקומען אַביסל אַרבעט. אין שטוב (דער גע־צעלט) האָבן מיר אַ טויב מיט איר שטיבל. די טויב האָט געבאָרן אַן איי און זי איז געזעסן אויף איר אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, אַ סך טעג, ביז פון דער איי איז אַרויס איר קינד. דעמאָלט האָט די מאַמע-טויב גע־בראַכט פאַר איר ברויט צו עסן. דאָס ברויט איז געווען גרויס, און דאָס קינד פון דער טויב איז געשטאָרבן. איצט האָט זי ווייטער געבוירן אַן איי און זי זיצט אויף איר, אַפילו ווען עס איז דאָ אַ רעגן אין שטוב. איך וויל זען צי דאָס קינד איז שוין אַרויס פון דער איי. אפשר מאָרגן, אויב עס וועט נישט זיין קיין רעגן, וועלן מיר גיין זען די טויב אין אַנדזער הויז, אויך דיינע מיידעלעך וועלן גיין, דו אויך? גוט אַזוי?...

— גוט, אירים. אויב עס וועט זיין אַ גוט וועטער, וועלן מיר גיין זען די טויב, דיין מאַמע, די שטוב.

אירע לאַנגע וויִעס לאָזן זיך אַראָפּ איבער די שוואַרצע אויגן, ווי לאָדנס וואָס באַשיצן שימערירנדיקע פענצטער; זי ציט אַרויף די קאָלדרע העכער פון האַלדז און פליסטערט מיט איר דין שטימעלע, וואָס הערט זיך ווי אַ מין וואָרקען:

— אַ גוטע נאַכט; מאָרגן פאָרן מיר צו מאַמעלע״.

אירע אויגן שליסן זיך צו, און דיר דוכט זיך, אַז אַט קומען צו פליִען די חלומות און מיט זיי די בענקשאַפט נאָכן געצעלט וואָס לאָזט דורך דעם רעגן, נאָך דער טויב וואָס וואַרט אויף אירע טייבעלעך, נאָכן גרויען אייזערנעם בעטעלע. נאָכן קול פון די שאַקאַלן וואָס קלאָגן אין דרויסן, נאָך דער מוטער וואָס ליגט אין געצעלט און טראַכט וועגן אירע קינדער, וואָס האָבן געפונען אַ דאַך ביז איבערן ווינטער, אָבער ווייט פון איר.

און אין דרויסן קלאָגט דער ווינט מיט דער שטימע פון אַ שאַקאַל וואָס זוכט שפּייז.

ייִדיש: משה שענדעריי

אַ ב ר י וו

אַנטשולדיק מיר מײַן קלײַן װײַבעלע, פֿאַרװאָס די אותיות פֿון מײַן האַנטשריפֿט װעלן אויסזען אין דײַנע אויגן װי אַ בינטל שיכורים װאָס גײען אויף אַ װולקאַן, װעלכער האַלט אין מיטן אויסברוך, אָבער דער גאַז־לאָמפּ, װאָס באַלײַכט דעם קלײנעם צריף װוּ איך שרײַב מײַנע שורות, קװערט זײַן ליכט לויט אַ װינקל װאָס װערט נישט דערמאָנט אין קײן בוך פֿון פֿיזיק. אין אַ װײַלע אַרום װעט אויפֿגײן דער מאָרגנשטערן און װעט פֿאַרראָזן די גליל־בערג מיט אַ לײַכטער רויטקײט, װי דאָס געזיכט פֿון אַ שעמעװדיק מײדל, און איך בין אַרײַן אין צריף, בכדי זיך אַ ביסל אָפּרוען, אָבער איך בין אַזױ מיד, אַז דער שלאָף אַנטלויפֿט פֿון מיר. שוין לאַנג אַז איך האָב נישט געפֿילט אַזאַ מידקײט אין מײַן גאַנצן קערפּער, מיר דוכט, אַז פֿון זינט די מלחמה־נעכט אין מיטן פֿון קריגס־שטורעם, האָב איך נישט געהאַט אַזאַ נאַכט.

איך װײס אַז בײַם לײענען מײַנע דאָזיקע װערטער, װעט זיך אײַנקנײטשן אַ טיפֿער שראַם צװישן דײַנע אויגן, און דו װעסט אויסזען װי אַ ליבע מכשפֿהלע, אַ כעסדיקע און צאָרנדיקע, און װאָלט איך געװען נעבן דיר, װאָלסטו אַװדאי אַ דונער געטאָן מיט דײַן קול און װאָלסט מיר געזאָגט:

— פֿרעדיקסט מיר שוין װידער ציוניזם! שוין צײַט זאָלסט זיצן אין שטוב װי יעדער אָנשטענדיקער בעל־הבית, אַ ביסל נודיען זיך, אַ ביסל טשעפּען זיך, און זאָלסט זאָרגן פֿאַר דײַן װײַבל און דײַן קינד װאָס דאַרף געבאָרן װערן, און זאָלסט נישט לויפֿן „ראַטעװען דאָס פֿאָטערלאַנד”, װי אַ מאַשין פֿון די פֿײַערלעשער, װאָס פֿליט אויסלעשן אַ שריפֿה.

אָבער איך װײס, מײַן גוט מײדעלע, אַז דאָס איז נאָר אַזױ געזאָגט, און װען נישט דער קלײנינקער שכן װאָס דאַרף אין גיכן זיך אײַנקװאַרטירן אין אונדזער װוינונג, װאָלסטו געװיס געװען מיט מיר, פּונקט װי אין די צײַטן פֿון די שלאַכטן. װאָלסט געזאָגן שװאַרצע קעפּלעך פֿון תימנער קינדער אין דעם צפֿונדיקן לאַגער פֿאַר עולים,

ווי איך גע׳פֿין זיך איצט. איך קאָן דיך מיט דיין געמאַכטן כעס, און אויב איך וועל שרייבן נאָך איין שורה, וועלן צוקומען נייע קאַפּיטלען אין שיר־השירים, און צום סוף וועל איך נאָך דאַרפֿן היינט ביינאַכט צוליינן צום בריוו אַ רויט בלימל אָנגעזאַפּט מיט קושן און בענקענישן. איך זע אַז דער שטורעם אין דרויסן האָט אויך צעשטורעמט מיין האַרץ. און איך האָב דאָך דיר געוואָלט דערציילן וועגן דער נאַכט פֿון שלאַכטן וואָס איז אַ דורך, און נישט צושטיין צום כאָר פֿון די באַזינגער פֿון דער ראָמאַנטישער תּקופֿה.

אָבער, עס איז געווען אַ נאַכט פֿון שלאַכטן! די נעכט פֿון די ערשטע רעגנס זענען אַריבער בשלום. די גרויסע רעגנטראָפּנס האָבן שטיל און בנימוס געקלאַפּט אויף די ווענט פֿון די בלעכענע צריפֿים, ווי אַ מענטש וואָס פּרוּווט אַריינגיין צו זיין חבֿר אין שטוב דורך דער טיר, און ברעכט זיך נישט אַריין מיט כּוח אין דער וווינונג, אָבער היינט ביינאַכט איז דער ווינט געקומען פּאַראַלעל, ווי ער וואָלט געפֿילט אין דעם דורכברוך וואָס האָט זיך געשאַפֿן אין אונדזער מחנה. דווקא היינט ביינאַכט האָט רבֿקה גענומען אורלויב און איז אַוועק באַזוכן איר משפּחה. איך האָב דיר געשריבן וועגן איר: אַ וווּנדערבאַרע געשטאַלט, זי האָט פֿאַרלאָרן איר זון אין דער באַפֿרייונגס־מלחמה און גיט איצט אַוועק איר גאַנצע ליבשאַפֿט צום קליינוואַרג פֿון די תּימנער.

איך האָב זי באַגעגנט אין פֿאַרשידענע „דזשאָבן" אין די צייטן פֿון רעוואָלט און אַריינדרינג, איצט האָט זי זיך ווידער מאָביליזירט צו שווערער, דערשעפּנדיקער אַרבעט, וואָס זי טוט מיט הייליקן ציטער און מסירת־נפֿש, וואָס שטעקט אָן אַלעמען און מען פֿאָלגט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן.

היינט ביינאַכט האָט דער שטורעם־ווינט ווי דערפֿילט אַז רבֿקה איז נישטאָ, און האָט מיטאַמאָל אַריינגעבראָכן אין אונדזער לאַגער, שפּאַטנדיק מיט אַ קול פֿון קלאָג אין אָנבליק פֿון די קליינע צריפֿים וואָס זענען נאָך נישט פֿאַרענדיקט און שטייען נאָך אָן דעכער, אין גאָלן קאָפּ. און איך — כּמעט אָן איינזאַמער, בין געבליבן צו קעמפֿן מיין קאַמף. ווייל די צוויי מדריכים זענען פֿאַרנאַכט אַוועק צוריק אין נאָענטן קיבוץ, האָב איך זיך געמוזט שטעלן קעגן פֿיינט מיט ביז גאָר מאָדנע „זעלנער": איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געפֿילט אויף מיינע

פּלייצעס אַזאַ פּאַראַנטוואָרטלעכקייט, און מיין פּלייצע איז געווען ברייט און קאָן פּאַרטראָגן היפּש משא.

ווי אַ מיליטערישער גרופּן־קאָמאַנדיר בין איך געווען פּאַראַנט־וואָרטלעך פאַר אָן אָפּטיילונג פון בחורים, און ווען פאַר מיר האָבן זיך געשטעלט יאַסקע דזשינזשי, און מאַטקע מיטן גאָלן קאָפּ, האָב איך אויף זיי געקאָנט אַ דונער־טאָן מיט מיין קול און זאָגן זיי מיין מיינונג מיט קלינגענדיקע ווערטער, וואָס האָבן זיך אויסגעשפּילט לויט מיין ווילן... אָבער דאָ; באַקען זיך, ביטע, מיט מיינע „זעלנער": פינפהונ־דערט פאַרשוין, דאַרע און קוואַרע, וואָס עס דוכט דיר אַז אָט נאָך אַ מינוט און זיי פאַרפליִען מיטן ווינט ווי שטיקלעך פאַפּיר אויף אַ כביש. אָט איז איינער פון זיי. ניסים — אַלט אַ וואָך, ליגט אין אַ ליי־דיקן מאַראַנצן־קעסטל וואָס הענגט אויף אַ טשוואָק אין צענטראַלן הלוּף. אָבער, בעסער וועל איך דיר פאַרשטעלן מזל, אַ מויד פון פינף יאָר, וואָס אירע אויגן גליִען קעגן דיר ווי ברענענדיקע קוילן אין אַ ווינטער־נאַכט. צי אפשר ווילסטו זיך באַקאָנען מיטן „חכם" יחיה, וואָס איז צוגעקלעפּט צום זהר, און בעט נאָר אַז מען זאָל אים לאָזן בלעטערן דאָס אוראַלטע ספר. צי אפשר זאָל איך פאַר דיר פאַרשטעלן די מוטער פון ניין, וואָס איז עלטער פון דיר מיט אַ יאָר, צוויי, צי אפשר?... אָבער צו וואָס דיך איינמאַטערן מיט מאָלן מיינע „זעלנער", וואָס זענען געשטאַנען מיט מיר אין אַ צעשטורעמטער נאַכט פון שלאַכטן אין דעם לאַגער פאַר פּליטים אין גליל...

אָט קומט אָן דער ווינט, אַ קאַלטער און אכזריותדיקער. ווי די שדים אין סינעמאַ. ער איז געקומען פונקט לויטן לוח, נישט פאַרזאַמט קיין רגע, און איך וואָלט אַזוי געוואָלט זיך באַגעגענען מיטן „פּאַטענט" פון יהושע בן נון, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן די זון אין גבעון, און אָפּ־האַלטן דעם שטורעם פון זיין כעס.

אָבער דער שטורעם איז געקומען, מיט צאָרן זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן געצעלט פון סעדיה אין וועלכן עס וווינען ניין נפשות. זיין גאַנצן כעס האָט ער אויסגעלאָזט דאָרט, דער געצעלט האָט נישט אויסגע־האַלטן, האָט זיך אַ שאָקל־געטאָן ווי אַ שיכור און איז איינגעפאַלן, פאַרדעקנדיק די אַלע נפשות וואָס זענען דאָרט געווען. שנעל בין איך אַוועק אַהין, אַרויסגענומען פון אונטער דער מפּולת די קינדער און געטראָגן אויף מיינע הענט — לייכט ווי יונגע מוראַשקעס — צום צריף פון שפּיטאָל. זעסטו, מיין ווייבעלע, ווען איך וועל קומען אַהיים

אין דאָס פּיצעלע וועט קומען אין הויז, וועל איך שוין זיין אַ פּראַק־טישער טרעגער פון אַזאַ משא.

איך האָב קוים באַרויִקט די קינדער און די פרויען, און פאַר מיר האָט זיך געשטעלט מאיר־חיים, דאַר און קווּאַר, אַז מען קאָן, דוכט זיך, אויסציילן אַלע זיינע ביינער, ער הייבט אויף צו מיר זיינע רויִקע אויגן און זאָגט אַן פּאַרדרוס, נאָר ווי איינער וואָס שטעלט פעסט אַ פאַקט: „דער ווינט האָט צעריסן די פּלאַכטעס פון געצעלט, איז וואָס וועט זיין מיט די קינדער?" — לויף איך מיט אים און זע אַז דער געצעלט איז צעריסן און פּונקט קעגן דעם שטורעם, איך זע קעפּלעך און נאָך קעפּלעך וואָס ליגן איינס נעבן אַנדערן אין צוויי בעטלעך, איינע נעבן דער צווייטער, צוגעדעקט מיט אַ גרויער קאָלדרע. האָסטו אַמאָל געזען אַ סטאַדע שעפּעלעך וואָס טוליען זיך איינע צו דער צווייטער קעגן ווינט און שטורעם? אַזוי האָט אויסגעזען די משפחה, וואָס איך האָב אַרויסגענומען פון אונטערן געצעלט. אַ יִנציקוויז האָב איך זיי אַרויסגענומען, און האָב נאָר געציטערט יעדעס מאָל, באַשר איז צווישן די קנייטשן פון דער קאָלדרע פאַרבליבן נאָך אַ פּיצל באַשעפעניש וואָס איך האָב נישט באַמערקט.

אַ שווייגנדיקע קאַראַוואַנע האָט געשפּרייזט נאָך מיר אין דער פינצטערער נאַכט צו איינעם פון די צריפים וואָס איז געווען באַשטימט פאַר אַ גן־ילדים. אַ שווייגנדיקע קאַראַוואַנע, וואָס נעמט אָן איר גורל מיט אַן אונטערטעניקייט, וואָס דו קאָנסט נישט אויסהאַלטן. און די לעצטע אין דער קאַראַוואַנע איז געווען אַן אַלטע באָבעשי, אַלט ווי דער גלות, געקנייטשט ווי אַן אור־אַלטער פּאַרמעט, און זי קוקט אויף דיר מיט אויגן וואָס שרייען אין דער שטיל קעגן וועלט און מענטש און קעגן גאָט און ליידן וואָס זענען צו גרויס. און דער דאַזיקער שטומער פּראָטעסט איז זיבן מאָל שווערער פון אַלע טענות און מענות, און דו ווילסט שרייען קעגן די פאַרפינצטערטע הימלען און צעיושעטן ווינט: „הער אויף, שטורעם! לאָז אָפּ! האָסט פאַר זיך יונגינקע קינדער! לאָז פאַרענדיקן די אַרבעט! נאָך אַ טאָג צוויי, וואַרט צו, ווינט! פון די קליינע קינדערס וועגן"...

אָבער איך האָב נישט געשריִען, נישט געוואָלדעוועט, נאָר געלאָפן פון איין געצעלט אין צווייטן, דאָ פאַרפעסטיקט אַ פּלעקל, דאָרט פאַרצויגן אַ פּלאַכטע. איך בין געלאָפן ווי אַ משוגענער צו לייסטן הילף, בשעת אַ גרופּע יונגע בחורים העלפן מיר.

בלויז מיטן פרימאָרגן האָט זיך איינגעשטילט דער שטורעם. ערשט דעמאָלט האָב איך געקאָנט זיך אָפּזעטלען אויף א קליינער ווײַלע און זיך אײַנהערן אין דעם אָטעמען פון די וואָס זענען שוין רויִק געשלאָפן אין לאַגער. ערשט דאַן בין איך אַוועק אין צריף, אין גאַנצן אַ פאַרמאַטערטער, מיט אַ געזיכט וואָס עס איז נישט כדאי צו פאָטאָגראַפירן, בכדי צו שיקן אַ בילד דעם מיידל וואָס איך ליב. מיין קאָפּ איז ווי אַ באָרד פון אַ צאַפּ וואָס טרייסלט זיך אויפן ווינט, און איך בין אַזוי מיד, מיין טייער ווייבעלע, אַז איך קאָן אַפילו נישט איינדרימלען. אפשר וועסטו מיר נעמען אין דיינע אָרעמס און איך וועל געפונען אַ ביסל רו פאַר מיין צעשטורעמטן קערפּער און גייסט.

אָבער, אָט הער איך שנעלע טריט. אַנטשולדיק מיר, קינדעניו! איך ריים איבער מיין בריוו חכם רחמים איז מיר געקומען רופן, זיין ווייב גייט צו קינד, און אויב איך וועל נישט באַוויזן צו ברענגען דעם דאָקטער, וועל איך נאָך אין אָוונט דאַרפן ווערן אַ הייבאַם...

ייִדיש: משה שענדעריי

גאולה - בענקשאפטן...

גאולה-בענקשאַפטן

אין אונדזערע וואַנדערונגען איבער די תפוצות, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף דער גרויסער בענקשאַפט וואָס איבערפולט די הערצער פון אַ סך ייִדן, וועלכע האָבן נישט געקענט צוליב די אָדער אַנדערע סיבות, אָנקומען קיין ישראל, צום פאָטערלאַנד. אין אונדזערע וואַנדערונגען איבער לענדער אין וועלכע עס איז פאַרבאָטן די עליה קיין ישראל, האָבן מיר געפילט די דאָזיקע בענקשאַפט אַ סך שטאַרקער, אָן ווערטער, שטומערהייט, נאָר מיטן בליק האָבן זיי געפרעגט די אייביקע פראַגע: „ווען וועלן זיך עפענען די טויערן? ווען וועלן מיר זיך קענען אָנשליסן צו אייך, צו די וואָס זיצן אין ציון?". זיי האָבן זיך צו אונדז געווענדעט מיטן גרויסן אויסגעשריי: „ציון הלא תשאלי"...

וועגן זיי און ענלעכע צו זיי האָב איך דערציילט אין די ווייטערדיקע פאַרצייכענונגען.

אַ באַשיידענע מתנה

(אין די טעג פון פסח)

אין די פריידיקע טעג פון יום־טוב פסח מוז איך זיך דערמאָנען אין יענעם יידישן יינגל פון די אײנער פון די ווייט־פאַרוואָרפענע יידישע קהילות אין גרוזיע; אין די טעג איז מיר ממש אוממעגלעך, אַז איך זאָל זיך נישט פאַרטראַכטן וועגן אים... אין דער סדר־נאַכט, ווען קינדער פון ישראל זיצן אַרום פסחדיק־געגרייטע טישן און פרעגן די פיר קשיות, אין די שעהן, ווען מ׳שניידט דעם עומר — די ערשטע זאַנגען פון דער נייער תבואה, און דאָס געזאַנג פון די שניטערס פאַרהילכט מיט פרייד אונדזערע פעלדער — דערמאָן איך זיך אין דעם יינגעלע מיט די שוואַרץ־ברענענדיקע אויגן און דאַרן פנימל, באַהויכט מיט אַ צאַרטן אומעט. ער קומט מיר אויפן זינען און איך נעם דאַן אַרויס זיין מתנה, וואָס ליגט באַהאַלטן אין מיין טיש־קעסטל: אַ קליינע באַשיידענע מתנה — נישט מער ווי אַ בלעטל פון אַ פשוטן העפט, אָבער די מתנה איז מיר טייער ביז גאָר, און כ׳וועל זי מיין גאַנץ לעבן אָפּהיטן...

דאָס איז געשען דעם ערשטן טאָג פסח און עס איז אונדז גראָד אויסגעקומען צו זיין יום־טוב ביים דאַווענען אין איינער פון די יידישע קהילות אין גרוזינישן לאַנד; אָט די קהילה, ווי אַלע אַנדערע יידישע קהילות פון גרוזיע לעבט אין דעם גלות זייערן שוין העכער 2700 יאָר, זינט דעם גלות שלמנאסר מלך אשור; אָבער כאָטש זיי זענען שוין אַזויפיל הונדערטער יאָרן אין גלות, איז נאָך אַלץ ביי זיי נישט פאַרלאָשן דער ניצוץ פון יידישקייט, זענען זיי עד־היום נאָך באַהעפט צו אונדזער תורה און זיי היטן אָפּ די תרי״ג מצוות, אַ יידיש לעבן, הגם זיי האָבן נישט קיין יידישע שולן פאַר זייערע קינדער, נישט קיין ספרים אין לשון־קודש. און חוץ זייער בית־הכנסת איז זיי נישט געבליבן קיין שום יידישער אַנשטאַלט, קיין שום חברה נישט... דאָס גרוזינישע פאָלק איז אַ פריילעך פאָלק, וואָס האָט ליב געזאַנג און טאַנץ, וואָס טרינקט זיין גוטן וויין און לעבט אין פריינטשאַפט און ברידערלעכקייט מיט זיינע יידישע שכנים.

ביים דאַווענען אין שיל בין איך געשטאַנען צווישן אונדזערע ווייט-נאָענטע ברידער, צווישן די זין פון מיין פאָלק, און כ'האָב זיך צוגעקוקט צו די אייגנאַרטיקע מנהגי התפילה, וועלכע די גרוזינישע ייִדן היטן אָפּ, מנהגים, וואָס אונטערשיידן זיך לגמרי סיי פון די אשכנזישע און סיי פון די ספרדישע; דער ספר-תורה איז געלעגן אין אַ הילצערן ברייט-קיילעכיק קעסטל, ווען די מתפללים האָבן די תורה אַרומגעטראָגן אויף די הענט, האָט גאַנץ קהל אויסגערופן מיט אַ געהויבן קול:

„כי מציון תצא תורה
ודבר ה' מירושלים".

אין דער רגע האָט זיך צו מיר דערנענטערט דאָס ייִנגל; צוערשט מיט נישט-זיכערע טריט — דערנאָך איז ער צוגעקומען גאָר נאָענט און האָט צו מיר אויסגעשעפּטשעט אויף העברעיִש:

— ספרי לי משהו על ארץ האבות... — (דערצייל מיר עפּעס וועגן לאַנד פון די אבות).

— פונוואַנען קענסטו העברעיִש? — האָב איך געפרעגט אַ פאַרוווּנדערטע, ווייל כ'האָב געוווּסט, אַז אין דער גרויסער, ברייטער מדינה איז קיין ייִדישע שולע נישט פאַראַן..

— איך לערן עברית, האָט ער מיר פיבערדיק געענטפערט אויף רוסיש, מיט אַ גרוזינישן אַקצענט — איך מוז דאָך קענען די שפּראַך פון מיין פאָלק! איך וויל קענען די גאַנצע געשיכטע פון דוד המלך, ווי ער איז געווען אַ פּאַסטוך פון שאָף און ווי ער האָט באַזיגט דעם ריז גלית... איך וויל וויסן, ווי אַזוי אליהו-הנביא איז אַרויף מיטן שטורעם אין הימל אַריין... איך בין אַ ייִד, ווייל איך קענען די היסטאָריע פון מיין פאָלק; די גרוזינישע קינדער פרעגן מיך: — „פאַרוואָס דערציילסטו אונדז נישט וועגן די העלדן פון דיין פאָלק? אָט האָבן מיר, גרוזינער, אונדזערע העלדן און מיר קענען זייער געשיכטע, און דו ביסט דאָך אַ ייִד, טאָ דערצייל אונדז וועגן דיינע העלדן"...

אָבער איך האָב אַליין אויך גאָרנישט געוווּסט! האָבן מיר זיך צונויפגענומען אַ חברה ייִדישע ייִנגלעך און מיר האָבן געזאָגט: — „לאָמיר לערנען דעם תנ"ך, לאָמיר לערנען וועגן די גיבורים פון פאָלק ישראל". מיר האָבן אָנגעהויבן לערנען; קיין לערן-ביכלעך האָבן מיר נישט געהאַט, האָבן מיר געלערנט פון די סידורים; אַז כ'האָב שוין

געקענט לייענען, בין איך געקומען צו מיין טאַטן און כ׳האָב אים גע־זאָגט:

— „טאַטע, איך קען שוין די לשון־קודשדיקע אותיות, גיב מיר אַ תנ״ך, וועל איך אין אים לייענען״; מיין טאַטע האָט אַרויסבאַקומען פון באַהעלטעניש אַ תנ״ך אַן אַלטן, אַ צעריסענעם, אפשר הונדערטער יאָרן איז דער תנ״ך אַלט געווען און ער האָט אים מיר איבערגעגעבן אין די הענט און געזאָגט: „לייען, מיין זון, אין דעם ספר־הספרים, וועסטו דערקענען די געשיכטע פון דיין פאָלק ישראל״; איך האָב דעם ספר געלייענט, כ׳האָב נישט אַלץ פאַרשטאַנען, ווייל עברית איז זייער אַ שווערע שפּראַך, גרוזיניש איז פאַר מיר לייכט, איך לערן אין דער שול גרוזיניש און אויך רוסיש; אָבער איך סטאַרע זיך, איך שטרענג זיך אָן ווי ווייט מעגלעך אויסצולערנען עברית, איך וויל קענען עברית. ביז שפּעט ביינאַכט לייען איך פון די אַלטע תנ״ך־בלעטער ביז איך ווער אַנטשלאָפן אַ מידער מיטן ספר אין האַנט, אָבער איך וויל קענען עברית, איך מוז קענען, ווייל איך בין דאָך אַ ייִד!

מ׳האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט צו לייענען אין דער תורה און מ׳האָט זיך ווידער געשטעלט דאַווענען. דאָס ייִנגל לעבן מיר האָט גע־עפנט זיין אַלטן סידור, וואָס זיינע בלעטער זענען געווען צעריסן, צע־פליקט און ער האָט געזאָגט שנעל, שנעל ווי אַן אַלטער ייִד וואָס איז בקי ורגיל אין די תפילות; זיינע אויגן זענען פלינק געפלויגן איבער די שורות און די ווערטער האָבן זיך געלאָזט הערן קלאָרע און דייטלעכע, אויף אַ קול און מיט אַ ניגון און ווי ער וואָלט זיך מתיחד געווען מיטן בורא, האָט ער פון צייט צו צייט פאַרמאַכט די אויגן מיט כוונה און אַרויסגעזאָגט גאַנצע פסוקים פון אויסנווייניק.

און אַזוי, בעת דאָס ייִנגל האָט געדאַוונט מיט דביקות צו זיין גאָט, אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין זיינע תפילות, איז אַרויסגעפאַלן פון סידור אַ בלעטל פון אַ העפט, און אויף די שורות פון דעם בלעטל האָב איך דערזען אָנגעשריבענע גרויסע קיילעכדיקע אותיות, אות ביי אות, העברעיִשע אותיות, וועלכע האָבן עדות געזאָגט, אַז דאָס ייִנגל לערנט זיך שרייבן, און לעבן די אותיות פסוקים פון דאַוונען, פסוקים איבער־געשריבענע פון סידור אַרויס.

דאָס ייִנגל האָט זיך איינגעבויגן אויפצוהייבן דאָס בלעטל.

— איר זעט, האָט ער זיך צו מיר געווענדט, אַ פאַרשעמטער — אָט אַזוי האָבן מיר איבערגעשריבן די אותיות פון סידור, כדי זיך

אויסצולערנען שרייבן עברית, ווייל קיין אַנדער לערן-ביכל האָבן מיר נישט געהאַט, האָבן מיר אַט אַזוי געקאָפּירט פון סידור...

ער האָט צוריק באַהאַלטן דאָס בלעטל צווישן די בלעטער פון זיין סידור. און זיך ווידער גענומען צום דאַווענען.

— הער, יינגעלע — האָב איך צו אים געזאָגט, גיב מיר דאָס בלעטל אַלס אַן אָנדענק פון דיר.

דאָס יינגל האָט אויפגעהויבן אויף מיר גרויסע, קלוגע און פאַר־וווּנדערטע אויגן:

— צו וואָס דאַרפט איר דאָס בלעטל?

— איך וויל עס אָפּהיטן ווי אַ טייערן אָנדענק פון דיר.

ער האָט מיר דערלאַנגט דאָס בלעטל מיט אַ שמייכל:

— דאַ האָט איר אַן אָנדענק פון מיר.

ער האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן, ער האָט זיך אַ קליינע ווײַלע געקווענקלט און צוגעגעבן:

— איך... איך וואָלט אויך פון אייך געוואָלט האָבן עפּעס אַן אָנ־דענק... אָפּצוהיטן... אָבער עס איז נישט שיין צו בעטן...

און זיינע אויגן האָבן זיך מיט ליבשאַפט באַהאַפטן און זיך איינ־געגעסן מיטן בליק אין דעם קליינעם סידורל, איינגעבונדן אין לע־דער, וואָס כ'האָב געהאַלטן אין מיין האַנט.

כ'האָב אים דערלאַנגט מיין סידורל און געזאָגט:

— דאָס איז אַן אָנדענק פאַר דיר, פון מיר, מיין יינגעלע!...

— תודה — האָט ער געזאָגט אויף עברית — און מער גאָרנישט. און באַלד האָב איך געזען, ווי ער עפנט דאָס סידורל, מישט און בלע־טערט און זוכט דעם יום-טובדיקן מוסף ווי אַ זקן ורגיל.

און ווי נאָר ער האָט געפונען, האָבן זיך זיינע ליפּן אָנגעהויבן באַ־וועגן אין שנעלן ריטם, און אַ ליבער שמייכל, אַ שיינענדיקער האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין פּנימל.

דאָס דאַווענען האָט זיך פאַרענדיקט. מיר זענען אַרויס אין די גאַסן פון דער גרוזינישער שטאָט, און קלאַנגען פון פריילעכן געזאַנג האָט זיך דערטראָגן צו אונדזערע אויערן: אַ קאָמפּאַניע גרוזינישע קינדער האָט פריילעך געשפּאַנט און געזונגען איינס פון זייערע לוס־טיקע פאָלקס-לידער און באַגלייט זייער געזאַנג מיט אַ ריטמישן טאַנץ.

מיר זענען צוריקגעקומען אין האָטעל, כ'בין געשטאַנען ביים פענצטער און געקוקט אויף דעם פּרעכטיקן פּייזאַזש פון די בערג פון

גרוזיע... און כ׳ווייס נישט פאַרוואָס און פאַרוועז האָט אין מיין האַרצן זיך אָפּגערופן ווי אַ ווידער־קול, אַ פּסוק פון ח. נ. ביאַליקס „מתמיד”:

— ומי אתה שמיר, מי אתה חלמיש
לפני נער עברי העוסק בתורה...

אין י. י. שוואַרצס איבערדיכטונג:

ס׳איז שטאַרקער פון שטיין און פון אייזן
אַ יינגל אַ ייִדישס, וואָס לערנט די תורה דורך נויט...

ייִדיש: זלמן הירשפעלד

די מעלאַדיע

עס איז געווען אַ הייסער און פייכטער תל-אביבער אָוונט. אַ גאַנצן טאָג האָבן די הייזער איינגעזאַפּט אין זיך גליענדיקן פייער, און איצט האָט פון זיי געשלאָגן אַ מוראדיקע היץ; קיין שום ווינטל האָט פון ערגעץ נישט געבלאָזן אָפּצופרישן אַביסל די מידע און מאַטע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אינדרויסן זיך אַביסל מחיה צו זיין מיט אַ קאַלטן שלוק, אָדער סתם אַזוי זיך אַביסל דורכצוגיין אין גאַס, איידער מ'גייט זיך לייגן אין די בעטן; ס'איז שוין געווען אַ שפּעטע אָוונט-שעה, און דאָך איז די גאַס פול געווען מיט מענטשן.

האָבן מיר — אַ קליינע גרופּע גוטע-ברידער זיך געזעצט אַרום אַ טישל, אויף דער גאַס, פאַר אַ באַקאַנטן קאַפע-הויז און מיר האָבן געשלונגען אַ געטראַנק, וואָס איז געווען ספק-קאַלט ספק-לעבלעך...

דער שמועס איז אָנגעגאַנגען צווישן אונדז אַ לאַנגזאַמער און אַ פוילער, אַזוי ווי עס פירן אַ שמועס גאָר נאָענטע פריינד, וואָס נייטיקן זיך סיי-ווי נישט אין קיין ווערטער, ווייל זייער פריינטשאַפט איז שוין אַזאַ טיף-פאַרוואָרצלטע, אַז עס מאַכט שוין אַפילו נישט אויס, ווען מען שווייגט אין זייער געזעלשאַפט.

אַזוי האָט זיך דער שמועס געשלעפּט, ביז מיר זענען מיטאַמאָל און אָן אַ פאַרוואָס אַרויף אויף דער טעמע: שקר און אמת; דער אמת, האָט מען געזאָגט, דאַרף שטיין העכער איבער אַלץ אין דער וועלט, און ליגן-זאָגן איז דער גרעסטער חטא; וועגן דעם ענין איז צווישן אונדז נישט געווען קיין שום חילוקי-דעות; און אָט האָט זיך דערהערט די פּעסטע שטימע פון איין חבר אונדזערן, מיט אַ זיכערקייט אין טאָן:

— און איך זאָג אייך, אַז עס זענען דאָ פאַלן ווען מען מוז זאָגן ליגן, פאַלן ווען דער שקר איז באַרעכטיקט און מ'דאַרף זיך מיט אים באַנוצן.

— דו מיינסט אַוודאי אין פאַל פון אַ חולה מסוכן, ווען מען דאַרף פאַר אים אויסבאַהאַלטן דעם טרויעריקן אמת? — האָט איינער גע־פרעגט.

— ניין, איך מיין דאָ אַ פֿאַל, ווען דער ליגן גיט דעם מענטשן כּוח און מוט צום לעבן, ווען אָן דעם קאָן ער נישט לעבן.

— דערקלער אונדז דיין כּוונה, — האָב איך מיך צו אים גע־ווענדט; אויב דו וועסט אונדז געבן אַ בײַשפּיל, וואָס וועט אונדז אי־בערצייגן, וועלן מיר אפשר מסכּים זיין מיט דיין מיינונג.

— גוט, האָט דער חבר געענטפערט, וועל איך אייך דערציילן וועגן אַזאַ מין ליגן, וואָס איז באַרעכטיקט, אַזאַ מין שקר, וועלכן איך אַליין האָבן אין איינעם אַ פֿאַל געזאָגט — און איך בין גרייט אָט־דעם ליגן צו פֿאַרטיידיקן און באַרעכטיקן פֿאַר יעדן בית־דין אין דער וועלט.

מיר האָבן אויסגעהערט זיין אויסטערלישע מעשה:

— געשען איז עס אין אַ לאַנד הינטערן אייזערנעם פֿאָרהאַנג, אין איינעם פֿון יענע לענדער, ווו דער מענטש לערנט זיך אויס צו רעדן און פֿאַרשטיין גאָר אַ ניי לשון, אַ לשון, וואָס ווערט נישט געלערנט אין קיין שום שפּראַך־שולע; כ׳מיין די שפּראַך פֿון די אויגן; כ׳האָב פֿריִער קיינמאָל נישט געוווּסט, אַז עס איז דאָ אַזאַ מין שפּראַך, אַז דו קאָנסט שטיין פֿאַר אַן עולם מענטשן, און זיי קוקן אויף דיר און דו קוקסט אויף זיי, די ליפּן באַוועגן זיך נישט — נאָר די אויגן רעדן קלאָרע די־בורים; אָט פֿרעגן זיי, אָט פֿאָדערן זיי, אָט פֿאַרלאַנגען זיי און אָט בעטן זיי זיך רחמים מ׳זאָל זיי עפּעס דערציילן, מען זאָל זיי אָנזאָגן עפּעס אַ בשורה... כ׳וועל קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן אַ יונגנמאַן, וואָס כ׳האָב באַגעגנט אין אַ שול; ער איז געשטאַנען און געקוקט אויף מיר און זיין קוק האָט געפֿרעגט: „ווען, ווען וועט קומען די גאולה?״ — כ׳האָב אים גאָרנישט נישט געענטפֿערט, אים מיט מיין בליק נישט געמוטיקט... האָט ער אָנגעהויבן קוקן אויף מיר מיט אַ טענה, מיט אַ כּעס, ווי ער וואָלט פֿון מיר געמאָנט אַן ענטפֿער... כ׳האָב נישט גע־קאָנט אויסהאַלטן זיין מאָנענדיקן בליק און כ׳האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן... אָבער נישט דאָס בין איך אויסן, נישט וועגן לשון פֿון אויגן, וואָס פֿרעגן און מאָנען, האָב איך אייך געוואָלט דערציילן, נאָר טאַקע וועגן אַ פֿראַגע ממש: אַן אַלטער מאַן האָט זיך צו מיר געווענדט מיט אַ שאלה אויף העברעיִש, מיט דער אַלטער אשכּנזישער אויסשפּראַך; אין אַלט־פֿאַרצייטיקן לשון־קודש האָט ער זיך צו מיר געווענדט מיט זיין פֿראַגע, וועלכע ער האָט אַרויסגעבראַכט פֿון זיין מויל, אַזוי ווי ער וואָלט אַרויסגענומען אַן אַלטן, טייערן בגד פֿון אַ קאַסטן, ווו דער בגד איז יאָרנלאַנג געלעגן פֿאַרבאַהאַלטן.

געווען איז עס אין אַ יום־טוב טאָג אין אַ שול; כ׳געדענק שוין נישט וואָס פֿאַראַ יום־טוב עס איז געווען און ס׳איז אויך נישט וויכ־טיק פֿאַרן ענין, ווייל יעדער ייִדישער יום־טוב אין יענע לענדער איז נישט מער ווי אַן אויסרייד, אַ תירוץ זיך צו קאָנען צוזאַמענטרעפֿן מיט אַנדערע ייִדן, זיך געפֿינען צווישן ייִדן ברידער און האָבן כאָטש אַ חיי־שעה, אַ קורצע ווײַלע כאָטש האָבן דעם געפֿיל אַז מען איז צווישן אחינו בני ישראל.

פֿאַראַן אַ סך אַזעלכע ייִדן, וואָס האָבן אַפֿילו נישט די מינדסטע אַנונג וועגן דעם יום־טוב, אָבער דאָך איז די שול דער איינציקער טרעף־פּונקט ווו מ׳קען זיך זען מיט אַנדערע ייִדן; אַזוי, איז עס אין די לענדער, ווו עס עקזיסטירט נישט קיין ייִדישער פֿאַראיין, קיין קלוב, קיין ייִדישע שולע, קיין זאַל, ווו מען זאָל זיך קענען צוזאַמענטרעפֿן צו הערן אַ ייִדיש וואָרט — גאָרנישט.

די שול איז געווען איבערגעפּאַקט און איך, דער גאַסט פֿון ישראל, בין געשטאַנען אויפֿן באַלעמער, לעבן אָרון־קודש און איך האָב גוט געקאָנט אָבסערווירן דעם גאַנצן עולם. יענעם אָוונט האָב איך גע־פֿירט אַ סך אויגן־שמועסן... מײַנע אויגן האָבן זיך אַדורכגערעדט מיט יונגע און מיט אַלטע ייִדישע אויגן — זייערע בליקן פֿרעגן און מײַן בליק ענטפֿערט מיט אַ שמייכל, מיט אַ רמז און עס האָט זיך געפֿונען דער קעגנזײַטיקער פֿאָדעם פֿון זיי צו מיר און פֿון מיר צו זיי... מיר האָבן געפֿילט אַז מיר זענען איינס און אונדזערע הערצער זענען איינס ווי מיר וואָלטן זיך ערשט נעכטן געהאַט צעשיידט, און נישט ווי צענ־דליקער יאָרן וואָלטן אונדז אָפּגעטיילט און צעשיידט...

די גאַנצע צײַט האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט איין בליק — אַ פֿרעגנ־דיקער, אַ בעטנדיקער, אַ בליק פֿון אַן אַלטן מאַן, וועלכער איז גע־שטאַנען העט אין יענעם עק פֿון דער שול; זײַן בליק האָט מיך נישט צורו־געלאָזט אויף קיין איין רגע אַפֿילו נישט; ווען כ׳האָב אויפֿגע־הויבן די אויגן פֿון סידור האָב איך מיך אָנגעטראָפֿן אין זײַן בליק; קיין סידור האָט דער אַלטער נישט געהאַלטן, אַזוי ווי אַ סך פֿון די ייִדן האָבן קיין סידורים אין די הענט נישט געהאַט.

נאָכן דאַווענען האָב איך געזען ווי דער זקן שטופּט זיך דורך צווישן עולם, ווי ער מאַכט זיך אַ וועג צו מיר מיט אַלע כוחות; ער האָט אויסגעזען ווי אַ קליין, שוואַך שיפֿל, וואָס שלאָגט זיך דורך אַ וועג צווישן ברויזנדיקע הויכע כוואַליעס; ער איז געגאַנגען פֿאָראויס

אָבער דער המון האָט אים געשטופּט אויף צוריק — ביז ער איז סוף־סוף אין אַנגסטן, אַ באַגאָסענער מיט שוויים דאָך צוגעקומען צו מיר; מיט אַ צעפּלאָמטן פּנים, מיט אַ ציטערדיקן קול און מיט אַ צאַפּלדיקן גוף האָט ער אָנגעהויבן צו מיר רעדן:

— רוצה אני לשאלך — האָט ער גערעדט העברעיִש מיט דער אשכנזישער הברה — כ׳וויל דיך עפּעס פרעגן"; און די ווערטער זע־נען אַרויס פון זיין מויל מיט אַזאַ אַמאָליקן, אַלטן קלאַנג, ווי זשאַווער וואָלט פון זיי געטריפט...

— בבקשה, שאל־נא — האָב איך אים געענטפערט מיט פרייד און כ׳בין געווען זיכער, אַז ער וועט מיך מסתמא פרעגן אויף אַ זון אין ישראל, אויף אַ ברודער אָדער שוועסטער, דאָס זענען דאָך די באַקאַנ־טע פראַגעס, וואָס יידן פרעגן אַ ישראל־גאַסט אין די דאָזיקע לענדער; דאָס זענען דאָך די פראַגעס פון די יידן וועלכע זענען מיט אַזאַ אכזריות אָפּגעריסן און צעשיידט געוואָרן פון זייערע נאָענטסטע קרובים און פריינט, אָבער דאָס מאָל איז די פראַגע געווען גאָר אַן אויסטערלישע:

— אולי שמעת, אפשר האָט איר געהערט אין ארץ־ישראל זינגען אָט־די דאָזיקע מעלאָדיע?

און אינמיטן פון דעם טומל און גערויש פון דעם טויזנט־קעפּיקן עולם אַרום מיר, האָב איך געהערט זיין ציטערדיקע, צאַפּלדיקע שטי־מע — אַ מעלאָדיע און ווערטער פון אַ מאַרש־ליד... די ווערטער זענען געווען:

„הוי, ארץ מולדת"...

אוי, פאָטערלאַנד... אַ ליד אין סטיל פון די אַמאָליקע משוררים, פון דער השכלה־תקופה.

— איך האָב געשאַפן די מוזיק, די מעלאָדיע צו דעם ליד און מיט אַ סך יאָרן צוריק האָב איך די נאָטן אַוועקגעשיקט קיין ארץ־ישראל! זינגט מען דאָרטן מיין מעלאָדיע? מאַרשירט די ישראל־יוגנט, די שלאַנקע צעדערביימער אונטער די קלאַנגען פון מיין מעלאָדיע? דאָס איז דאָך אַ מאַרש, אַ פּרעכטיקער מאַרש! מאַרשירן די שיינע, שלאַנ־קע ישראל־בחורים אונטער די קלאַנגען פון דעם מאַרש? זאָג מיר דעם אמת!

און ער האָט ווייטער געזונגען מיט זיין אַלטער, ציטערנדיקער שטימע און די אויגן האָבן געקוקט אויף מיר מיט אַזויפיל גלויבן, דערוואַרטונג...

זיין בליק איז געווען געשפּאַנט צו מיין בליק און מיט אַזויפיל האָפענונג האָט ער געוואַרט אויף מיין ענטפער, אַז כ׳האָב דערקענט, וויפל נעכט ער האָט געטראַכט און געטרוימט וועגן זיינע מעלאָדישע קלאַנגען וואָס זיינען געזונגען דורך אונדזערע בחורים און מיידלעך אין דעם לאַנד, צו וועלכן ער האָט געלעכצט און געגאַרט, אָבער צו וועלכן ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט דערגרייכן...

כ׳האָב שוין געוווּסט, וואָס פאַר אַן ענטפער איך דאַרף אים געבן...

— אַוודאי, האָב איך אים געענטפערט מיט אַ זיכערקייט אין טאָן, די מעלאָדיע איז ביי אונדז אין ישראל זייער באַקאַנט, זייער פּאָ־פּולער, אונטער די קלאַנגען שפּאַנט אונדזער יוגנט איבער די וועגן פון ישראל, אונדזערע „צופים" — סקויטן, מאַרשירן מיט דער מוזיק צו זייערע לאַגערן און די קלאַנגען באַגלייטן אונדזערע סאָלדאַטן פון דער „צבא הגנה לישראל" ביים פּאַראַד פון יום־העצמאות.

דעם זקנס אויגן האָבן אויפגעלויכטן און טרערן האָבן געגליט אין זיי, טרערן זענען געפלאָסן איבער די קנייטשן פון זיין אַלטן פּנים.

— תודה, תודה רבה — האָט ער געמורמלט אַ פּאָר מאָל אין דער אשכנזישער הברה און ער איז פאַרשוווּנדן אין דער מאַסע און מער האָבן איך אים נישט געזען.—

**
*

די דערציילונג איז פאַרענדיקט. דער חבר איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַלע האָבן מיר געשוויגן. דער דערציילער האָט שוין אַפילו נישט גע־וואַרט אויף אונדזער הסכמה, אַז ער איז געווען באַרעכטיקט צו האַנד־לען אַזוי ווי ער האָט געהאַנדלט, צו זאָגן דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, כדי נישט צו צעשטערן די וועלט פון האָפענונגען און אילוזיעס ביי דעם זקן.

מיר האָבן שטיל געזופּט די משקה פון די גלעזער און כ׳האָב דערפילט ווי די קלאַנגען פון דער ווייטער מעלאָדיע הילכן־אָפּ אין מיינע אויערן אין ריטעם פון אַ מיליטערישן אָרקעסטער און ווי דער זקן וואָלט באַגלייט דעם אָרקעסטער מיט זיין ציטערדיקן קול:

„הוי ארץ מולדת — ארץ נחמדת!״.

— אוי, פּאַטערלאַנד!

און ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע רוישיקע תל־אביבער גאַס, אַז די טויזנטער מענטשן באַוועגן זיך אונטערן ריטם און קלאַנג פון אָט־דער ווייטער, פאַרגעסענער מעלאָדיע.

ייִדיש: זלמן הירשפעלד

אויסגעהאַלטן עקזאַמען

ער איז געשטאַנען ביים טיש און געבלעטערט אין די העפטן; ער איז — ווייזט אויס — געווען עמאָציאָנירט... דאָס איז קענטיק געווען אויף זיין פּנים, אין זיינע הענט, וועלכע האָבן לייכט געציטערט און אין זיין גאַנצן וועזן. דאָס מאָל איז — גאָרנישט ווי דער שטייגער ביי עקזאַמענעס — גראָד דער עקזאַמינאַטאָר געווען נערוועז, אויפגע־רעגט, גראָד האָט דער עקזאַמינאַטאָר געציטערט, טאָמער וועט ער מיט זיינע שאלות שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט דעם עקזאַמינירטן, טאָ־מער וועט דער עקזאַמינירטער חלילה געשטרויכלט ווערן ביים ענט־פערן אויף זיינע פראַגעס; זי, דאַקעגן, דאָס עקזאַמינירטע מיידל, איז געווען רויק און זיכער; מיט דער אייגנאַרטיקער פּשטות פון אונדזערע ישראל-קינדער האָט זי אים געהאַלטן אין איין דערלאַנגען איין העפט נאָכן אַנדערן, — זי האָט אים אַלץ דערקלערט און אָפּגעענטפערט אויף אַלע זיינע פראַגעס און קשיות.

עס איז איר פאָרגעקומען מאָדנע און אויסטערליש דער גאַנצער ענין און גאָר משונהדיק האָט אויסגעזען אין אירע אויגן די געשטאַלט פון אָט דעם לערער, דעם גאַסט, וואָס איז געקומען צו זיי אין שטוב אַריין און האָט זיך געווענדט צו איר, צו דער תלמידה, און זי געבעטן זי זאָל אים ווייזן אירע שול-העפטן...

מאָדנע! וואָס פאַראַ אינטערעס קאָן האָבן אַ גאַסט, וואָס איז גע־קומען אויף אַ קורצן באַזוך קיין ישראל, צו זען אירע העפטן, מיט אירע „שמירערייען"?.

זי האָט עס גאָרנישט געקאָנט באַגרייפן, ווי וויכטיק עס איז פאַר אים, דעם לערער פון גלות, צו נעמען עקזאַמען ביי אַ ישראלדיקער תלמידה...

האָט זי דען געקאָנט וויסן, אַז צענדליקער יאָרן פון זיין לעבן האָט ער אָפּגעאַרבעט מיט יידישע קינדער פון ווייטן גלות-לאַנד?... נעכט אָפּגעזעסן איבער דיקע שטויסן שול-העפטן, און דער רויטער בליי־שטיפט אין זיין האַנט האָט געמעקט און געשטראָכן, געצייכנט און

קאַרעגירט; און פון וואַנען זאָל זי וויסן, וויפל ער האָט געבענקט און געגאַרט אויף דעם איצטיקן מאָמענט, ווען ער שטייט דאָ און נעמט זי אויף עקזאַמען, כדי גרינטלעך צו דערקענען די לימודים- און קענ-טענישן-ניוואָ פון די ישראלדיקע קינדער?

דאָס מיידל האָט אים דערלאַנגט איינעם נאָכן אַנדערן אירע העפ-טן, באַשריבענע מיט אַ נישט-זיכערער האַנטשריפט, מיט אויסגע-ציקלטע אותיות, ווי נאָכגעמאַכט דעם כתב פון דערוואַקסענע — און מיט אַ צברישן פּליסיקן דיבור, וועלכן זיין אויער, אַ געוווינטער צום ליטעראַרישן מליצהדיקן העברעיִש פון די ספרים, האָט מיט שוועריג-קייט און אָנשטרענגונג קוים באַנומען, האָט זי אים געהאַלטן אין איין דערקלערן:

— דאָס איז דער העפט פון אַלגעברע, דאָס איז פון געאָמעטריע און דאָס — פון פיזיק, און דאָס איז...

און דאַן האָט דער לערער פון גלות איר געשטעלט אַ פראַגע, מיט ציטערניש און אומזיכערקייט. ווי איינער וואָס שטעלט איין אויף אַ קאַרט אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט:

— נו, און וואָס ווייסטו וועגן מענדעלען? וואָס האָסטו געלייענט פון אים?

דאָ האָט דאָס מיידל אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור מיט דער פּשטות און אומיטלבאַרקייט, וועלכע זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער ישראל-קינדער. עס איז קענטיק געווען פון אירע רייד, אַז דער מאַטעריאַל איז איר נאָענט און אייגן, און אַז זי האָט מיט חשק און אינטערעס געלייענט מענדעלעס ספר „הקבצנים" און „בימים ההם".

דער לערער פון גלות איז געשטאַנען און געשטוינט, ווי אַ גרויסער נס וואָלט זיך דאָ פאַר זיינע אויגן אַנטפּלעקט און ווען דאָס מיידל האָט פאַרמאַכט אירע העפטן און זי האָט שנעל אַוועקגעאיילט אין איר „תנועה", צו אירע חברטעס, צום שפּרודלדיקן הורה-האָ פון אונדזערע קינדער, וואָס לויפן און האַווען אַרום גאַנצענע טעג פון זייער שטור-מיש לעבן, אין דער לערער אויך אַרויס פון איר צימער און האָט אָנגע-הויבן רעדן צו אונדז מיט דער שנעלקייט און פּליסיקייט, ווי דאָס מיידל האָט גערעדט, גלייך ווי ער וואָלט זיך פון איר אָפּגעלערנט רעדן...

דאָס איז געווען אַ פאַרטיידיקונגס-רעדע לטובת אונדזערע קינ-דער און גלייכצייטיק איז עס געווען אַ באַשולדיקונגס-רעדע לגבי די,

וועלכע האָבן פאַרשפּרייט רכילות און געריעדט לשון-הרע אויף אונ-דזערע ישראל-קינדער.

ער האָט געצאָרנט אויף די בייזע רייד, וואָס זענען דערגאַנגען ביז די ברעגעס פון יענער זייט ים, טויזנטער מיילן ווייט פון דאַנען, רייד ווי שוואַרצע ראָבן וועגן דער אויבערפלעכלעכקייט, וועגן דער חוצפּהדיקייט פון אונדזערע קינדער, וועגן זייער אויסגעלייִדיקטקייט און אָפּגעריסנקייט פון ייִדישקייט...

פון ווען אָן ער איז אין לאַנד אַריין געקומען, האָט ער געזוכט אויסצוגעפינען און זיך איבערצוצייגן וויפל אמת עס איז פאַראַן אין די אַלע רייד... אָט אַזוי גייט ער אַרום וואַכנלאַנג איבער שולעס און קינדער-גערטנער, שטעלט אָפּ קינדער אין גאַס, פאַרפירט מיט זיי שמועסן, אָבסערווירט זיי בשעת זייערע שפּילערייען, הערט זיך צו צו זייערע רייד, צו זייער לשון, צו זייער אופן פון רעאַגירן, צו זייערע פראַגעס און ענטפערס.

ער האָט זיך נישט געוואָלט בשום-אופן באַטייליקן אין קיין שום אָרגאַניזירטע עקסקורסיעס און ער האָט נישט געוואָלט מען זאָל אים ווייזן דאָס, וואָס מען ווייזט אַלע טוריסטן.

איינער אַליין פלעגט ער אַרומגיין און זיין אויער איז כסדר געווען אָנגעשפּיצט צו הערן און אויפנעמען.

איצט, ווען זיין באַזוך אין לאַנד ענדיקט זיך שוין, האָט ער פאַר אונדז רעזומירט זיינע איינדרוקן:

אַ מעשה מיט אַ ירושלימער ייִנגל, צו וועלכן ער איז צוגעגאַנגען אַ פרעג טאָן, ווו עס איז די און די גאַס — און דאָס ייִנגל האָט פאַר-לאָזן זיינע שפּילערייען מיט די חברים און געגאַנגען מיט אים כדי אים צו ווייזן דעם וועג.

אַ מעשה מיט קינדערלעך פון גן-ילדים, וועלכע האָבן אים באַ-וואָרפן מיט שאלות און פראַגעס, קלוגע און לאָגישע, ווי אַזוי און ווי אַרום און מיט וועלכן וועג זענען די געסט אַהערצו געקומען פון יענער זייט ים.

אַ מעשה וועגן קיבוץ-קינדער, וועלכע האָבן זיך אים געשטעלט צו דיספּאָזיציע, גרייט אים צו העלפן אין אַלץ וואָס ער באַדאַרף; און נאָך מעשיות און פאַקטן, וואָס באַווייזן, אויף וויפל עס קלאַפּט אין די קינ-דערישע הערצלעך דער פאַרלאַנג צו וויסן, ווימן וואָס מער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט אָט דער לערער פון גלות זיך אומ-

קערן צוריק אין זיין באַשיידענער דירה, דאָרטן מעבר לים; דאָרטן, אויף די ווענט פון זיין צימערל הענגען די בילדער פון ליליען און די מזרח-וואַנט איז באַצירט מיט די אויסגעשטריקטע ווערטער אויף אַ גאַבעלינדל: **אם אשכחך ירושלים...**

איצט וועט ער שוין אַוודאי און אַוודאי ירושלים נישט פאַרגעסן, און ווען ער וועט ווידער זיצן געבויגן איבער העפטן פון זיינע תלמי־דים און וועט מיט אַ רויטן בליישטיפט אונטערשטרייכן זייערע פע־לערן, וועלן פאַר זיינע אויגן שוועבן די העפטן פון די ישראלדיקע קינדער און זיי וועלן אים דערמוטיקן ער זאָל עולה זיין קיין ישראל וואָס פריִער, נאָך איידער ער ווערט פענסיאָנירט.

דער עקזאַמען, דער פרווו, פאַר וועלכן ער האָט געשטעלט די ישראל-קינדער איז געווען אַ געלונגענער, אַ הצלחהדיקער!

און דאַכט זיך אויס, אַז ער וועט איצט נעמען דעם רויטן בליי־שטיפט אין האַנט אַריין און ער וועט לויט זיין געוווינהייט און רוטין אָנשרייבן אין זיין פאַנטאַזיע, מיט קלאָרע און בולטע אותיות די קלאַ־סיפיקאַציע, וואָס ער האָט געשטעלט אונדזערע ישראל-קינדער: — **מצוין! אויסגעצייכנט!**

יִדיש: זלמן הירשפעלד

טויבן

זיי זענען זיך צעפלויגן פון די קאָטשן ווי אַ טשאַטע ווייסע טויבן צעפליִען זיך פון טויבנשלאַק; די ווייסע פאַרטעכער זייערע, וואָס זענען איינגעפירט אין אַלע שולן פון דער אַרגענטינער רעפובליק, כדי צו פאַרדעקן די דיפערענצן צווישן אָרעם און רייך, האָבן געבלענדט מיט זייער ווייסקייט און שלייפעלעך זענען געווען אויסגעבונדן אַרום די העלדזלעך פון די פיצעלעך פון קינדערגאָרטן.

אַזוי קומען זיי טאָג-איין, טאָג-אויס טורנעסווייז אין די ייִדישע שולן אַריין, צו לערנען „ייִדישקייט"; „גוט-מאָרגן, לערערקע!" זאָגן זיי מיט זייער אייגנאַרטיקן שפּאַנישן דיאַלעקט, „שלום מורה" — חזרן זיי איבער אין העברעיִש; זיי טראָגן זייער גורל, דעם גורל פון אַ ייִדיש קינד אין גלות. מיט שטאָלץ און מוט; אָט די ייִדישע קינדער, אויסער די פון קינדער-גאָרטן, זיצן-אָפּ דעם ערשטן האַלבן טאָג, אַ גאַנצן פרימאָרגן אין די שפּאַנישע שולן, וווּ זיי לערנען צוזאַמען מיט זייערע קלאַס-חברים די געשיכטע פון דעם אַרגענטינער פאָלק און פון דער אַרגענטינער ערד, אויף וועלכער זיי זענען געבוירן געוואָרן; זיי לערנען רעכענען, געאָגראַפיע און אַנדערע אַלגעמיינע לימודים, און אין דער צייט, ווען די אַנדערע, נישט ייִדישע תלמידים פון דער שפּאַנישער שול פאַרברענגען זייער פרייע צייט אין שפּילערייען און ספּאָרט — לאָזן זיי זיך אין וועג אַריין צו זייער פאָלק... און די נסיעה איז גאָרנישט קיין גרינגע; פאַראַן קינדער, וואָס פאָרן אין די „קאָטשן" אַ שעה צייט ביז זיי קומען אָן צו דעם בנין, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן דורך די געטרייע שול-עסקנים מיט ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט, בלב ונפש; און אַז זיי קומען שוין אָן אין שול אַריין, קומט זיי אויך נישט אָן אַזוי לייכט. זיי באַגעגענען זיך מיט זייער פאָלק אין צוויי שפּראַכן: ייִדיש און העברעיִש, צוויי צוגאָב-שפּראַכן צו שפּאַניש, וועלכע איז זייער מוטער-שפּראַך און די שפּראַך פון דער גאַס; דריי שעה זיצן זיי אויף דער שול-באַנק און זיי שטרענגען זיך אָן צו באַנעמען און באַגרייפן די שורות, געשריבענע אין פרעמדע אותיות און שפּראַכן צו

אַבסאָרבירן קלאַנגען, וועלכע זיי הערן כמעט נישט אין זייערע היימען. זיי לערנען פון פאַרעלטערטע לערנביכער, וואָס שטאַמען פון אַנדערע גלות-לענדער, זיי לייענען וועגן „אורחים פון דמשק, וואָס קומען אָן צו דער הילולא פון ר׳ שמעון בן יוחאי אין מירון״... זיי לייענען זאַכן געשריבענע אין אַ שווערן סטיל און זייער אינהאַלט איז אַזוי ווייט פון זייער לעבנסשטייגער, אָבער זיי לייענען דאָס אַלץ מיט חשק, מיט פייער און ברען און ביסלעכווייז הייבן אָן די צוויי שפּראַכן אַריינצו־דרינגען אין זייערע מוחות און דער עיקר אין זייערע הערצער — און זיי לערנען זיך אויס ליב צו האָבן די יידישע שול, וואָס רויבט צו ביי זיי די פרייע שעהן, די שעהן פון שפּילערייען און שטיפן. נישט איינ־מאָל האָבן מיר עלטערן דערציילט, מיט וואָס פאַר אַ פרייד און ליב־שאַפט זייערע קינדער איילן אין דער יידישער שול אַריין און ווי צוגע־בונדן זיי זענען צו איר; פעלן אַ טאָג אין דער יידישער שול איז פאַר זיי די גרעסטע שטראָף; און עס זענען נאָך פאַראַן יוגנטלעכע וואָס זייער לערן-טאָג דערגייט ביז עלף שעה און נאָך מערער, ווייל אין אָוונט באַזוכן זיי דעם לערער-סעמינאַר, וווּ זיי פאַרפולקאָמען און באַ־רייכערן זייערע ידיעות אין „יידישקייט״.

ווער עס באַטראַכט אָט-די דערשיינונג, בלייבט אַ דערשטוינטער אַנטקעגן דעם גרויסן וווּנדער: אין אַ לאַנד ווו מען פילט נישט קיין אַנטיסעמיטיזם און יידישע קינדער קענען זיך פראַנק און פריי שפּילן און פאַרברענגען מיט זייערע חברים אומגעשטערט — פון וואַנען נעמט זיך דאָ צו די יידישע קינדער אַזאַ אינטערעס, פון וואַנען קומט דער כוח, וואָס שטויסט זיי צו די קוואַלן פון זייער פאָלק, צו דער געשיכטע פון זיין פאַרגאַנגענהייט און צו דער ווירקלעכקייט פון זיין היינט?

נישט תמיד איז עס די שטרעבונג, וואָס גייט איבער בירושה פון עלטערן צו קינדער; אָפטמאָל שטויסטו זיך אָן אין אַ פאַקט, אַז מיר האָבן אַדורכגעלאָזט, איבערגעהיפּט אַ גאַנצן דור: דו זעסט מאַמעס, יונגע עלטערן, ביי וועלכע יידיש-לשון און העברעיש אוודאי און אוודאי זענען לגמרי פרעמד און פון „יידישקייט״ איז ביי זיי קוים עפּעס גע־בליבן, אָבער זייערע קינדער האָבן זיך אומגעקערט צו אונדז מיט לייב און לעבן — און אפשר האָבן זיי זיך אומגעקערט צו אונדז דערפאַר, ווייל די זיידעס און באָבעס שטייען אויף דער וואַך! דו זעסט זיי שטיין ביי די טויערן פון דער יידישער שול, זיי וואַרטן מיט צערטלעכקייט

אַפּ זייערע אייניקלעך; זיי האָבן פאַרנאַכלעסיקט זייערע קינדער, אויף זייערע נשמות האָבן זיי נישט באַוויזן איינצופלאַנצן אַביסל „ייִדיש־קייט". זיי אויסצולערנען כאָטש „מאַמע־לשון", לייגן זיי איצט אַריין זייער גאַנצן אייפער און פליים אָפּצוראַטעווען זייערע אייניקלעך און זיי צוריקברענגען צו זייער פאָלק; דער זיידע און די באָבע, וואָס שטאַמען פון פוילן צי פון ליטע, זיי האָבן מיט זיך געבראַכט די אייביקע ווערטן פון זייער פאָלק אין די פליינען פון דער פאַמפּאַ און ביז די אַנדן־בערג, און זייערע פנימער שטראַלן איצט מיט פרייד, ווען זיי הערן אין די מיילער פון זייערע אייניקלעך די אַלט־ייִדישע לידלעך אָדער די נייע ישׂראל־געזאַנגען: די העברעיִשע שירים ובפרט אין דער פּתחדיקער, פרעמדער פאַר זיי ספרדישער אויסשפּראַך, פאַרשטייען זיי כמעט נישט, אָבער זיי פילן, אַז דאָס געזאַנג דערנענטערט די אייניקלעך צו זייער פאָלק און צו דעם לאַנד, וועגן וועלכן זיי האָבן תמיד געחלומט.

זיי טאַקע, די באָבע־זיידע, באַטאַנען באַזונדערס דעם עכט־ייִדישן נאָמען פון קינד, דווקא רייזעלע און דווקא שׂרה־רבקה און אברהמעלע, כּדי די קינדערלעך זאָלן קענען און געדענקען זייער ייִדישן נאָמען און אויף זייערע יונגע פּלייצעס זאָלן זיי טראָגן דעם עול פון ייִדישקייט מיט ליבשאַפט און כּבוד; זיי זאָלן דעם ייִדישן עול טראָגן אויף דעם לאַנגן שווערן וועג, וואָס פירט פון דער ייִדישער שול אין גלות ביז מפּלסים אין נגבֿ.

ייִדיש: זלמן הירשפעלד

קיבוץ־גלויות

דער קלאַנג פון דער שפּראַך, וואָס זיי האָבן גערעדט צווישן זיך איז געווען פרעמד פאַר מיינע אויערן, נאָר ווען כ'האָב געזען, אַז דאָס יינגל לייענט דעם „דבר השבוע", האָב איך זיך צו אים געווענדט אויף עברית און כ'האָב אים געפרעגט אין וועלכער שפּראַך ער רעדט מיט זיין טאַטן.

— פּאָרטוגעזיש — האָט ער מיר געענטפערט.

— אויב אַזוי — האָב איך אים געזאָגט, וועט מיר זיין שווער צו רעדן מיט דיין טאַטן...

כ'האָב נאָך נישט באַוויזן אַרויסצורעדן מיינע ווערטער, האָט זיך דער פאָטער געווענדט צו מיר מיט אַ שמייכל:

— נו, און יידיש פאַרשטייט איר נישט?

— אַוודאי פאַרשטיי איך... אָבער..

פונוואַנען קומט יידיש צו אַ פּאָרטוגעזי — האָב איך אַ קלער־געטאָן

ווי ער וואָלט געלייענט מיינע געדאַנקען האָט ער מיר תיכף אָנ־געהויבן צו דערציילן

— איך, דאַרפט איר וויסן זיין, בין אַ גאַליציאַנער פון בראַזיל, אַזעלכע באַשעפעניש זענען אויך פאַראַן כ'בין געקומען אַהערצו אויף אַ באַזוך איר זעט, דאָס איז מיין זון, ער הייסט חיים — אַ נאָמען נאָך חייב ארלאָזאָראָוו ז"ל; ער איז שוין ביי מיר אַ גאַנצער צברא; ער איז שוין אַ יאָר צייט דאָ אין ישראל. איצט איז ער אָנגענומען געוואָרן אין אַ ים־שולע. אויב איר מיינט, אַז די מאַמע זיינע איז דערויף מסכים געווען, האָט איר אַ טעות. האָט איר דער בחורעץ אַוועקגעשריבן אַ בריוו: — אויב דו לאָזסט מיך נישט גיין אין קיין ים־שולע, וועל איך אַוועק אין דער אַוויאַציע. איז די מאַמע, פאַרשטייט זיך, שוין איינ־געגאַנגען: זאָל ער שוין ליבערשט שווימען אויפן ים, איידער שוועבן אין דער לופטן. זאָל שוין וואַסער, אַבי ער זאָל עפּעס האָבן אונטער די פיס... מען דיסקוטירט דאָך איצט אין אונדזער וועלטל וועגן „סטאַ־

טוס" פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע... און איך זאָג אייך: — איר זעט, אָט דער בחור איז מיין „סטאַטוס", — האָט ער מיט שטאָלץ אָנגעוויזן אויפן זון; מיין ווייב איז אויך קיינמאָל קיין ציוניסטקע נישט געווען. איך פלעג זי טאַקע אָפט אַריינציִען אין פאַרשיידענע אַקציעס, אָבער איר הארץ איז געווען וייט פון ארץ־ישראל, און איר האָט גע־דאַרפט זען, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דעם יאָר, וואָס מיין זון איז אין ארץ־ישראל. וואָס שייך? מ׳דאַרף געלט פאַר דער הגנה? פאַר דער פאַרטיידיקונג און זיכערקייט פון לאַנד — איז זי צווישן די סאַמע ערשטע, אַקטיווסטע זאַמלערינס — די זיכערקייט האָט דאָך אַ שייכות צו איר זון; מ׳דאַרף געלט פאַר געזונטהייט־פאָנדן — לויפט זי שוין אַרום זאַמלען; איר זון קען דאָך חלילה קראַנק ווערן... ווען איר ווייסט, וויפל טייען כ׳האָב במשך פון דעם יאָר אויסגעטרונקען מיט אַלערליי ווייבער פון „הדסה" און „וויצאָ", וואָלט איר זיך גע־וואונדערט, וואָס כ׳בין אַליין נישט געוואָרן אַ טשייניק טיי. איר מיינט אפשר, אַז זי וועט נאָך לאַנג בלייבן אין גלות בראַזיל? דאָס חיות גייט דאָך איר ממש אויס נאָכן זון. ער האַלט אין איין טענהען: — איך ריר מיך נישט פונדאַנען, קומט אַהער צו מיר. און מיר וועלן קומען, נאָך אַ מין קומען!

ער האָט אָפּגעהאַקט זיינע זאַפּטיקע, הומאָרפולע רייד און האָט מיט ליבשאַפט געקוקט אויף זיין זון. די אַמעריקאַנער דאַמע, וואָס איז געזעסן לעבן שאָפער, האָט זיך אויך אַריינגעמישט אין געשפּרעך; נאָך אין דער אויטאָבוסן־סטאַציע האָט זי געהאַט פּרעטענזיעס: די וואַליזעס זענען נישט געהעריק אויסגעלייגט, מען באַגייט זיך נישט העפלעך מיט איר...

— דאָ אין איזראַעל — האָט זי געטענהט אין איר אַמעריקאַנער יידיש — וויל מען נאָר אונדזערע דאָלאַרס, אָבער אונדז וויל מען נישט. מען נעמט אונדז נישט אויף ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, נאָר „מאָני" גיב זיי.

— וואָס נעמט נישט אויף, ווער נעמט נישט אויף? — האָט דער ייִד זיך אויפגערעגט — אַז איר מאַכט אַ יום־טוב ביי זיך אין שטוב, וועמען נעמט איר אויף מיט מער אויפמערקזאַמקייט, אַ ברודער, אַ שוועסטער צי פרעמדע געסט? מיר זענען דאָך דאָ ביי זיך אין דער היים; וואָס האָט איר געוואָלט, אַז דער פרעמיער־מיניסטער אַליין זאָל אייך קומען קיין לוד מקבל פנים זיין? מילא, אַז עס קומט אַהער איי־נער, וואָס איז קיינמאָל קיין ציוניסט נישט געווען, ביטע שיין, דאַרף

מען אים מקבל פנים זיין, אים אויפנעמען ווי ס'באַדאַרף צו זיין; אָבער מיר ציוניסטן, מיר זענען דאָך ביי זיך אינדערהיים; און איך זאָג אייך, מיסעם אַמעריקע, אַז מ'קאָן לייזן אַלע ציוניסטישע פּראָבלעמען, וועגן וועלכע מען דיסקוטירט כסדר אויף די קאָנגרעסן, אויפן איינפאַכסטן אופן; זאָל יעדער ייִד אַוועקשיקן זיין זון אָדער טאָכטער קיין ארץ־ישראל, און מער דאַרף מען נישט! די עלטערן וועלן שוין נאָכקומען.

די אַמעריקאַנערן אָבער האָט זיך נישט געקאָנט באַרויִקן. זי האָט געהאַלטן אין איין קריטיקירן די באַדינונג אין האָטעל, די אומפריינדלעכקייט, די טאַקסי־שאָפערן שינדן די הויט, ענגשאַפט און שטופעניש, ווו מען שטייט און גייט.

מען איז פאַרבייגעפאָרן די שטאָט לוד און דער שאָפער האָט אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ, כדי די פּאַסאַזשירן זאָלן קאָנען זיך מחיה זיין מיט אַ פרישן געטראַנק אין דעם הייסן טאָג.

דער ייִד פון בראַזיל איז פאַרשוואונדן, מיר האָבן אויף אים אַ ווײַלע געוואַרט און ערשט ווען דער שאָפער האָט אָנגעהויבן אונטערצוויאָגן די פּאַסאַזשירן, זיי זאָלן וואָס שנעלער אַריינשטייגן אין אויטאָ, האָבן מיר אים דערזען אַרויסגייענדיק פון אַ יאַטקע, אַנטקעגן.

— שטעלט אייך פאָר, אַז כ'האָב דאָ געטראָפן באַקאַנטע! — האָט ער מיט פרייד אויסגערופן. איר זעט — האָט ער זיך געווענדט צו דער אַמעריקאַנערן, אַזוי ווי ער וואָלט איר דערלאַנגט אַ טייערע מתנה — אָט דאָ אין לוד לעבט זיך אַ ייִד נישט מער ווי איין יאָר און ער האָט שוין דאָ אַ שטוב און פרנסה, און איר האָט נאָך טענות צו מדינת־ישראל. ס'האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן בשותפותדיקע באַקאַנטע אין בראַזיל, ווען כ'רעד מיט אים נאָך אַ פּאָר מינוט, וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר זענען אַפילו קרובים אויך, איין משפחה. נו, קענט איר טרעפן אַזעלכע ניסים אין בראַזיל צי אין נאָרד־אַמעריקע? אדרבא, זאָגט איר אַליין.

די אַמעריקאַנערן האָט זיך אַפילו נישט צוגעהערט צו זיינע רייד. איר האַרץ און אירע וואַליזן זענען געווען פאַרשלאָסן, אַנגעפילט און איבערגעלאָדנט מיט טענות און פּרעטענזיעס, וועלכע זי האָט עקספּאָרטירט פונדאַנען ווי די בעסטע סחורה פאַר יענער זייט ים.

— שווער צו דיסקוטירן מיט דעם סאָרט מענטשן — האָט מיר דער ייִד פון בראַזיל איינגערוימט אין אויער. און ר'האָט מיר ווייטער

געהאַלטן אין איין דערציילן מיט חסידישער דביקות וועגן ישראל און אירע מענטשן.

ס'איז געווען אַ מחיה צו הערן זיינע מעשיות וועגן פריינד און חברים אין ישראל, דערציילט מיט אַזאַ אייגנאַרטיקן הומאָר, מיט אַזויפיל אהבת-ישראל; דער ייִד פון בראַזיל איז אויף אַן אויסטערלישן אופן מגולגל געוואָרן פון אַ קליין שטעטל אין בראַזיל אַהערצו און דאָ האָט ער סוף-כל-סוף געפונען דעם וועג צוריק אַהיים צווישן אייגענע ברידער; דעם וועג האָט פאַר אים אויסגעפלאַסטערט זיין זון, דער חלוץ, וואָס איז אַהערגעקומען דער ערשטער פון דער משפחה.

ייִדיש: זלמן הירשפעלד

צו דיר, יידישע באבע!...

דאָס מאָל וועל איך מיינע ווערטער ווידמען צו דיר, יידישע באבע. מען האָט אַ סך באַזונגען די יידישע מאַמע, פאַראַן אַ ליד וועגן איר, טויזנטער פאָרלעך טאַנצן אויף דער גאָרער וועלט ביי די קלאַנגען פון איר מוזיק. אָבער צו דיר, יידישע באבע, האָט נאָך קיינער נישט געזונגען קיין לויב־געזאַנג. צו דיר יידישע באָבע: „אַבועלאַ" — אין שפּאַניש, גראַני — אין ענגליש, באַבושקאַ — אין רוסיש, צו דיר האָט נאָך קיינער נישט אויסגעדריקט וואָס מיר זענען מחויב אויסצודריקן; מיר, די אַלע וואָס ציטערן איבער יעדן יידישן נפש אין די תפוצות און איבער דער יידישער דערציִונג אין גלות.

דו, יידישע באָבע, האָסט געהיט די קויל פון יידישקייט מער ווי אַלע היטער צוזאַמען, און דיינע אויגן, וואָס זענען שוין צומאָל אַביסל טונקל פון אַלטקייט האָבן שאַרף געבליקט אין דער ווייטקייט צו זען אויב די חיה פון אַסימילאַציע, וואָס האָט געפרעסן און פרעסט ביז היינט די קינדער פון אונדזער פאָלק, האָט נישט אָפּגעגזלט אַמאָל דיינע אייניקלעך פון דיין שוים.

דו ביסט פעסט געשטאַנען און געהיט די קויל פון יידישקייט מיט גבורה און גייסטיקן כוח. אָפטמאָל זענען דיינע מיטלען געווען צו אָרעם, אָבער זיי האָבן געהיט די אייניקלעך מער פון אַלע אַנדערע מיטלען צוזאַמען. און לאָמיר עס זאָגן אָפן, אָן אַליין־נאַרעריי: מיט דער גאַנצער פאַרצווייגטער נעץ פון יידישער דערציִונג אין גלות, מיט דער גאַנצער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, מיט אַלע פּרויען־באַוועגונגען, ווייס איך נישט וואָס מיר וואָלטן דערגרייכט, אָן דיר, יידישע באבע. און ווען עס וועט קומען דער טאָג, און דער יידישער היסטאָריקער וועט וועלן רעזומירן דעם פּראָצעס פון אַסימילאַציע אין אונדזער דור, וועט ער, אָן ספק, מוזן באַצייכענען דיינע אויפטוען, באָבעשי, ווי פון איינע וואָס שטייט ווי אַ מויער קעגן אַסימילאַציע, קעגן אַנטיידישונג.

און עס איז נישט וויכטיק מיט וועלכע וועגן דו האָסט געפירט

דיין מלחמה, באָבעשי. זאָל שמייכלען ווער עס וו״ל און זאָל ער זאָגן: „וואָס פאַר אַ האַפט האָט אַ שבת מיט געפּילטע פיש און געבענטשטע ליכט, איין מאָל אין וואָך ווען עס קומען זי אייניקלעך, קעגן דער כוואַליע פון אָפּגעפרעמדקייט וואָס רינגלט אַרום דאָס ייִדישע קינד אין גלות?״ און אפשר וועט אויך עמעצער זאָגן: „וואָס פאַר אַ באַדייט האָט אַ סדר־נאַכט אין דיין הויז, באָבעשי, מיט ארבע כוסות און דעם אליהו־כוס, בשעת די מאַטע, די אָרטיקע נאַציאָנאַלע משקה האָט פאַרכאַפּט דאָס הויז, און די אָרטיקע מנהגים וואָס דרינגען אַריין אַזוי נאַטירלעך אין יעדער ייִדיש הויז״. אָבער מיר וויסן, באָבעשי, אַז דו האָסט „פאַרסמט״ דאָס האַרץ פון דיינע אייניקלעך און אָט דער „סם״ איז פאַר אונדז אַן אַ סוף וויכטיק ווי די פאַרזעצונג פון קיום פון ייִדישן פאָלק אין גלות.

איך האָב דיך געזען, באָבעשי, אומעטום. איך האָב דיך געזען אין מאָסקווע, אין דער איינציקער שיל פון דער גרויסער שטאָט. ביי דיין זייט איז געזעסן אַן אייניקל פון אַ יאָר פינף און דו האָסט אים אין רוסיש געגעבן צו פאַרשטיין וואָס עס קומט פאָר אין שיל. דו האָסט אים גענומען מיט זיך. די עלטערן האָבן יענעם שבת געאַרבעט ווי אין אַלע שבתים און דו האָסט אים געבראַכט אויפן איינזאַמען אינדזל פון רעשטלעך ייִדישקייט, ער זאָל זען, און, בעיקר, ער זאָל זיך לערנען ליב האָבן די קינדער פון זיין פאָלק. און זיצט און דערקלערסט אים, און די רייד דרינגען טיף אַריין אין דער נשמה פון קליינעם צוהערער, אין זיינע אויגן, וואָס באַקוקן וואָס עס טוט זיך אַרום אים הייבן זיך אָן צו פאַראינטערעסירן, און דער עיקר: הייבן אָן ליב צו האָבן וואָס ער זעט אַרום זיך.

איך האָב דיך געזען זיצנדיק מיט יענעם אייניקל איינגעבויגן אי־בער אַן אַלטן סידור און לערנענדיק אים פּיצינקע אותיות. דו האָסט עס געטאָן אין געהיים. טאַטע־מאַמע האָבן נישט געוווּסט דיינע „זינד״, אָבער האָסט אַ בונד פאַרשניטן מיט דיין אייניקל, אַ געהיימען בונד, וואָס דו היטסט אָפּ מיט אַלע שמירות, בכדי די חיה פון אַסימילאַציע פון יענער גרויסער שטאַרקער מדינה, וואָס פּרוּווט אָן הצלחה צו דער־קריגן זיך צו דער וווּנדערבאַרער ייִדישקייט, וואָס לאָזט זיך נישט איינשלונגען, זאָל ח״ו נישט איינשלונגען דיין אייניקל.

איך האָב דיך געזען אין די ברייטקייטן פון דער אַרגענטינער פּאַמפּע, אין די קליינע ישובים מיט געציילטע משפּחות... איך האָב

דיך געזען ווי דו שטייסט ביי דער טיר פון דער יידישער שולע און האַלטסט שמירה; איך האָב דיך געזען קומענדיק מיטן אייניקל אין שולע אַריין, נאָך אַ העפטיקן געראַנגל אַז מען זאָל דאָס קינד שיקן אין דער יידישער שולע, ער זאָל זיין צווישן די צוואַנציק פּראָצענט וואָס באַזוכן יאָ די יידישע שולעס אויף דעם קאָנטינענט, און בעיקר ער זאָל נישט אָפּפאַלן צו-פרי, ער זאָל פאַריעצן גיין אין שולע. אויך דאָ וואַכסטו אויף אים, יידישע באבע, געוווינט אים צו צו דער פושקע פון קרן-קימת אין הויז, דערקלערסט אים איר באַדייט און דעם צוזאַמענבונד וואָס זי שאַפט צווישן אַלע טיילן פון פאָלק, ווי ער זאָל נישט זיין.

מעגלעך אַז דיינע דערקלערונגען זענען נישט צוגעפּאַסט צו די מאָדערנע צייטן, אַז זיי זענען נישט דורכגעזאַפּט מיט אַ סך יידישע ווערטן, אָבער דאָס איז דאָס ביסל וואָס דו פאַרמאָגסט און דאָס זוכסטו צו מאַכן אַריינדרונגען אויף אַלע וועגן אין דיינע אייניקלעך.

האָסט מיט דיינע אויגן געזען ווי דיינע קינדער זענען אויסגעלייִדיקט געוואָרן פון יידישקייט, וואַכסטו מיט גרויס איפער איבער די אייניקלעך, עס זאָל זיי חלילה נישט טרעפן וואָס עס האָט געטראָפן מיט די קינדער. דו דערציילסט דיינע אייניקלעך מעשיות וועגן ישראל וואָס דו האָסט קיינמאָל נישט געזען, און וועגן יידישע העלדן וואָס זענען געבליבן אין דיין זכרון. האָסט אַ געוואַלדיקן כוח און עפּעס אַ גע-היימער געווער וואָס מען קאָן נישט טרעפן אין וואָס ער באַשטייט.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די ווערטער פון אַ פריילין וואָס האָט מיר געזאָגט פּראָסט פּשוט: „איך ווייס, אַז כל-זמן מיין באבע לעבט וועל איך נישט קאָנען חתונה האָבן מיט אַ נישט-יידן". ווייל דאָס אייניקל האָט געוווּסט אַז די באָבעשי האַלט שמירה ווי אַ טרייער שומר, זי היט אַז מען זאָל מל-זיין די אייניקלעך, אַז מען זאָל פייערן בר-מצוה. זי היט אָפּ די ימים-טובים, אויב נישט אין די הייזער פון די קינדער, איז ביי זיך אין הויז. זאָרגט דערפאַר אַז די אייניקלעך זאָלן קומען צו איר, זאָלן זיי עסן לאַטקעס — חנוכה, מצות — פסח, האָמענטאַשן — פורים. זאָל איר דאָס אייניקל זינגען אַ לידל אין יידיש אָדער אין עברית. מעגלעך אַז זי פאַרשטייט אַליין נישט דעם עברית פון איר אייניקל, אָבער זאָל עס קומען, זאָל ביי איר אָפּ-הילכן דאָס קול פון אַ יידיש קינד, וואָס קומט פון דער יידישער שולע, ער וועט עס אין איר הויז טאָן מער ווי אין הויז פון זיינע עלטערן,

ביי איר ווערט אָפּגעהיט די יידישע אויטאָריטעט אין אַלע הינ־זיכטן, און זי, די באָבעשי, מאַכט נישט אַוועק מיט דער האַנט אַפילו קלייניקייטן.

איך געדענק אַ שמועס מיט אַ פרוי וואָס האָט זיך מגייר געווען און חתונה געהאַט פאַר אַ יידן. זי האָט מיר דערציילט וואָס פאַר איר איז געווען די יידישע באָבע. ווי אַזוי זי האָט זיך פריער קעגנגע־שטעלט מיט אַלע כוחות קעגן דער חתונה, אָבער זינט זי האָט געזען אַז עס איז נישטאָ קיין אויסוועג האָט זי אָנגעהויבן איינפלאַנצן איר, דער גרקע, יידישע ווערטן, זי זאָל זיי ליבן האָבן, ווי זי האָט איר גע־לערנט צו זיין אַ יידישע מאַמע, גוט צו די קינדער. ווי אַ לייבין האָט זי געקעמפט פאַר די נשמות פון אירע אייניקלעך און האָט געוווּנען דעם קאַמף. אָבער נישט אַלעמאָל איז זי געווען די זיגערין, אָפטמאָל ווערט זי באַזיגט, לייגט דאָס געווער און גיט אויף דעם געראַנגל, אָבער כ׳רוב האַלט זי זיך מיט ציין און נעגל ביים אייניקל און לאָזט נישט אָפּ.

איך האָב זי געזען וויינען מיט טרערן פון פרייד ביי שיל־פייערונ־גען, נאָכדעם ווי זי האָט אַזוי שווער געאַרבעט פאַר אויסהאַלטן די שולע; איך האָב זי געזען אין „וויצאָ”, ביי די „פּיאָנערינס”. ווו זי האָט געזוכט דורך די קאַנאַלן מאַכן אַריינדרינגען יידישקייט אין האַרץ פון די אייניקלעך.

אומעטום האָב איך זי אָנגעטראָפן: אין קאָרדאָבאַ, אין דער קליי־נער קהילה פון סאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ, אין די מדבר פון יענער סבי־בה און אין די געבענטשטע געביטן פון טוקומאַן, — אומעטום האָב איך זי געזען פאַרשפּרייטן ווייסע טישטעכער און אויסהערן אַ ברכה פון אַן אייניקל: אַ ברכה אויף וויין, אָדער אויף חלה, און די אויגן טרערן פון שמחה...

און זי ווייסט אַז דער וועג איז נאָך ווייט און שווער, אַז זי טאָר נישט לייגן דאָס געווער, אַז זי דאַרף שטיין פעסט ביז איר לעצטן טאָג אין אָפטמאָל פילט זי אַז דער לעצטער טאָג דערנעענטערט זיך, איז זי אומרויִק פאַר דער צוקונפט: ווער וועט זי פאַרטרעטן?... אָבער או־מעטום האָב איך געזען ווי די יידישע באָבע „פאַרסמט” די נשמה פון אירע אייניקלעך מיט יידישקייט, און ווי שטיל און באַשיידן זי טוט עס.

און עס טרעפט אַז עס קומט דער לעצטער טאָג, און דאָס לאַנד זועגן וועלכן זי האָט אַזוי פיל דערציילט אירע אייניקלעך האָט זי נישט

געזען, זי האָט נישט זוכה געווען צו זיין אין ישראל. און עס דוכט זיך אַז זיי, די ייִדישע באָבעס, וואָלטן דווקא געדאַרפט קומען און זען פון דער נאָענט דאָס איינציקע אָרט אין דער וועלט ווו עס לויערט נישט די סכנה קעגן וועלכער זיי האָבן געקעמפט מיט גבורה און זעלבסט־אָפּפער; זיי, די ייִדישע באָבעס וואָס היטן דעם פייער פון ייִדישקייט אין די תפוצות.

ייִדיש: משה שענדעריי

דער היטער פונעם פלאַם

פון יאָר צו יאָר, ערב יום־טוב, בלעטער איך צווישן די אַלטע זייטלעך. אַ סך לוחות ליגן פאַר מיר. איינער אַ יאָר־קאַלענדאַר, באַפּוצט מיט צייכענונגען. אַ צווייטער פול מיט פּסוקים און דברי־חכמה. אַ דריטער מיט אַ וווּנדערבאַרן איינבונד. אָבער מיין האַנט שטרעקט זיך אויס נאָך אַ קליינעם לוח, וועלכן כ׳היט אָפּ אַלע טעג פון יאָר צווישן די זאַכן וואָס זענען מיר אַמליבסטן. דער דאָזיקער לוח איז צוזאַמענגעבונדן מיט ווייסע פעדים און די בלעטער זענען אויסגעשאַרן פון אַ שול־העפט. ער איז געבונדן אין טונקעלן, אָפּגעבליאַקעוועטן פּאַפּיר און ער פאַרמאָגט נישט קיין צייכענונגען אָדער באַפּוצונגען. אָבער איך וועל אים נישט פאַרבייטן אויף דער וווּרטפולסטער זאַך פון דער וועלט און ווען אַפילו כ׳וויים אַז זיין פּלאַץ איז אין פאַלקס־אַרכיוו, וועל איך זיך פון אים נישט שיידן.

יענער וווּנדערבאַרער זקן וואָס האָט מיר געגעבן דעם לוח, געפינט זיך שוין זיכער צווישן די צדיקים פון גן־עדן, ווייל ס׳זענען שוין פאַרגאַנגען עטלעכע יאָר זינט דעם אומפאַרגעסלעכן צוזאַמענטרעף און שוין דעמאָלט איז ער געווען אַ ייִד אין די יאָרן; זיכער זענען שוין זיינע טריט פאַרשווינדן צווישן די ווענט פון דער הייזקע, אָבער דער צוזאַמענטרעף איז פאַרבליבן אין מיין זכרון ווי ער וואָלט געשען נעכטן און כ׳זע זיין געשטאַלט, ווי די יאָרן וואָלטן בכלל נישט פאַרגאַנגען.

איך זע אַ שניי־פאַרדעקטן הויף אין אַ ווייטער אינדוסטריע־שטאָט פון ראַטנפאַרבאַנד, אַ שטאָט אין וועלכער עס ווערן געבויט פילשטאָקיקע הייזער און אַ גאַס ווו ס׳געפינען זיך נאָך קוים־זשיפּענדיקע הילצערנע הייזקעס. און איך גיי אַרום צווישן די כאַטקעס און זוך דעם אַדרעס פון יענעם ייִדן. מען האָט מיר געזאָגט אַז אין זיין הויז פאַרזאַמלען זיך ייִדן צו דאַווענען שבת. ס׳זענען דאָ אַזעלכע וואָס לערנען אַ בלאַט גמרא אָדער משניות; און מען האָט מיר דערציילט וועגן איינעם, אַן אויסטערלישן פאַרשוין וואָס זאַמלט צונויף די ייִדן ביי זיך אין שטוב און לערנט מיט זיי תורה. כ׳זע קלאָר

יעדער איינצלהייטן פון דער גאַס, דאָס הויז און דעם צימער וווּ ס׳איז מיר דערלאַנגט געוואָרן די מתנה. איך זע די אָדערדיקע האַנט וואָס ציטערט און אויך מיין האַנט צאַפּלט בעת איך האַלט דעם קליינעם לוח.

***

איך געדענק ווען כ׳האָב אַרומגעשפּרייזט מוצאי־שבת צווישן די גאַסן פון דער ווייטער און פרעמדער שטאָט און געזוכט דאָס הויז. איך געדענק גוט דעם הויף אַ באַדעקטן מיט שניי און פון צווישן דעם שניי ווי אַ זויגלינג פון צווישן בלאַנקענדיקע ליילעכער, האָט אַרויס־געקוקט די הייזקע וועמענס פענצטער זענען געווען ביז אַ העלפט איינגעהילט אין שניי. עס איז געווען בין־השמשות און ווען כ׳בין אַריין אין צימער האָב איך קוים געקענט זען. די פינצטערניש האָט אַלץ איינגעהילט אין אַ מין פאָרהאַנג, ווי דער וואָס טיילט־אָפּ צווישן די צושוויער און דער בינע און גאָר לאַנגזאַם האָט אָט דער פאָרהאַנג זיך אויפגעהויבן און ס׳האָב זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט די פאָרמען פון דער הייזקע. ערשט דאַן האָב איך צום ערשטן מאָל געזען דעם זקן, וואָס איז געווען אָנגעשפּאַרט נעבן דער וואַנט און ער האָט מיך אָנ־געקוקט. אַזוי האָב איך זיך געהאַט פאָרגעשטעלט אליהו הנביא, ווען איך פלעג, אין שיין פון מיין וויט־פאַרגאַנגענער קינדהייט, גיין עפע־נען פאַר אים די טיר אין די נעכט פון סדר. אַ ייסע, לאַנגע באָרד האָט פאַרדעקט זיין פנים און ער איז געווען באַדעקט מיט אַ צעריסע־נעם בגד וואָס האָט מיר אויסגעזען ווי אַ מאַנטל. אַ פאַרזשאַווערטער טשיינ‏יק האָט געבורטשעט אויפן פרימוס און אַן איינגענורעטע קאַץ האָט געדרימלט נעבן אייוועלע. צוויי אייזערנע בעטן און אַ נישט געהובלטער טיש מיט בענקלעך אַרום אים, זענען געווען די איינציקע כּעבל פון צימער. אויפן טיש האָבן זיך געפינען די רעשטן פון דעם שלוש־סעודה: די עקן פון הערינג און פּיצלעך ברויט אויף די געמיינע טעלער.

כ׳בין אַריין אין צימער און דער אַלטער איז מיר אַנטקעגנגעקו־מען, ווי ער וואָלט מיך אָפּגעוואַרט, און האָט מיר איינגעלאַדן זיך אַנדערצוזעצן נעבן טיש. ערשט ווען כ׳האָב זיך געזעצט, האָב איך באַמערקט אין אַ ווינקל פון טונקעלן צימער, אַ זאַך וואָס כ׳האָב נישט געזען במשך פון די גאַנצע יאָרן, וואָס מיר האָבן זיך געפונען דאָ אין לאַנד:

אַן אַלטע ביכער-שאַפע איז געווען אַנגעשפּאַרט אין דער וואַנט און אין איר האָבן זיך געפינען העברעיִשע ספרים, גמרא׳ס, משניותן און אַנדערע ספרים, און עטלעכע בענדער וואָס זענען צעפּרעסן געוואָרן דורך דער צייט. ספרים וועלכע מען קען נאָר געפינען אין עפנטלעכע ביבליאָטעקן, זענען דאָ געשטאַנען אויסגעשטעלט ווי טרייע זעל־נער, וואָס היטן־אָפּ די יִדישקייט מיט שטאָלץ, פּונקט ווי זייער גורל וואָלט נישט פאַרשניטן געוואָרן אין דער דאָזיקער אויסטערלישער יִדישער תפוצה.

מיר האָבן זיך געזעצט אַרום טיש און דער זקן האָט גענומען רעדן. זיין שטימע איז געווען אַ טיפע מיט וואַרעמע טענער און איז געווען באַגלייט דורכן זשומען פון טשייניק אויפן פייער און דאָס קרעכצן פון קאַלטן ווינט וואָס האָט געבלאָזן אין דרויסן און האָט פאַרדעקט מיט אַ דינעם שניי־צודעק די שויבן. עפּעס איז געווען אינעם צימער ענלעכס צו אַ חלום און מעגלעך אַז דאָס בורטשען פון דער קאַץ האָט געשאַפן די דאָזיקע אַטמאָספער פון אַ ווייטער, פאַנטאַסטישער וועלט.

דער זקן האָט דערציילט וועגן מנין יִדן ביי אים אין הויז וואָס קומען זיך צונויף פון שבת צו שבת אַרום דעם טיש און לערנען אַ פּרק משנה און אַ בלאַט גמרא, בכדי עס זאָל חלילה נישט פאַרגעסן ווערן די תורה אין די יִדישע הערצער. נאָכדעם פּראַוועט ער שלוש־סעודות און טיילט מיט די אָנוועזנדיקע זיין עסן. ער פאַרלאַנגט נישט, חס וחלילה, קיין שום אָפּצאָל. ער גיט דעם כיבוד פון זיין ברויט. דאָס קומט נישט אָן לייכט, אָבער ס׳איז פיל מאָל שווערער מקיים צו זיין די מצוות און אָנהאַלטן דעם יִדישן פּונק. אין זיין שטוב האָט זיך נישט געלאָזט הערן קיין שום באַשולדיקונג, ער האָט זיך נישט געקלאָגט אויף קיינעם. ער האָט אַלץ דערציילט ווי דאָס וואָלט אַזוי געווען פון ששת ימי בראשית און ס׳איז פאַר אים געווען נאַטירלעך, וואָס דווקא ער דאַרף אָפּהיטן, אַז ס׳זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן דער יִדישער פּונק. זיינע זין און אייניקלעך האָבן זיך צעזייט און צעשפּרייט איבער דער מעכטיקער מדינה. יעדער איינער פון זיי אַרבעט אויף אַ וויכ־טיקן פּאָסטן. ער האָט זיי נישט אַנטפּלעקט זיין סוד און זיי ווייסן נישט וועגן זיינע „זינד״.. ביים לעצטן וואָרט האָט ער טרויעריק אַ לאַך־געטאָן אָבער אויך דער גלעכטער האָט געקלונגען ווי ער וואָלט אָנגענומען דעם פּסק־דין אָן אויסזעצונגען.

אינמיטן זיינע רייד האָט ער עפּעס אָנגעהויבן צו זוכן אין טיש־קעסטל. צוערשט האָב איך נישט באַמערקט וואָס ער האָט פון דאָרט אַרויסגענומען און קוים נאָך אַ פּאָר מינוט האָב איך געזען אַז דאָס איז געווען אַ קליינער לוח, צוזאַמענגעשטעלט פון אַ קינדער־העפט און איינגעבונדן אין קאַרטאָן.

די רעגירער — האָט ער געזאָגט — האָבן צוגעזאָגט אָפּצודרוקן אַ יידישן לוח, בכדי מיר זאָלן וויסן ווען עס פאַלן אויס אונדזערע יום־טובים. ביז איצט איז נאָך אָבער דער לוח נישט אָפּגעדרוקט געוואָרן, אַנו, האָב איך מיט מיינע אייגענע הענט אָנגעשריבן עטלעכע לוחות, כדי די יידן זאָלן וויסן ווען עס פאַלט אויס יום־כיפור, כדי זיי זאָלן, חלילה, נישט זינדיקן מיט עסן אין דעם דאָזיקן טאָג. נעמט, גיט אַ קוק און ער האָט מיר אויסגעשטרעקט דעם לוח וועלכן כ'האָב אָנגעהויבן צו בלעטערן. מיט גרויסע ווערטער און אַ קלאָרער האַנטשריפט זענען געווען אָנגעצייכנט אַלע דאַטעס, אָנהייבנדיק פון וועלט־באַשאַף און ענדיקנדיק מיט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. פון איין זייט די גויישע דאַטע און פון דער צווייטער — די יידישע. די יום־טובים זענען געווען אונטערגעשטראָכן מיט אַ וואַסערדיק געמיינעם טינט. די דאָזיקע אַרבעט האָט זיכער אָװעקגערויבט ביים זקן צענדליקער שלאָפלאָזע נעכט. אויף די לעצטע בלעטער פון לוח איז אויפגעשריבן געוואָרן דער קדיש. „יתגדל ויתקדש" מיט רוסישער שריפט און העברעישן אויסלייג. „דאָס איז פאַר די יונגע וואָס קענען נישט לייענען די העברעישע ווערטער און ווילן מתפלל זיין פאַר די נשמות פון זייערע פאַרשטאָרבענע עלטערן" — האָט מיר אויפגעקלערט דער אַלטער מיט זיין שטילער, רויקער שטימע.

***

איך בין זיכער, אַז היינט־צו־טאָג פאַרמאָגן די יידן פון אַט־דער תפוצה געדרוקטע יידישע לוחות וועלכע עס האָבן פאַר זיי אָפּגעדרוקט די רעגירער. אָבער דעמאָלט, יענעם יאָר, בין איך געזעסן קעגנאיבער דעם זקן און געהאַלטן דעם לוח אין מיינע הענט, וואָס האָבן געציטערט פון גרויס אויפרעגונג. די קאַץ נעבן אייוועלע האָט אויפגעוואַכט, זי האָט אויפגעשטעלט איר רוקן און האָט אויף אונדז אַ קוק געטאָן ווי זי וואָלט זיך צוגעהערט צו אונדזער שמועס. פּלוצים האָט זי זיך אויסגעגלייכט, עפּעס אַ בורטשע געטאָן און נאָכדעם זיך צוריק איינגענורעט און ווידער איינגעדרימלט. דער טשייניק האָט געלאָזט

הערן שאַרפּער זיין געמורמל, ווי ער וואָלט דערמאָנט דעם באַלעבאָס, אַז ס'איז געקומען די שעה פון מכבד זיין דעם גאַסט. דער זקן האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין שטול, האָט גענומען פון אַ ווינקל צוויי גלעזער און אָנגעגאָסן דעם טיי מיט זיין ציטערדיקער האַנט. מיר זענען געזעסן און געזופּט דעם וואַרעמען טיי און ס'האָט זיך מיר גע־דאַכט, אַז איך זע די געשטאַלט וואָס זיצט אַנטקעגן מיר, דורך אַ נישט דורכזעעוודיקן נעפּל און אַז אַלץ איז אַזוי ווייט און נישט רעאַל. אָבער טראָץ דעם דאָזיקן געפיל, געדענק איך גוט דעם שמועס וואָס מיר האָבן געהאַט אין דער דאָזיקער הייזקע, בעת מיר האָבן געטרונקען פון גלאָז טיי. דער זקן האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף ישראל און אירע איינוווינער. ער האָט געוואָלט וויסן פון וואַנען נעמט זיך ביי די סאָל־דאַטן פון צבא הגנה לישראל די דאָזיקע גבורה, וואָס זיי האָבן אַרויס־געוויזן בעת דער באַפרייונגס-מלחמה און דער סיני-אַקציע. מען האָט דאָך במשך פון דורות געמיינט אַז די יידן זענען פּחדנים און שלעכטע סאָלדאַטן און די ישראלים האָבן באַוויזן, אַז עס איז נישט אַזוי... און פּלוצים, אָן זיך צוצוהערן צו מיינע ווערטער, האָט ער זיך אויפ־געשטעלט, צוגעגאַנגען צום ביכער-שאַנק, אַרויסגענומען אַ בוך פון וועלכן ס'האָט זיך געלאָזט פילן דער ריח פון מילבן, האָט זיך צו מיר דערנעענטערט און אָנווייזנדיק מיט זיין אויסגעדאַרטן פינגער אויף איינע פון די בלעטער, האָט ער געזאָגט: „אָט דאָ איז אַלץ פאַר־שריבן, אין אָט דעם ספר פון יאָזעפוס ווע״ן באַשריבן די שלאַכטן צווישן די רוימער און די יידן. די גבורה פון די יידן ווערט פאַרגעזעצט, זי איז נישט איבערגעריסן געוואָרן. ווען נישט די שפּאַלטונג פון יהודה וואָלט רוים נישט געקענט באַזיגן ירושלים; די צה״ל-סאָלדאַטן זענען די יורשים פון יענע קעמפער״.

ער האָט צוריק אַריינגעשטעלט דעם בוך אין שאַנק. דער קליינער לוח איז געלעגן אויפן טיש און מיין האַנט האָט נישט-ווילנדיק זיך צו איר אויסגעשטרעקט. דער זקן האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און האַר־ציק אַ שמייכל געטאָן: „איך זע, אַז איר ווילט דעם לוח. ביי אייך אין ישראל דרוקט מען זיכער אַ סך שענערע לוחות, אָבער אויב איר ווילט אַלס מתנה דעם דאָזיקן קליינעם לוח, נעמט אים אַלס אָנדענק פון אַן אַלטן יידן, וואָס האָט באַשלאָסן אָפּצוהיטן אַז דער יידישער פונק זאָל הלילה נישט אויסגעלאָשן ווערן.

**
*

כ׳האָב גענומען דעם לוח און אים באַהאַלטן אין מיין טאַש. כ׳בין אַרויס פון דער הייזקע און אַ קאַלטער ווינט פון רוסישן ווינטער איז מיך אַנטקעגנגעקומען, פאַרשפּרייטנדיק שניי... איבער אַלץ און אַרבער אַלעמען. כ׳בין אַרויס פון דער כאַטקע אין דער שווערער און טיפער נאַכט, בעת אַ ווייטע לבנה האָט פאַרשפּרייט איבער מיר אַ בלאַסע שיין... אַרום איז געווען שטיל און כ׳האָב נאָר געהערט מיינע טריט אויפן בלאַנקנדיקן שניי. און פּלוצים האָט זיך מיר געדוכט, אַז כ׳נעם אויף אַן אויסטערלישע, ווייטע מעלאָדיע. איך האָב זיך אַרומגעקוקט און קיינעם נישט געזען, אָבער די קלאַנגען האָבן געקלונגען אין מיינע אויערן מיט טויזנטער טענער. זיי זענען געווען נעבן מיר. און דעמאָלט האָב איך אָנגעטאַפּט אין מיין טאַש דעם קליינעם לוח, די מתנה פון אויסטערלישן זקן, דעם שומר פון יידישן פּלאַם אין ווייטן גלות.

יידיש: י. אַדין

אינהאַלט

נישט אויף קיין זילבערנער טאַץ

ערב יום־טוב 11
זי איז געשטאַנען און געוויינט 17
אלמנהשאַפט 21
דער לאָקאָמאָטיוו־הייצער 25
אַ פאַטריאָטישער קוש 28
אַ מיליטערישער פאַראַד 32
אלף־בית 35
מאַמע און טאָכטער 39
וויין נישט, מאַמע 45
גלעד 45

פון אַלע פיר עקן וועלט

די שבתדיקע נשמה־יתירה 53
דער קויש פירות 57
דער פאָרהאַנג 60
פאָר — האַלט! 64
דאָס ייִנגל און זיין פלאַנץ 67
צום נייעם יאָר 70
איך בין פון צפת 72
אַ באַגעגעניש אין מדבר 75
דער שומר אין וואַלד 79
דער זיידע רחמים ברענגט ביכורים 82
אַ טרער אויפן פלעמל 85
קאַרעלן 88
צו דעם אומבאַקאַנטן שאָפער 91

דער ערשטער שמייכל — 96
שאָסייען דערציילן — 100
דוד — 105
איריס — 109
אַ בריוו — 112

גאולה־בענקשאַפטן

אַ באַשיידענע מתנה — 119
די מעלאָדיע — 124
אויסגעהאַלטן עקזאַמען — 130
טויבן — 134
קיבוץ גלויות — 137
צו דיר, יידישע באבע — 141
דער היטער פונעם פלאַם — 146

פאַרלאַג־אַדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

קיום
פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

דערשינענע ביכער:

1. דוד בן־גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף (אויספאַרקויפט)
3. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות-פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.
6. אפרים דקל — געהיים-דינסט פון דער „הגנה" אין ארץ-ישראל
7. ד"ר טעאָדאָר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען
8. י. לעשטשינסקי — דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות-יידנטום
9. מ. גראָס־צימערמאַן — יידן צווישן יידן
10. יצחק בן־צבי — מיט דער צווייטער עליה
11. רחלם לידער
12. מענדל מאַן — די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען
13. אריה לעאָן קובאָווי — וואָרצלען און פליגלען (אויספאַרקויפט)
14. שלמה סיימאַן — אין די טעג פון די ערשטע נביאים (אויספאַרקויפט)
15. יוסף ווייץ — זכרונות (אויספאַרקויפט)
16. אפרים אויערבאַך — גילדענע שקיעה (אויספאַרקויפט)
17. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (אויספאַרקויפט)
18. י. יאַנאַסאָוויטש — מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד (אויספאַרקויפט)
19. פּנחס שטיינוואַקס — ציוניסטן

20-21. יעקב גלאַטשטיין — אין תוך גענומען (צוויי בענד)

22. שלמה ביקל — אַ שטאָט מיט יידן
23. חיים גרינבערג — ייד און וועלט.
24. חיים גרינבערג — מענטשן און ווערטן
25. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (באַנד 2)
26. שלמה ביקל — רומעניע
27. לייב שפּיזמאַן — געשטאַלטן.
28. מ. שענדערייי — דער לעבנסוועג פון ב. דאָבריאַנסקי.
29. מענדל מאַן — על נהרות פוילן (אויספאַרקויפט)

30. לעאָן וויינער — געזאנגען פון געראנגל און אויפקום
31. חיים גרינבערג — בלעטלעך פון א טאָג־בוך
32. יצחק יאַנאַסאָוויטש — אַ שטוב אין שטעטל (2טע אויפלאַגע)
33. לוי אשכול — אין געראנגל פון אויפבוי.
34. זלמן שזר — ליכטיקע פערזענלעכקייטן
35. ימימה טשערנאָוויץ־אבידר — מיט א דינעם שטריך.

אין שפּאַניש:

Marie Syrkin: Al Servicio de una Causa (Agotado)
Ab. N. Polak: Así se forjó el Estado de Israel (Agotado)
Iehuda Burla: Las Hazañas de Acavia (Agotado)
Moisés Hess: Roma y Jerusalem (Versión castellana y estudio preliminar de LEON DUJOVNE). (Agotado)

אין גיכן דערשיינען:

מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (דריטער באַנד)
יהודית הענדעל — ברחוב המדרגות (שפּאַניש)
רחל ינאית — אויטאָביאָגראַפיע
ברזילי־בערגנער — זוהר בחצות (שפּאַניש)

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

•

Copyright by
YEMINA TSCHÉRNOVITZ - AVIDAR
Buenos Aires

•

Este libro se terminó de imprimir el día 20 de marzo de 1964, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S.R.L. - Avda. Corrientes 1976 - Buenos Aires

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

Editado por
Poale Sion Hitajdut
Departamento
Ediciones "**KIUM**"

YEMINA TSCHERNOVITZ - AVIDAR

CON FINO TRAZO

Traducción del hebreo por:
ZALMEN HIRSCHFELD, MOISÉS SENDEREY,
MEIR GRUBSTEIN y JULIO ADIN

Dibujos de
JOSE RATNER - MIRSKY

Buenos Aires, 1964